
EX LIBRIS LIMUWIAE
AMORE·MORE·ORE·RE·FIRMANTUR·AMICITIAE·
No
LIT
215
A

[illegible]

19 31/X 26

KORPORATSIOON
LIMUVIA
TARTU.

כלל-פארלאג

בער באָלעכאָווערס

# זכרונות

אַרויסגעגעבן מיט אַריינפיר
און דערקלערונגען פון
ד״ר מ. ווישניצער

KORPORATSIOON LIMUVIA TARTU.

כלל־פאַרלאַג
בערלין, 1922־תרפ״ג

KLAL-VERLAG
BERLIN SW 68 / MARKGRAFENSTRASSE 73

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922.

Gedruckt in der Klal-Druckerei, Berlin.

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

# אינהאַלט


אריינפיר . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ז. 11

דער היסטאָרישער ווערט פון די „זכרונות“. דעם מחברס געבורט־שטאָט. זיין משפחה. זיין פאָטער ר׳ יהודה. זיינע קינדער־יאָרן און ערציהונג. זיין ערשטע חתונה. דער קולטורעלער מצב פון אידן אָהנויב XVIII יאָרהונדערט. די ערשטע משכילים. ר׳ בערס גט. זיינע לימודים אין תורה און וויסנשאַפטן. דער צווייטער זיווג. זיין לעבן אין טיסמעניץ. די השפעה פון קבלה. זיין לייענען ביכער (באָטעראָ, פריידאָ, יוסף פלאַוויאוס, גראָציאוס, צופף, בעלאַרמיני, ראַדלינסקי א. אנד.). דער סאָציאַלער און פּאָליטישער מצב פון אידן אין לעמבערגער קרייז אינם XVI און XVII יאָרהונדערט. די ירידה פון פוילן. אויפשטאַנד און אַנאַרכיע. וואָס שרייבן פוילישע שרייבערס פון יענער צייט. ר׳ בערס מיינונגען וועגן דער לאַגע. די קאָנפעדעראַציע אין באַר. פירשט סטאַניסלאַוו פּאָניאַטאָווסקי. אינטעררעגנום (דאָס יאָר 1733). די מאַכט פון פריצים און גלחים. פוילנס עקאָנאָמישער חורבן. די אויפלעבונג פון די קליינע שטעט. דער קליינער ווערט פון די פוילישע מטבעות סוף XVIII יאָרהונדערט. די פאָרמען פון קרעדיט און באָרג. אידן פאַרשולדיגן זיך בײַ פריצים און גלחים. די אידישע פּראָפעסיעס. די אָרגאַניזיע פון דער אידישער באַפעלקערונג און איר אינערליך לעבן. געלט־מאַנגל. אידישע שטייערן. די עקאָנאָמישע ירידה פון די פוילישע אידן. דער ועד הארצות און די קהלות. דאָס אָפּשאַפן דעם ועד. ר׳ בערס מיינונג. דער אידישער לעבנס־שטייגער אין יענער צייט. די דאַמאָלסדיגע רבנים. ר׳ חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט. דער וויכוח מיט די פראַנקיסטן אין יאָר 1759. ר׳ בער — דער אָפיציעלער איבערזעצער. די משפחה הורוויץ. השכלה און חסידות. ר׳ בערס טויט. מעמואַרן אין דער אידישער געשיכטע. שלוסוואָרט.

ר׳ בער באָלעכאָווערס זכרונות . . . . . . . . . . ז. 37
די עסקים פון ר׳ בערס פאָטער. אַ נײַ הויז. די חתונה פון ר׳ בערס ברודער. דער נײַער פּריץ. די געשיכטע פון אַ שותּפות. די געשעפטן פון ר׳ בערס ברודער אריה־ליב אין אונגאַרן. ר׳ בער ברייינגט נוצן דעם רב ר׳ חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט דורך זײַנע קענטענישן אין דער פּוילישער שפּראַך. פירשט פּאָניאַטאָווסקי און די פּוילישע פּריצים. ר׳ שאול וואַל דער אַרענדאַר. ר׳ בערס פאָטער באַקאַנט זיך מיטן פירשט פּאָניאַטאָווסקי. ר׳ שאול וואַל ווערט אַ יורד. די שׂרפה אין באָלעכאָוו אין יאָר 1729. נאָך אַ שׂרפה. די שותּפות צווישן פאָטער מיטן זון. דער טויט פון ר׳ בערס מוטער. די ראָליע פונם פירשט פּאָניאַטאָווסקי אין דער צווישנצייט פונם יאָר 1733. שלעכטע צייטן פאַר באָלעכאָוו. דער באָלעכאָווער רב ר׳ יוקל הורוויץ פאָרט אַריבער קיין בראָד. זײַן אָפּשייד־דרשה. דער רב ר׳ מרדכי הורוויץ. דער רב ר׳ משה. ר׳ בערס ערשט ווײַב. דער גט. ר׳ בער וואַרפט אַוועק זײַנע וועלטליכע לימודים. דער צווייטער זיווג. זײַן לעבן אין טיסמעניץ. די דאָרטיגע געלערנטע און שרייבערס. די אידישע סוחרים אין טיסמעניץ און בראָד. אויסוואַל פון אַ באַשעפטיגונג. דער בייזער פּריץ יאַבלאָנאָווסקי. ר׳ בער קערט זיך אום קיין באָלעכאָוו. זײַן זיידע. זײַנע ערשטע געשעפטן אין אונגאַרן. אַ געפערליכע נסיעה אין מאַרמאַראָשער קרייז. אַ מסירה וועגן פּאָשלינע. אַריה ליב טיילט זיך אָפּ פונם שותּפות. דעם פאָטערס צער. ר׳ בער מאַכט מיט אים שותּפות. מישקאָלץ. ר׳ בער מאַכט גוטע געשעפטן. אַ שלעכטער חלום. דער אָנפאַל פון באַוואָפנטע רויבערס אויף באָלעכאָוו. די אידישע קהלה איז אין אַ גרויסער צרה. די שטיצע מצד די פּריצים. דרײַ בקשה־שריפטן. די אונטערהאַנדלונגען מיטן פינאַנץ־מיניסטער. די קהלה דאַרף צאָלן קאָפּ־שטייער. דער סכסוך צווישן פאָטער מיט זײַן שנור. נײַע אונטערהאַנדלונגען מיטן פינאַנץ־מיניסטער. די שותּפות צווישן ביידע ברידער. אונטערהאַנדלונגען מיט די אַלופים אין לוואָוו. לויטן באַפעל פונם לוואָווער בישאָף ווערט פאַרמאַכט די באָלעכאָווער שול. די נײַע וואָג. דער ווײַן־מסחר. דער שידוך פון ר׳ בערס זון יוסף. דער ווײַן־מאַרק אין אונגאַרן. דער מסחר מיט מטבעות. די פאַרבינדונג מיט אַ פראַנצויזישן ווײַן־סוחר. דער גרויסער טריבונאַל פון פּוילן פאָרט אַריבער פון לובלין קיין לוואָוו. די חתונה מיט גרויסאַרטיגער שיינקייט. די פּוילישע מטבעות פאַרלירן זייער ווערט צוליבן אויפטו פונם פּרייסישן קיניג. אַ געשעפטליכע נסיעה קיין

אונגאַרן. די מעשה מיטן גנב. דאָס אידישע לעבן אין אונגאַרן. ר׳ יצחק אייזיק טויב. די זיצונגען פונם גרויסן בית־דין אין לוואָוו. דער נייער באָלעכאָווער פריץ. דער שטריינגער אַגענט. די צרות פון אידן. ר׳ אריה ליב איז מציל זיין קהלה. בעל־כּרחא־אַרענ־דאַרן. ר׳ נחמן דער אַרענדאַר. ער איז דער גורם פון דער גרויסער אָפּשאַצונג. די מייסטערשאַפט פון די אידישע גאָלדשמידן. די פּייער־רינער אין אונגאַרן. וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די אונגאַרן. פרייראָס בוך וועגן אַלטן און נייעם טעסטאַמענט. דער פרייז פון די פּוילישע מטבעות פאַלט. געפעלשטע מטבעות. דאָס אָפּשאַפן דעם וועד ארבע אַרצות. נייע שטייערן. ר׳ בער גיט צו אַ גרויסן ווערט די מעשים פונם ועד. דאָס אָפּשאַצן פון די שטייער־צאָלער אין באָלעכאָוו. די פאַרזאַמלונג פון די אידישע אַלופים אין לוואָוו. ר׳ בערס טובות פאַר זיין קהלה. די קאָנפעדעראַציע אין באַר. דער ערשטער צעטייל פון פּוילן. ר׳ בערס מיינונג. שלעכטע צייטן. קרעדיט־מאַנגל. אויסגעלאָזט זיך דאָס געלט. די אַרענדע פון באָלעכאָווער הכנסות. ר׳ בער אַלס אַרענדאַר. די אַרענדע איז ניט געלונגען. בקשות צום פריץ. ר׳ בער דערמאָנט זיך אָן זיינע פריהער־ריגע געשעפטן. זיין קענטשאַפט מיט לעבערי. לעבערי גיט ר׳ בערן פרייראָס בוך פאַר שאָפענע פעלן. דער אינהאַלט פונם בוך. דער וויין־מסחר. נסיעות קיין אונגאַרן און דער פאַרקויף אין לוואָוו. זיינע געשעפטן מיטן פירשט פּאָניאַטאָווסקי פון קיעוו. דער מאָסקווער פריץ. די שותפות מיטן ברודער ווערט ר׳ בערן נמאס. זיי צעטיילן זיך.

## ערשטע הוספה . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ז. 147

די קריטיק פון פרייראָס מיינונגען וועגן משיחס קומען. דער גלח ראדלינסקי. ר׳ בער אַלס איבערזעצער אויפן ויכוח מיט די פראַנקיסטן.

## צווייטע הוספה . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ז. 149

ר׳ בערס ליטעראַרישע פּראָגראַם.

בער באָלעכאָווער / זכרונות

# אריינפיר

דאָס XVIII־טע יאָרהונדערט איז אַן אינטערעסאַנטע עפּאָכע אין דעם אַלגעמיינעם לעבן בכלל און אינעם אידישן בפרט. די גרויסע גייסטיגע און פּאָליטישע באַוועגונגען פונם ראָזיגן יאָרהונדערט האָבן זיך אייגנאַרטיג אָפּגעשפּיגלט אינם אידישן פאָלקס־לעבן. אַן אויסערגעוויינליכן אינטערעס האָט פאַר אונז די דערציילונג פון אַ מענשן, וואָס האָט אין יענער צייט גע־לעבט, און מיר האָבן איצט די מעגליכקייט באַקאַנט צו מאַכן דעם לעזער מיט אָט דער דערציילונג — דאָס זיינען די זכרונות פון בער באָלעכאָווער.

אין דעם אַלטן וואָיעוואָדישן לעמבערגער געריכט, וועלכער עס האָט אין די צייטן פון דער אַלטער פּוילישער רעפּובליק געפּסקענט סכסוכים צווישן אידן און ניט־אידן, איז פאַרבליבן דער ענין פון אַן אָנקלאָגע, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרן קעגן „לייבע און בערעק, תושבים און הענדלער פון באָלעכאָוו און וויין־סוחרים אין לעמבערג"[1]

לייבע און בערעק זיינען צוויי פּשוטע נעמען, וואָס זאָגן אונז גאָרנישט, און קוים וואָלט עמיצער אינטערעסירט זיך מיט זיי, ווען מ'וואָלט ניט אַנטדעקט אָט די ראָזיגע ראָקומענטן, וואָס וואַרפן אַ שיין אויף די צוויי ברידער, וואָס זיינען אין זייער דור געווען באַוואוסט אַלס אָנגעזעהענע אידישע כלל־טוער. דער יונגערער פון די צוויי ברידער, בער אָדער בערעק, האָט אָנגענומען אויף דער עלטער דעם פאַמיליען־נאָמען בירקענטאַל; ער האָט געשריבן מעמואַרן, איבערגעזעצט פון פרעמדע שפּראַכן אויף העבּרעאיש, און איז דער מחבר פון אַ ווערק וועגן דער סעקטאַנטן־באַוועגונג צווישן אידן. אין זיינע „זכרונות", ווי אויך אין דעם אַנדערן ווערק, דערמאָנט ער אָפט זיין עלטערן ברודער אריה־ליבן אַלס אַ געניטן פאַרזאָרגער פון קהל.

בערס כתבים זיינען וויכטיגע היסטאָרישע ראָקומענטן, דערהויפּט זיינען זיי ווערטפול, ווייל זיי זיינען אַ יקר המציאות. דאָס ווערק וועגן די

---

[1] ז. Z. Pazdro, Organizacya i praktyka żydowskich sądów podwojewodzińskich w okresie 1740—1772, Lwów, ז. 35.

סעקטעס, וואָס הייסט „דברי־בינה“, האָט מען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַנטדעקט אין דער טאַרנאָפּאָליער ביבליאָטעק, וואָס איז אויף יוסף פּערלס נאָמען. געוויסע טיילן פון אים האָט פאַרעפנטליכט ד״ר א. בראַווער[1]. די „זכרונות“ האָט געפונען אינם „רזשואיש קאָלערזש“ (אידישער ראַבינער־סעמינאַר) אין לאָנדאָן אין יאָר 1912 ד״ר אַ. מאַרמאָרשטיין, וועלכער האָט נאָר אָפּגעדרוקט אַ פּאָר פראַגמענטן[2].

ס׳איז אוממעגליך געווען אויסצופאָרשן, ווי אַזוי די „זכרונות“, אַ ווערק פון אַ גאַליציש מחבר, זיינען געקומען קיין לאָנדאָן אין אידישן ראַבינער־סעמינאַר. אין דער פאָרם, ווי מיר זעהען זיי איצט, זיינען די „זכרונות“ פון בער באָלעכאָווער ניט קיין גאַנץ ווערק, אין וועלכן מען זאָל קאָנען זעהן אַ פולשטענדיגע ביאָגראַפיע פונם מחברס לעבן; מיר פאַרמאָגן נאָר אַ רייהע אַוטאָביאָגראַפישע פראַגמענטן, וואָס שילדערן צום טייל דאָס אידישע לעבן, עפּיזאָדן פון דער פּוילישער געשיכטע, גענוי באַשריבענע פאַקטן פון דעם עקאָנאָמישן לעבן, פאַמיליען־כראָניקעס, וואו־ניט־וואו צע־וואָרפענע געדאַנקען און מיינונגען וועגן פאַרשיידענע ליטעראַרישע און סאָציאַלע פראַגן און ציטאַטעס פון דעם מחברס העברעאישע איבערזעצונגען פון פּוילישע און דייטשע היסטאָרישע ווערק — דאָס אַלץ ניט סיסטע־מאַטיזירט און איין זאַך אויסגעמישט מיט אַ צווייטער.

דער כתב־יד איז געשריבן אין העברעאיש אויף 95 בלעטלאַך, 21 אויף 13 צענטימעטער די גרייס, און איז געשריבן מיט אַ קורסיוו־שריפט פונם XVIII-טן יאָרהונדערט[3]. די ערשטע 4 זייטן ברייננען ציטאַטעס (אויף העברעאיש) פון דעם ראַמאָלדינגן באַרימטן ספר „רעלאַטיאָני אוניווערסאַלי“ פון דזשאָוואַני בענעסיאוס באָטעראָ — אַ ספר, וואָס בער באָלעכאָווער האָט שטודירט אין אַ פּוילישער איבערזעצונג. די ווייטערע 9 זייטן האָבן שוין אַ שייכות צו אַן אַנדער היסטאָרישן ווערק מיטן נאָמען „דער אַלטער און נייער טעסטאַמענט... א. אַז. וו.“ פון דעם ענגלישן טעאָלאָג און געשיכטע־שרייבער האָמפריי פרײדאָ — אַ ווערק, וואָס אונזער מחבר האָט זעהר געשעצט, ווי מיר וועלן נאָך ווייטער זעהן. אויף זייטל 14 טרעפן מיר שוין אַ נייע זאַך — דער מחבר זאָגט אַרויס עטליכע שאַרפע ווערטער קעגן די בלבולים אויף דער אידישער אמונה. אין צוזאַמענהאַנג מיט

---

[1]) מקור עברי חדש לתולדות פראנק וסיעתו. „השלח“ 1917, כרך ל״ג און 1920, כרך ל״ח.
[2]) אין „Die Memoiren Beer Bolechows, „Zeitschrift für Hebräische Bibliographie, XVI, 84—91“. נאָך א פּאָר אנדערע פראַגמענטן זיינען פאַרעפנטליכט געוואָרן דורך ד״ר מ. לעווין אין „Jahrbuch der Jüdisch-Litterarischen Gesellschaft“, Frankfurt a/M. XI, 1916.
[3]) נומער 31 פון די מאַנוסקריפּטן אינם „דזשואיש קאָלעדזש“.

דעם דערמאָנט בעת באַלעכאָווער די ראָליע, וואָס ער גופא האָט געשפּילט באַ דעם וכּוח מיט די פראַנקיסטן אין 1759־טן יאָר. אַגב דערציילט ער אונז, אַז אַ פּוילישער שליאַכטיטש, וואָס איז בייגעווען באַם דיספּוט, האָט אים געשיינקט דעם אויבנדערמאָנטן ספר פון באָטערא. פון זייט 15 ביז 24 געפינען מיר ווייטערע ציטאַטעס פון דעמזעלבינן ספר. ווייטער גייען פאַרשיידענע קאַפּיטלאַך פון האָמפּריי פּרייראָס ווערק „דער אַלטער און דער נייער טעסטאַמענט...", וואָס ציהען זיך ביז זייט 42 פון אונזער כּתב־יד. אין איין שטעל אויף זייט 34, רייסט ער אינמיטן איבער און דערציילט פון זיין פּלאַן צו שרייבן אַ ספּעציעלן חיבור וועגן די פאַלשע טענות און בלבולים אויף דער אידישער אמונה.

די עצם „זכרונות" הויבן זיך ערשט אָן אויף זייט 43 און גראָד מיטן לעצטן וואָרט פון אַ פראַזע. דער אָנהויב פון דער פראַזע איז אונז ניט באַקאַנט. ביז דער זייט 190 ציהט זיך דעם מחברס שילדערונג פון זיין לעבן און פון זיין צייט, אָבער אויך דאָ איז ניטאָ קיין שטרייגגע אויסגע־האַלטנקייט אין פּרט פון כראָנאָלאָגיע און סיסטעמאַטישקייט. מיר האָבן בלויז זעקס פאַרשיידן־גרויסע פראַגמענטן, וואָס הויבן זיך אָפּט אָן אין דער מיט פון אַ זאַך און ענדיגן זיך אויף דעמזעלבינן אופן. דער מחבר פאַררופט זיך אָפט אויף אַזעלכע טיילן פון זיינע „זכרונות", וואָס זיינען אונז ניט באַקאַנט און זיינען מסתּמא פאַרלוירן געגאַנגען. קורץ קאָן מען זאָגן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַן אַוטאָביאָגראַפיע אָהן אַן אָנהויב און אָהן אַ סוף — אַ גרויסן פראַגמענט, און דאָך אַ זעהר וויכטיגן און אינטערע־סאַנטן היסטאָרישן דאָקומענט, מיט וועלכן ס'איז כּדאי צו באַקענען דעם ברייטן אידישן עולם.

אונזער אויסגאַבע פון די „זכרונות" איז צוזאַמענגעשטעלט שטרייגג לויטן סדר פונם כּתב־יד, און מיר האָבן נאָר דורכגעלאָזן אַ פּאָר ערטער, וואו ס'חזרט זיך איבער איין און די זעלבע זאַך; צום סוף ברייגגען מיר איינינע אַוטאָביאָגראַפישע פאַקטן, וואָס זיינען צעזייט אויף די ערשטע 42 זייטן (ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, זיינען די ערשטע 42 זייטן בלויז איבער־זעצונגען פון אַנדערע ווערק, האָבן צו דער ביאָגראַפיע קיין שייכות ניט און גייען מחמת דעם ניט אַריין אין אונזער אויסגאַבע).

די שטאָט באָלעכאָוו, פון וואַנען אונזער מחבר שטאַמט, ליגט אין מזרח־גאַליציע, נאָר נאָהענט צו די קאַרפּאַטן. די שטאָט איז געבויט געוואָרן אין יאָר 1612 פון דעם שליאַכטיטש ניקאָלאַי גיערזינסקי און האָט באַקומען פון איר גרינדער אַ באַזונדער פּריווילעגיע. לויט דער פּריווילעגיע האָבן די איינוואוינער פון אַלע דריי נאַציאָנאַליטעטן — אידן, פּאָלאַקן און רוטענער — געהאַט גלייכע רעכט און די זעלבינע התחייבותן בנוגע צום

אייננטימער פון דער שטאָט. יעדער ניי־אויסגעקליבענער בירגערמייסטער פון דער שטאָט האָט געמוזט, בשעת ער פלעגט אָנגעמען די שטעלע, געבן אַ שבועה אָפּצוהיטן גלייך די רעכט און אינטערעסן פון אַלע דריי נאַציאָנאַליטעטן. אינם XVII־טן יאָרהונדערט האָט אין באָלעכאָוו געהערשט אַ פולשטענדיגע האַרמאָניע צווישן אידן און ניט־אידן; די אידן האָבן געהאַט דעם פולן צוטרוי פון דער איבעריגער באַפעלקערונג, און ס'איז באַוואוסט אַ פאַקט, ווען דער מוניציפּאַליטעט האָט באַאויפטראָגט מיט אַ זעהר וויכטיגער שליחות צוויי פאַרטרעטער־אידן. דער באָלעכאָווער פּריץ האָט זיך זעהר גוט באַצויגן צו דער אידישער באַפעלקערונג און נאָך אַ שרפה, וואָס איז פאָרגעקומען בשעת אַן אָנפאַל פון די טאָטערן (אַזעלכע אָנפאַלן זיינען אין דער צווייטער העלפט פונם XVII־טן יאָרהונדערט געווען ניט קיין זעלטענע ערשיינונג), האָט ער געליען די אידן אַ גאַנץ באַדייטנדע סומע, כּדי זיי זאָלן ווידער קאָנען אויפשטעלן זייער עקאָנאָמישן מצב[1].

מיר האָבן געפונען פאַר נויטיג אָנצווייזן אויף די אויבנדערמאָנטע באַציהונגען אינם XVII־טן יאָרהונדערט, כּדי געבן די מעגליכקייט צו גלייכן מיט ריזעלבע פאַרהעלטענישן אינם XVIII־טן יאָרהונדערט, וואָס וועלן ווייטער בולט קלאָר ווערן פון אונזערע „זכרונות“.

אין דעם מחברס צייטן איז באָלעכאָוו געווען באַוואוסט מיט זיינע זאַלץ־גרובן[2], פון וואָס ס'האָבן געצויגן זייער חיונה גרעסערע און קלענערע אידישע אַרענדאַרן, ווי אויך אַנדערע זאַלץ־הענדלער. אַ חוץ זאַלץ, האָבן זיך די אידן פון באָלעכאָוו נאָך באַשעפטיגט על פּי רוב מיט וויין, פּי־און פּערד־האַנדל, ווי אויך מיט אַנדערע מסחרים.

די קרעמערס זיינען געווען פאַראייניגט אין אַ באַזונדערער חברה, וועלכע ווערט דערמאָנט און באַשריבן אין די „זכרונות“. אייניגע באָלעכאָווער אידן, ווי למשל, דער פאָטער פון אונזער מחבר, האָבן געהאַלטן אין אַרענדע פּריצישע פאָסעסיעס.

מיר קאָנען ניט דערגיין, ווען דעם מחברס אבות האָבן זיך באַזעצט אין באָלעכאָוו. דער עלטסטער מקור פון זיין פאַמיליע־שטאַם באַציהט זיך אויף אַ געוויסן יהודה־ליב, וואָס איז געווען דער עלטערזיידע פון אונזערן מחבר. יהודה־ליבס זון, ר' הירש, האָט געשטאַמט פון מעזעריטש (באַ בּריסק דליטא) און איז געווען 8 יאָר אַלט, בשעת די רדיפות פון כמעלניצקים צייטן. מיר ווייסן ניט, ווי אַזוי און ווען ר' הירש איז געקומען צו באַזעצן זיך אין באָלעכאָוו, די „זכרונות“ שילדערן אים אַלס אַ בכבודיגן זקן, וועלכער האָט געלעבט אינם הויז פון זיין זון יהודה (דעם מחברס פאָטער),

[1] ז. „Allgemeine Zeitung des Judentums“, 1879, 283—285.

[2] ז. Słownik Geograficzny אונטערן וואָרט „Bolechow“.

איז געווען געאַכט פון דער גאַנצער פאַמיליע און איז געשטאָרבן מיט אַ זעהר רוהיגן טויט אין 1743 אין דער עלטער פון 104 יאָר.

דעם מחברס פאָטער, יהודה, געבוירן אין 1673, איז געווען אַ בעל־אכסניה, אַ זעהר געניטער ווייז־סוחר און אַ חוץ דעם, ווי ס'איז שוין דער־מאָנט, האָט ער זיך אַ געוויסע צייט באַשעפטיגט מיט אַרענדע. זיין הויפּט־באַשעפטיגונג איז פאָרט געווען ווייז־מסחר מיט אונגאַרן. ער איז גרינדליך געווען באַקאַנט מיט די ווייז־מאַרקן אין אויבער־אונגאַרן און געהאַט אַ גרויסן קרעדיט באַ די אונגאַרישע ווייז־פּראָדוצירער. דער ראָזיגער יהודה איז געווען אַ זעהר בנעימותדיגער מענש, אַ נוח לבריות און איז געווען באַליבט סיי באַ ניט־אידן, ווי באַ אידן; באַ פּאָלאַקן, ווי באַ אונגאַרער; ער האָט באַהערשט ביידע שפּראַכן — פּויליש און אונגאַריש — אַזוי גוט, ווי זיין מוטער־שפּראַך אידיש. ער איז געווען אַ מייסטער צו דערציילן משלים און מעשיות אין אַלע דריי שפּראַכן. אַ דאַנק זיינע שפּראַך־קענטעניש האָט יהודה געהאַט די געלעגנהייט צו זיין אַן איבערזעצער צווישן אונגאַרישן קיניג פראַנץ דעם צווייטן ראַקאָטשי און דעם פּוילישן קרוין־העטמאַן סיעניאַווסקי. יהודה איז געשטאַנען אין נאָהענטע באַציהונגען מיט פּוילישע מאַגנאַטן און שליאַכטיטשן; מיט איין וואָרט, ער איז געווען אַ געניטער מענש אין וועלט־זאַכן, פון דעם מין אידן, וואָס האָט זיך ניט איינגעשלאָסן אין די ד' אמות פון דער אידישער גאַס און געהאַט אַ טיפן אינטערעס צו אַלערליי ניט־אידישע ענינים. ער איז געווען אַ בעלן צו דערציהען זיינע קינדער אויף דעמזעלבן אופן, געבן זיי אַ וועלטליכע בילדונג און לערנען זיי פרעמדע שפּראַכן. אָט דאָס איז געווען דער גייסטיגער פּרצוף פון דעם מחברס פאָטער. דער זון איז נעגאַנגען אין דעם פאָטערס וועג. פון דעם מחברס מוטער ווייסן מיר נאָר ווייניג. זי איז געשטאָרבן, בשעת דער יונגער בער איז אַלט געווען 14 יאָר.

בער באָלעכאָווער איז געבוירן געוואָרן דעם 13־טן מערץ 1723. זיינע עלטערע ברידער, אַקסילראָד־בענדעט און אריה־ליב, זיינען געווען: דער ערשטער — אַ למדן, דער צווייטער — אַ ווייז־סוחר און אַ קהלה־טוער. אַ יונגערער ברודער, זאב־וואָלף, איז אויך געווען אַ סוחר. מיר ווייסן נאָך פון דעם מחברס אַ שוועסטער, וואָס האָט געהייסן בלומע.

פון קינדוווייז אָן איז בער דערצויגן געוואָרן שטרייננג־טראַדיציאָנעל; זיינע מלמדים זיינען געווען — איינער ר' אליעזר ליבער און דער צווייטער אַ געוויסער ר' יוסף; אויסער דעם האָט ער נאָך, ווי ס'ווייזט אויס, געלערנט שיעורים באַם באָלעכאָווער רב יוקל סעגאַל־הורוויץ. אויסער די העב־רעאישע למודים, האָט בער נאָך אין דער יוגנט אָנגעהויבן צו לערנען

פויליש און לאַטיין, צוליב די ראָזינגע למודים האָט דער פאָטער פאַר אים געדונגען אַ קריסטליכן לערער. דאָס איז צו באַטראַכטן אַלס אַן אויסער־געוויינליכן פאַל פאַר יענער צייט. פון שלמה מיימונס אַווטאָביאָגראַפיע קאָנען מיר זעהן, אַז עס איז געווען אַן אוממעגליכע זאַך אין יענער צייט צו לערנען פויליש אָדער לאַטיין בײַ אַ קאַטוילישן לערער[1]. בײַ ראָזענגן איז דערצויגן געוואָרן בײַ מער גינסטיגע תּנאים. זיין פאָטער איז געווען אַן אויפגעקלערטער מענש און געגוג טאָלעראַנט, כּדי צו בילדן זיינע קינדער אין וועלטליכע לימודים, און ס׳האָט אים ניט אויסגעמאַכט צו האַלטן בײַ זיך אין שטוב אַ קריסטליכן לערער.

צו 15—16 יאָר האָט בער חתונה געהאַט און האָט שלעכט אָנגעטראָפן. „זי האָט ניט געפּאַסט פאַר מיר", דערקלערט בער אַליין אין אַ סך יאָרן אַרום. ער האָט זיך מיט איר געגעט דריטהאַלבן יאָר אַרום נאָך דער חתונה, ניט האָבנדיג קיין קינדער. דער גט האָט דעם יונגען גרויסן מתמיר געגעבן צוריק די פרייהייט, און ער האָט זיך ווידער אַמאָל געגומען נאָך מיט אַ גרעסערן חשק צו זיינע באַליבטע לימודים. דאָ האָט ער זיך אָבער אָנגעשטויסן אָן דער פיינטליכער באַציהונג מצד דעם אידישן עולם פון באָלעכאָוו. דער פאַקט פון גט און זיין שטודירן פויליש מיט לאַטיין בײַ אַ קריסטליכן לערער האָט אַרויסגערופן אַ חשד אין די אידישע קרייזן, און מ׳האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר בערס אידישקייט. אונטערן איינדרוק פון אַזאַ דריקנדיגער אַטמאָספערע, האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן פון לערנען פרעמדע שפּראַכן און זיך גענומען צוריק אויסשליסליך צו העברעאישע לימודים.

די קליינע אינערליכע דראַמע אין בערס לעבן, זיינע אינטעלעקטועלע אינטערעסן, זיינע אילוזיעס און אַנטוישונגען, וואָס זיינען דער גורל פאַר אַ סך יונגעלייט מיט גייסטיגער אַמביציע, וואָלטן פאַר זיך אַליין אפשר ניט געהאַט קיין אינטערעס; זיי באַקומען אַ באַזונדערע באַדייטונג, ווען מ׳נעמט אין אַכט די עפּאָכע, אין וועלכער די באַשריבענע געשעהענישן קומען פאָר. בער איז געבוירן געוואָרן אַן ערך מיט 30 יאָר פריהער פאַר שלמה מימון און אויך פאַר משה מענדעלסאָן, און ס׳איז גאַנץ אינטערעסאַנט, אַז שוין אין יענער צייט באַגעגנען מיר אין מזרח־גאַליציע די ערשטע קערענדלאַך פון דער שפּעטערדיגער השכּלה־עפּאָכע, וועלכע האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע אינם אידישן לעבן. ס׳איז שוין לאַנג פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז מענדעלסאָן האָט געהאַט פאָרגייער. די ראָזינגע „זכרונות" באַווייזן אַן איבעריג מאָל די ריכטיגקייט פון דער ראָזינגער השערה. דער מחבר

[1]) זייט 89, Salomon Maimon's Lebensgeschichte, 1792

דערציילט אונז, אַז ער האָט געפונען אין שטעטל טיסמעניצע (בּאַ סטאַניס־לאַוואָוו), וואו ער האָט געלעבּט אַ פּאָר יאָר אינם הויז פון זיין צווייטער פרוים עלטערן, אַ גרופּע יונגעלייט, וואָס האָבּן זיך אינטערעסירט מיט ליטעראַטור און זיך אָפּגעגעבּן ספּעציעל מיטן שטודיום פון דער העבּרעאישער שפּראַך. איינער פון זיי מיטן נאָמען יוסף קאָפּל איז געווען אַ „מערק־ווירדיגער שרייבּער אין לשון־קודש" און האָט איבּערגעלאָזט אַ פּאָר ליטע־ראַרישע ווערק, וועלכע זיין פריינט האָט מיט גרויס אָפּשיי געהיט אין זיין ספרים־שראַנק.

אין בּאָלעכאָוו און טיסמעניצע, אין בּראָד און אין אַנדערע שטעט און שטעטלאַך פון מזרח־גאַליציע זעהען מיר אינם XVIII־טן יאָרהונדערט אַ נייע בּאַוועגונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש מיט איר פריינגעאָנגענער בּאַציהונג צו וועלטליכער קולטור און איבּערגעגעבּנקייט צו דער העבּרעאישער שפּראַך. ס'איז געווען ערב אַ נייער עפּאָכע, מיר זעהען די פּיאָנערן פון דער השכּלה בּאַ דער אַרבּעט, איידער מענדעלסאָן האָט נאָך אַרויסגעלאָזט זיינע נייע לאָזונגען. די ראָזיגע פריהע השכּלה־פּיאָנערן פון בּערס דור זיינען אָבּער ניט אַריבּערגעטראָטן די שוועל פון דער אַמאָליגער טראַדיציע און אָפּ־געהיט אַלע אידישע מנהגים גלייך מיט דער גאַנצער אָרטאָדאָקסישער מאַסע. ווי בּאַוואוסט, איז אינם XIX־טן יאָרהונדערט מזרח־גאַליציע ווידער אַמאָל געוואָרן אַ הויפּט־צענטער פון דער השכּלה־בּאַוועגונג[1]. און מיר מיינען, אַז ניט קיין קליינער צוזאַמענהאַנג געפינט זיך צווישן דעם שפּעטער־דיגן אויפבּליהען פון דער השכּלה־בּאַוועגונג און יענע פּאַרצייטיגע התחלות, וועלכע האָבּן געבּרויזט נאָך מיט אַ יאָרהונדערט צוריק. עס איז לייכט צו דערקענען די ראָזיגע ערשיינונג. בּראָד, לעמבּערג, טיסמעניצע, בּאָלעכאָוו און אַנדערע שטעט האָבּן זיך שטענדיג, ווי אין XVIII־טן, אַזוי אויך אין XIX־טן יאָרהונדערט געפונען אין אַ לעבּהאַפטן האַנדלס־פּאַרקער מיט דער אויסער־ליכער וועלט, דערהויפּט מיט די גרויסע דייטשע מערק; דאָס האָט נאַטירליך געוועקט אַ גרויסן אינטערעס צו אַלגעמיינער בּילדונג און וועלטליכער קולטור.

בּער איז ניט געווען פון יענע היציגע קעפּ, וואָס האָבּן בּאַלד נאָכן פּאַרזוכן דעם עץ־הדעת אַראָפּגעוואָרפן דעם עול פון די אידישע רעליגיעזע מנהגים. אויבּ ער האָט זיך אפשר אין זיינע יונגע יאָרן פּאַרהאַלטן קריטיש צו דער אָנגענומענער מעטאָדע פון תּלמוד לערנען, הערן מיר פון אים אויף דער עלטער רייהן וועגן תּלמוד־פּלפּול אָהן שום איראָניע און קריטיק[2].

[1] ז. Max Weissberg, Die Neuhebräische Aufklärungs - Litteratur in Galizien, 1898.

[2] ז. „השלח", כרך ל"ג, זייט 150.

אין טיסמעניצע האָט ער נאָך געהאַט געלעגנהייט צו פאַרפולקאָמען זיינע גמרא־קענטעניש באַם דאָרטיגן רב מאָניש[1] און באַ איינעם ר׳ יצחק, וועלכער איז געווען דערנאָך רב אין גוואָזדיעץ. דאָרט אין טיסמעניצע האָט בער זיך געפונען אַפילו אונטער דער השפעה פון קבלה; דער ספר „חמרת ימים“ פון נתן העזתי, דעם נביא פון שבתי צבי, האָט דערגרייכט אין בית־המדרש און געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין די מחות פון די תלמידים. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסצורופן שדים, זיך גופא צו פייניגן, וואַרפן שטיינער אויף דער ברוסט און זיך אויסציהען אויף דער ערד בשעת קריאת התורה. בער האָט אויך אָנטייל גענומען אין אַזעלכע קבלהשע עקספערימענטן. „עס דוכט זיך מיר“, האָט ער געשריבן אויף דער עלטער, „אַז ס׳איז אוממעגליך פאַר עמיצן איבערצוטראָגן אַזאַ מין פייניגן זיך, ווי איך אַליין האָב איבערגעטראָגן אין מיין יוגנט[2]“. ס׳איז כדאי אין צוזאַמענהאַנג דערמיט צו באַמערקן, אַז דער קאַנט, וואו בער האָט געלעבט, ד. ה. די געגנט פון קאַרפּאַטן (דרום גאַליציע און צפון אונגאַרן) איז געווען אַ צענטער פול מיט שבתי־צביניקעס. די שטעט נאַדוואָרנאָ און מאַרמאַראָש־סיגעט זיינען באַזונדערס געווען באַקאַנט אַלס נעסטן פון שבתי־צבים אָנהייגנער. בער איז געווען באַקאַנט מיט די סעקטאַנטן, וואָס פלעגן זיך אָפּשטעלן אין זיין פאָטערס אכסניה[3].

נאָך דער חתונה מיט זיין צווייטער פרוי האָט בער זיך גענומען צו מסחר, וואָס איז געוואָרן זיין פראָפעסיע אויפן גאַנצן לעבן. דאָס האָט אים אָבער ניט אָפּגעהאַלטן צו אינטערעסירן זיך שטענדיג מיט ליטעראַרישע און בכלל אינטעלעקטועלע ענינים. אין פרייע שעהן האָט ער ווייטער געלערנט זיינע לימודים אין דערזעלבער ריכטונג, ווי ער האָט אָנגעהויבן אין דער יוגנט. ער איז געווען אַ בקי אינם ברייטן פעלד פון אידישע לימודים, ווי תלמוד, זוהר, מיטלאַלטערליכע פילאָזאָפיע, אַפּאָלאָגעטיק און רבנישע ליטעראַטור. ער האָט געזאַמלט ספרים פון אַלע דערמאָנטע געביטן און האָט שטאָלצירט צו האָבן אַ רייכע ביבליאָטעק. אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך פאַרפולקאָמט אין פויליש און לאַטיין און געלערנט אויך פראַנצויזיש און דייטש[4]). ער האָט אויך געלייענט ביכער אויף די דערמאָנטע שפראַכן, באַזונדערס אויף דייטש און פויליש. בער האָט זיך דער עיקר אינטערעסירט מיט הומאַניטאַרע וויסנשאַפטס־געביטן — געשיכטע, טעאָלאָגיע, רעליגיעזע פּאָלעמישע ליטעראַטור א. אַ. וו.

---

[1]) דאָרט, זייט 152.

[2]) דאָסזעלבע.

[3]) דאָרט, זייט 331.

[4]) וואָס אָנבאַלאַנגט פראַנצויזיש, ז. דאָרט, זייט 151, וועגן דייטש – „זכרונות“.

אַן איבערזיכט פון די ביכער, וועלכע בער, ווי ווייט מיר האָבן געקאָנט פעסטשטעלן, האָט שטודירט און טיילווייז אויך געפּרובט איבערזעצן אויף העברעאיש, איז גאַנץ וויכטיג, ווייל ס׳איז אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס אַן אינטעליגענטער איד אין יענע צייטן פלעגט לייענען. לויט אונזער מיינונג איז בער ניט געווען קיין יוצא מן הכלל, געווים זיינען געווען נאָך אַזעלכע ווי ער.

בערס מח איז געווען באַהערשט פון די העברעאישע און תּלמודישע שטודיען, דעריבער איז פאַר אונז גאַנץ קלאָר זיין באַזונדערער אינטערעס צו ספרים פון געאָגראַפיע און געשיכטע פון די מזרח־פעלקער און מזרח־לענדער. די אויבנדערמאָנטע צוויי ווערק פונם איטאַליענער באָטעראָ[1]) און ענגלענדער פּריידאָ[2]) האָבן געגעבן גענוג שטאָף זיין נייגירינקייט, וועלכע איז געווען אַנטוויקלט אין דער ראָזינער ריכטונג. ווען מיר קוקן זיך צו צו די פּאָר שטעלן פון זיינע איבערזעצונגען, זעהען מיר, אַז זיין גרעסטער אינטערעס איז געווען געווענדט אויף אַזעלכע געביטן, ווי דאָס אַלטע בבל, פּרס ומדי, אַביסיניע און אַנדערע. בער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם, וואָס באָטעראָ זאָגט, אַז די אַביסינער האָבן אָנגענומען דעם אידישן גלויבן אין דער צייט פון מלך, דעם זון פון דער מלכּת שבאָ און שלמה המלך. דער ספר פון פּריידאָ וועגן דעם אַלטן און נייעם טעסטאַמענט האָט געמאַכט גאָר אַ גרויסן רושם אויף אונזער מחבר; ער איז געווען איבערצייגט אין דער וויכטיגקייט פון זיין איבערזעצונג אויף העברעאיש, ווייל עס וואָלט געווען אַ גרויסער נוצן פאַר אַלע אידישע געלערנטע. ליידער, זיינען פון דער ראָזינגער איבערזעצונג צו אונז דערגאַנגען נאָר איינינע פראַגמענטן. ס׳ווייזט אויס, אַז בער איז אויך געווען באַקאַנט מיט די ווערק פון יוסף פלאַוויוס און פון די אַלטע קריסטליכע קירכן־שרייבער. ספּעציעל האָט ער זיך אינטערעסירט מיט דער פּוילישער פּאָלעמישער ליטעראַטור קעגן אידן און אידישקייט, ווי אויך מיט אַלע שריפטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער פראַנקיסטישער באַוועגונג. בער איז געווען בקי אין אַלע נייע שריפטן אויף אָט דעם געביט. די פּילזייטינקייט פון זיין לייענען באַווייזן ציטאַטעם פון אַזעלכע ווערק, ווי הוגאָ גראָציוס, די ציטאַטעם פון דעם איטאַליענישן שרייבער לעטי, דעם דייטשן געשיכטע־שרייבער צאַפּף וכרומהה[3]). ווען מיר נעמען נאָך דערצו אין

(1 Giovanni Benesius Botero, Relazioni Universali, 1592—1595.

(2 Humphrey Prideaux, The Old and New Testament etc., London, 1716—1718
די דייטשע איבערזעצונג, מיט וועלכער בער האָט זיך באַנוצט, איז ערשינען צום ערשטן מאָל אין דרעזדן אין יאָר 1726.

(3 אחוץ די פאַרשיידענע אָנווייזונגען אין די „זכרונות", ז. נאָך „השלח", כרך ל"ח, זייט 351—352.

באַטראַכט זיין בקיאות אין אידישער געשיכטע, פילאָזאָפיע, קבלה, סעקט־טאַנטן־באַוועגונג א. אַ. וו., ווערט פאַר אונז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ העכסט אַנטוויקלטער פערזענליכקייט פון ברייטע גייסטיגע האָריזאָנטן. ס'איז נאָר צו חידושן זיך, ווי אַזוי ער האָט געקאָנט אָפּזוכן גענוג צייט אויף צו לייענען און שטודירן, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס שטענדיג איז ער אַרומגעפאָרן, אָפּגעגעבן זיך מיט מסחר און קהלשע ענינים.

איבערגייענדיג צו בערס טעטיגקייט אויפן געביט פון מסחר, איז ניט איבעריג צו וואַרפן אַ קורצן איבערבליק אויפן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן מצב פון דעם אידנטום אין דאַמאָלסדיגן פוילן.

אינם XVIII־טן יאָרהונדערט האָט זיך פוילן געפונען אין אַ צושטאַנד פון אַנאַרכיע און געזעצלאָזיגקייט. דער אַוטאָריטעט פון דער קרוין איז געזונקען פון טאָג צו טאָג, די פונדאַמענטן פון דעם מלוכה־לעבן זיינען זיך צעפאַלן. די ירושה, וואָס דער XVII־טער יאָרהונדערט האָט איבערגעלאָזט, איז געווען זעהר אַ טרויעריגע. די פילע מלחמות און אָנפאַלן פון קאָזאַקן, שוועדן, רוסן, טאָטערן, טערקן און אונגאַרן, וועלכע פלעגן אַריינדרינגען אין לאַנד און חרוב מאַכן גאַנצע שטעט און געגנטן, האָבן געבראַכט פוילן צו אַזאַ רואינירטן צושטאַנד, אַז ס'זיינען נויטיג געווען לאַנגע צענדליגער יאָרן פון פרידליכער אַנטוויקלונג און אונטער אַ שטאַרקער און קלוגער רעגירונגס־מאַכט, כדי ווידער אויפצובויען דעם צעשטערטן אָרגאַניזם. זוי מיר ווייסן אָבער, איז ניט געשען ניט דאָס, ניט יענץ: סיי קיניג סאָביעסקי, סיי די מלכים פון דער זאַקסישער דינאַסטיע, וועלכע זיינען געקומען נאָך אים, האָבן ניט באַוויזן די פייהיגקייט אָפּצושטעלן דעם פּראָצעס פון דער רואינירונג און צעשטערונג.

דער נאָרדישער קריג (צווישן שוועדן מיט רוסלאַנד, פוילן און זאַקסן) האָט געבראַכט איבערן לאַנד נייע חרבנות און צרות. פוילן איז אַרויס פון דעם קריג פּאָליטיש פולשטענדיג אָפּגעשוואַכט און דעמאָראַליזירט; פון דעם מאָמענט אָן איז דאָס לאַנד געוואָרן אַ שפּילצייג אין די הענט פון די שכנישע מלוכות. אויסלענדישע אַמבאַסאַדאָרן האָבן ווירקליך רעגירט אין פוילן, און אויסלענדישע חילות, מערסטנטיילס רוסישע, האָבן זיך פריי שפּאַצירט איבערן לאַנד, וואו און ווען זיי האָבן געוואָלט. פוילן האָט אויפגעהערט צו זיין אַ זעלבשטענדיגער סוביעקט אין דער פּאָליטיק און איז געוואָרן אַ שטענדיגער אָביעקט פון די דיפּלאָמאַטישע אינטריגעס צווישן די שכנישע מלוכות. דער בירגער־קריג אין לאַנד גופא צווישן די פאַרשיידענע מאַגנאַטן־פאַמיליעס און זייערע פּאַרטייען האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם קריזיס פון דעם מלוכה־לעבן. איבערהויפּט פלעגן די לייטנשאַפטן פון די קעמפנדיגע פּאַרטייען דערגרייכן דעם העכסטן פונקט אין צווישן־

פֿעריאָרן, ווען איין קיניג פֿלעגט אַראָפּ און דער צווייטער איז נאָך ניט אַרויף, — דאָס לאַנד פֿלעגט דעמאָלט אויסזעהן, ווי אַן אמתער מלחמה־לאַגער.

די פּוילישע פּובליציסטן און זכרונות־שרייבער פֿון יענע יאָרן האָבן אונז גענוי באַשריבן דעם פּראָצעס פֿון לאַנגזאַמער צעפֿאַלונג. זייערע שילדערונגען זיינען אָבער צום רוב איינג פּאַרטייאיש, ווייל יעדערער פֿון זיי האָט געהערט צו איינער פֿון די שטרייטנדיגע מחנות. מיר מוזן דעריבער באַזונדער שעצן די אָביעקטיווע באַשרייבונג פֿון אַ מענשן, וואָס איז געווען לחלוטין מחוץ למחנה. בער באָלעכאָווער איז געשטאַנען אינגאַנצן אָן אַ זייט פֿון דער פּאָליטיק. אַלס אַ איד, האָט ער אַפּילו ניט געקאָנט חלומען צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער דאַמאָלסדיגער פּוילישער פּאָליטיק. ער באַשרייבט די פֿאַרהעלטענישן אַזוי, ווי ער וואָלט זיי אַליין געקענט אָדער געהערט פֿון זיין פֿאָטער יהודה, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט אַ סך אָנגעזעהענע פּוילישע מאַגנאַטן.

איינינע פֿון זיינע ידיעות האָט ער מסתּמא געשעפּט פֿון געדרוקטע מקורים, ווי היסטאָרישע כראָניקעס, דאָקומענטן א. אַ. וו.

בערס שטייגער פֿון שילדערן פּאָליטישע ערשיינונגען איז געווען צו שרייבן קורץ און שאַרף. רייזנדיג, למשל, וועגן דער קאָנפֿעדעראַציע פֿון באַר (דער אויפשטאַנד פֿון דער מערהייט פֿון דער שליאַכטע קעגן דעם קיניג סטאַניסלאַוו־אַווגוסט און די מאַגנאַטן פֿון 1768—1772), דריקט זיך בער אויס אויף אַזאַ אופֿן: „ס'איז ניט געווען קיין משפּט און קיין געריכט אינם פּוילישן לאַנד: כל דאלים גבר — ווער ס'איז געווען שטאַרק, דער האָט גובר געווען“. דעם כאַאָטישן, אַנאַרכישן צושטאַנד פֿון זיין צייט באַשרייבט דער מחבר נאָך אין עטליכע אַנדערע ערטער פֿון זיינע „זכרונות“. בערס באַמערקונגען וועגן דער דעמאָלטיגער אַנאַרכישער צייט וועלן געווים באַרייכערן דעם מאַטעריאַל פֿאַרן אויספֿאָרשן די ראָלע געשיכטע פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע פֿון באַר. ער באַשרייבט, למשל, ווי איינער פֿון די הויפּט־איניציאַטאָרן פֿון דעם אויפשטאַנד, גראַף יאָאַכים פּאָטאָצקי, האָט זיך אָפּגעזונדערט אויף אַ גאַנצן ווינטער אין זיין שלאָס אין טרעמבאָווליע, וואו ער האָט צוזאַמענגעשטעלט פּראָקלאַמאַציעס צו דער פּוילישער שליאַכטע, זיי זאָלן זיך צוגרייטן און צושטיין צו דעם דאָזיגן אויפשטאַנד. פֿון אָט דעם דערמאָנטן פּאָטאָצקי האָט אונזער בער זיך דערוואוסט, אַז עס גרייטן זיך אומרוהען, און אַז ס'איז גלייכער פֿאַר אים זיך אָפּהאַלטן פֿון צו פֿירן זיינע ווייגע קיין לעמבערג. נאָך איין אינטערעסאַנטן פֿאַקט דערציילט אונז בער: ער האָט געהאַט די געלעגנהייט צו זעהן דעם

פראַנצויזישן עמיסאַר, וועלכער האָט געבראַכט געלט פאַר די קאָנפעד־ראַטן פון באַר[1].

נאָך אַ וויכטיגער עפּיזאָד, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער פּאָלי־טישער געשיכטע פון פּוילן אין 1735—1733 נאָכן טויט פונם קיניג אַווגוסט דעם צווייטן, ווערט באַשריבן אין בערס „זכרונות“; אויך די דאָזיגע באַשרייבונג וועט זיין אַ ווערטפולער שטאָף פאַר די פּוילישע היסטאָריקער. איינע פון די אָנפירנדיגע פערזענליכקייטן פון יענער צייט סטאַניסלאַוו פּאָניאַטאָווסקי, איבער וועמענס כאַראַקטער ס׳הערשן אַזוינע פאַרשיידענע מיינונגען צווישן די פּוילישע געשיכטע־שרייבער, ווערט איינגאַרטיג באַלויכטן דורך אונזער מחברס פען, וועמענס שילדערונג עס וועט געוויס ווירקן אויף איבערקוקן די ביז אַהער אַרויסגעזאָגטע מיינונגען[2].

די מאַכט אין לאַנד האָט זיך פאַקטיש געפונען אין די הענט פון צוויי קלאַסן: דער שליאַכטע און די גייסטליכע. דער שליאַכטיטש איז געווען אַן אומבאַגרענעצטער הערשער פון זיין גוט, זיינע פּויערים און די אידן, וואָס זיינען געווען אין זיין רשות, און האָט זיך ווייניג וואָס געקימערט איבער מענשליכע רעכט. פאַראַן אַ סך באַשרייבונגען פון טיראַנישע פּוילישע מאַגנאַטן, ווי למשל, אין די מעמואַרן פון דעם פּוילישן ריכטער ניעמצעוויטש און פונם אידישן פילאָזאָף שלמה מימון; מיר לייענען וועגן משונהדיגע אויפטועכצן פון די דאָזיגע מאַגנאַטן אין דער לעמבערגער שטאָט־כראָניק און אין די באַשרייבונגען פון אויפמערקזאַמע אויסלענדישע צושויערס[3]. די ענליכע פאַקטן, וואָס בער ברייינגט, זיינען אַ איבעריג מאָל ממלא די פאָרשטעלונג, וואָס מיר האָבן פון די אַמאָליגע ווילדע פּריצים. אמת, בער באָלעכאָווער ברייינגט אויך אַ פּאָר פאַקטן פון אויפגעקלערטע, אַזוי צו זאָגן, פּריצים הומאַניסטן, וואָס האָבן געזאָרגט פאַרן וואויל פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער זייער רשות, און פריינטליך זיך באַצויגן צו זייערע השתדלותן. בכלל איז אונזער מחבר אומעטום און דורכאויס אָביעקטיוו. דאָס זעהען מיר אויך בעת ער רעדט וועגן די גייסטליכע.

ווען מ׳וויל האָבן אַ באַגריף פונם פאַנאַטיזם און בלינדער אומטאָלעראַנץ און דעם זעהר נידעריגן קולטורעלן מצב פון די פּוילישע גלחים אין דעם

---

1) ז. „זכרונות“.

2) ז. K. Kantecki, Stanisław Poniatowski 1880, און Szymon Askenazy, Dwa stulecia, I, 204.

3) J. H. Niemcewicz, Pamiętniki; S. Maimons Lebensbeschreibung, Zubrzycki, Kronika miasta Lwowa, 478; A. Fournier, Handel und Verkehr mit Polen um die Mitte des XVIII. Jahrhunderts, אין Archiv für österreichische Geschichte, LXIX, 440.

XVIII־טן יאָרהונדערט, דאַרף מען לייענען די ווערק דוקא פון פּוילישע מחברים, ווי למשל, אַ וולאַדיסלאַוו סמאָליענסקי, וועלכער מאָלט דעם צו־שטאַנד פון די קסיאָנדזן און פון די קלויסטערס אין די טונקלסטע פאַרבן[1].
דער אידישער מחבר איז געוויס ניט אַזוי שאַרף, ווי דער מאָדערנער פּוילישער געשיכטע־שרייבער; ער רעדט גאַנץ געלאַסן און אָביעקטיוו וועגן איינצעלנע פאָרשטייער פון דער פּוילישער קירך. ער ווייזט נאָר אַרויס זיין כּעס און פאַרביטערונג קעגן די שקרים און בלבולים, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין די ווערק פון די פּוילישע גלחים קעגן דער אידישער אמונה. די פּועל יוצאס פון אָט דער גיפטיגער אַנטיסעמיטישער אויפ־רייצונג האָט בּער געקאָנט זעהן מיט זיינע אייגענע אויגן; אין איין אָרט באַשרייבּט ער אונז דעם לעצטן „שילער־געלויף״ אין לעמבערג אין 1751, ווען די תּלמידים פון די גייסטליכע שולן זיינען אָנגעפאַלן אויפן אידישן קוואַרטאַל און געראַבעוועט די אידישע באַפעלקערונג.
צוזאַמען מיטן פּאָליטישן חורבּן האָט פּוילן אויך איבערגעלעבט אַ פּול־שטענדיגן עקאָנאָמישן חורבּן. די עפּאָכע פון עקאָנאָמישן אויפבּליהען, וואָס פּוילן האָט געהאַט אינם XVI־טן און אין דער ערשטער העלפט פון דעם XVII־טן יאָרהונדערט, איז שוין לאַנג אַריבּער. אָט אין דעם יאָר 1648, ווען ס'האָבּן זיך אָנגעהויבּן די שרעקליכע מלחמות, צוזאַמענשטויסן און רדיפות אויף אידן, האָט דער עקספּאָרט פון פּוילישער תּבואה דורך דאַנציג דערגרייכט די העכסטע ציפער — דריי הונדערט טויזנט טאָנען. אין די פאָלגנדיגע יאָרצענטן, ווען דאָס עקאָנאָמישע לעבּן איז רואינירט געוואָרן, האָט דאַנציג פאַרלאָרן זיין פריהערדיגע באַדייטונג, און דער אויסערליכער האַנדל בּכלל האָט באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ. נאָך אין דער ערשטער העלפט פון דעם XVIII־טן יאָרהונדערט איז נאָך דאַנציג ניט געקומען צו זיך פון זיין ירידה, און דער עקספּאָרט פון פּוילישער תּבואה דורך דאַנציג האָט באַטראָפן נאָר קליינע עטליכע טויזנט טאָן אַ יאָר[2].
די מלוכה־פינאַנצן פון פּוילן זיינען דורך די שטענדיג דויערנדיגע מלחמות אויך שטאַרק געפאַלן. דער ווערט פון דער פּוילישער מטבע איז געזונקען. מ'האָט איינגעפירט אַ נייעם גילדן (זלאָט), וואָס האָט געהאַט אין זיך נאָר צוויי פינפטל זילבער און דריי פינפטל קופּער. דער דאָזיגער גילדן, וועלכער האָט געהייסן נאָכן נאָמען פון זיין אַרויסלאָזער טימף, איז געפאַלן אין זיין ווערט בּנוגע צו אויסלענדישע מטבעות אויף אַ העלפט; למשל, פאַרן יאָר 1662, ווען דער גילדן איז איינגעפירט געוואָרן, איז דער פּרייז פון דעם דוקאַט געווען 6 פּוילישע גילדן, נאָכדעם — 12; דער טאָלער

[1]) Władysław Smoleński, Pisma historyczne, I.
[2]) A. Szelągowski, Rozwój ekonomiczny i społeczny. Polska. Obrazy i opisy, II. ז.

איז געווען 3 און שפּעטער אַרויף אויף 6. דאָס האָט נאַטירליך געהאַט אַ ווירקונג אויפן אימפּאָרט פון אויסלענדישע סחורות. די באַרימטע אַלטע פּוילישע האַנדלס־שטעט, ווי קראָקע און לובלין, האָבן פאַרלוירן זייער גלאַנץ און זיינען אַראָפּגעזונקען ביז צו דער מדרגה פון קליינע ניט אָנגעזעהענע פּלעצער. די פּוילישע שטעט בכלל זיינען מער געוואָרן אַן אַרענע פאַר עפּידעמיעס, שרפות און אָנפאַלן פון אַלערליי חילות. די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרקלענערט אויף דער העלפט; האַלב פונם אַקער־שטח איז געווען ניט באַאַרבעט.

אַן ערך אין מיטן פונם XVIII־טן יאָרהונדערט האָבן זיך באַוויזן איינִיגע ליכטיגערע שטראַלן אויפן פינסטערן עקאָנאָמישן האָריזאָנט. די רע־גירונג פון אַווגוסט דעם דריטן (1733—1763) איז געווען פריי פון מלחמה, עס האָט מער אָדער ווייניגער געהערשט רוה. די באַפעלקערונג, איבער־הויפּט דער סוחרישער קלאַס, איז אַביסל געקומען צו זיך. אויב די אַלטע האַנדלס־שטעט, ווי קראָקע און לובלין, זיינען געפאַלן, זיינען אָבער דערפאַר אויפגעקומען נייע פּלעצער, ווי למשל, בראָד, בערדיטשעוו, רובנע, סטאַ־ניסלאַוואָוו, טיסמעניצע און אַנדערע ערטער, וואו דער מסחר האָט זיך גאַנץ היפּש אַנטוויקלט, און די באַפעלקערונג האָט דערגרייכט אַ גאַנץ גוטן עקאָנאָמישן מצב. אָט דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון יענער עפּאָכע איז אפשר ניט גענוג אויסגעפאָרשט געוואָרן פון די פּוילישע היסטאָריקער מחמת דער אָרימקייט אין מאַטעריאַלן; אונזערע „זכרונות" אָבער געבן אונז אַ ווערטפולע אינפאָרמאַציע אין דעם דאָזיגן פּרט, זיי ווייזן אונז, אַז אין עקאָנאָמישן לעבן איז ניט געווען קיין שטילשטאַנד, אדרבה, עס איז געווען צו באַמערקן אַ געוויסע באַוועגונג. וואָס מער מ'לייענט זיך איין אין די „זכרונות", זעהט מען, אַז אין מזרח־גאַליציע איז געפירט געוואָרן אַ לעבהאַפטער מסחר. טיסמעניצע האָט געהאַט באַציהונגען מיט ברעסלוי; בראָדער סוחרים האָבן באַקומען נאָך דער גרויסער שרפה פונם יאָר 1742 אַ הלואה פונם בראָדער פריץ גראַף פּאָטאָצקי אין אַ סכום פון אַ מיליאָן פּוילישע גילדן, און דאָס האָט זיי געגעבן די מעגליכקייט מיט אַ נייעם אימפּעט פאַרבינדן באַציהונגען מיט דער גאָרער וועלט. פון יענער צייט האָט זיך דאָס גענומען דער באַוואוסטער שם פון די בראָדער סוחרים. אַ באַרייטנדיגער ווין־האַנדל איז אין יענע יאָרן פאָרגעקומען צווישן מזרח־גאַליציע און אויבער־אונגאַרן; דאָס קאַפּיטל וועגן דעם האַנדל אין דעם XVIII־טן יאָרהונדערט וועט ערשט איצט קאָנען ווי געהעריג אָנגעשריבן ווערן אַדאַנק די „זכרונות" פון בער באָלעכאָווער. אונזער מחבר איז, ווי געזאָגט, געווען אויסגעצייכנט מיט יערן וויין־מאַרק פון אויבער־אונגאַרן; ער באַשרייבט אויפן גענויסטן אופן יערן סאָרט וויין,

די פּרייזן, די צאָלונגס־באַדינגונגען, די וויין־כּלים און מאָסן, די טראַנספּאָרטבאַדינגונגען א. אַ. וו. דעמזעלבּן ווערט האָבּן אויך זיינע אָהן אַ שיער באַמערקונגען וועגן דער אָרגאַניזאַציע פונם מסחר, וועגן סוחרישע מנהגים, פאַרשיידענע מטבּעות און געלט־סיסטעמען און וועגן קרעדיט־פאַרהעלטענישן. עס קאָן ניט אַריין אין דער אויפגאַבּע פון אַזאַ אַריינפיר־וואָרט צו באַשרייבּן גענוי די אַלע פראַגן און זאַכן, וואָס ווערן בּאַהאַנדלט אין די „זכרונות"; איינינע דערקלערונגען זיינען אָבּער נויטיג, כּדי צו העלפן דעם לעזער פון די „זכרונות" בּעסער זיך צו אָריענטירן אין די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון דער עפּאָכע.

אָט נעמען מיר די פראַגע פון מטבּעות אָדער געלט־סיסטעמען. די פּוילישע מטבּע האָט זיך אינם XVIII־טן יאָרהונדערט געפונען אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד, וואָס האָט לויט דעם מחבּרס ווערטער שטאַרק געשאַדט דער אַנטוויקלונג פונם אויסערליכן מסחר. די קלענסטע מטבּע אין יענער צייט איז געווען אַ שעלאָנג; דריי שעלאָנגען זיינען געווען אַ גראָשן, דרייסיג גראָשנס — אַ גילדן. שוין אין דער ערשטער העלפט פונם XVIII־טן יאָרהונדערט איז דער ווערט פון דער פּוילישער מטבּע שטאַרק געפאַלן לגבּי דער אויסלענדישער, אַזוי אַז דער דוקאַט, פאַר וועלכן מ׳פלעגט פריהער געבּן נאָר צוועלף גילדן, איז אַרויף בּיז 16—18 גילדן. אַ לאַנגע צייט בּעת דער זאַקסישער דינאַסטיע איז אין פּוילן גופאָ ניט אַרויסגעלאָזט געוואָרן קיין נייע מטבּעות. דערפאַר אָבּער איז דאָס לאַנד געווען איבּערפולט מיט מטבּעות, וואָס זיינען אַריינגעבּראַכט געוואָרן פון זאַקסן קיין פּרייסן. תּיכּף נאָכן אויסבּרוך פונם 7־יאָריגן קריג (1756—1763) האָבּן זיך אין פּוילן בּאַוויזן קליין־ווערטיגע מטבּעות, וואָס זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן דורך די פּרייסישע מינץ־הויפן. דער פּרייסישער קיניג פרידריך דער צווייטער האָט בּשעת זיינע פינאַנציעלע שוועריגקייטן אָנגעהויבּן אַרויסצולאָזן קליין־ווערטיגע מטבּעות; די גוטע פּוילישע מטבּעות, וועלכע זיינען געבּראַכט געוואָרן קיין פּרייסן דורך סוחרים, פלעגט ער איבּערשמעלצן און פאַרקלענערן דעם ווערט[1]. בּער בּאָלעכאָווער שילדערט אָט אַזוינע עפּיזאָדן און בּאַשטעטיגט דורך דעם אַ איבּעריג מאָל דאָס, וואָס עס איז אונז בּאַקאַנט פון אַנדערע מקורים. דער ווערט פונם פּוילישן גילדן איז גאָר שטאַרק געפאַלן, פאַר אַ דוקאַט האָט מען שוין געמוזט צאָלן גאַנצע 27—28 גילדן. דאָס לאַנד איז געווען פאַרפּלייצט מיט אָט די נייע שלעכטע מטבּעות. די פּרייזן האָבּן געשטיגן אין דער הייך. אונזער מחבּר קלאָגט זיך זעהר

[1] ז. Max Kirmiss, Einleitung in die polnische Münzkunde, „Zeitschrift der Geschichte für die Provinz Posen", VI; Schrötter und Schmoller, Das preussische Münzwesen im XVIII-ten Jahrhundert, III.

אויפן שטייגנדיגן יקרות; געלט האָט כּמעט פאַרלוירן זיין ווערט און מ׳האָט בּעסער נעגעבּן סחורה אויף קרעדיט מיט דער האָפענונג צו בּאַקומען נעצאָלט שוין מיט בּעסערע מטבּעות. דאָס גלייכן האָבּן אויך די פּריצים, וואָס זיינען געווען, ווי מיר וועלן גלייך זעהן, דער הויפּט־קאָנטינגענט פון די קרעדיטאָרן אין יענער צייט, זיך ניט געאיילט צו איינמאָנען זייערע חובות, ווייל זיי האָבּן נעוואוסט, אַז עס גרייט זיך אַ געלט־רעפאָרם און עס וועט פעסטגעזעצט ווערן דער ווערט פונם גילדן[1]). בּער בּאַלעכאָווער זאָגט אונז צו צו שרייבּן וועגן דעם בּאריכות, אָבּער גראָד דער טייל פעלט אין זיינע מעמואַרן. ס׳איז בּאַוואוסט, אַז אַזאַ מין רעפאָרם איז ווירקליך דורכ־געפירט נעוואָרן אינם יאָר 1761, נאָר ס׳האָט אָבּער ניט געהאָלפן[2]). דער פּראָצעס פון רעוואַלוואַציע פון דער פּוילישער מטבּע איז זיך געגאַנגען ווייטער; מיר זעהען דאָס פון די פאַקטן, וואָס בּער בּאַשרייבּט און וואָס בּאַציהען זיך אויף די יאָרן 1763, 1764, 1765 א. אַ. וו. אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָט דער מסחר פון אונזער מחבּר געהאַלטן אין איין פאַלן, ער איז געקומען אין פינאַנציעלע שוועריגקייטן בּנוגע צו זיינע קרעדיטאָרן, און דאָ קומען מיר צו אַ אינטערעסאַנט קאַפּיטל וועגן דעם הלוואות־שטיינער אין דעם דאַמאָלטיגן אידישן עקאָנאָמישן לעבּן.

אין דעם סאַמען פריהען פעריאָד פון זייער געשיכטע אין פּוילן זיינען די אידן געווען פאַרנומען מיט פאַרלייען געלט אויף פּראָצענט. זיי האָבּן דעמאָלסט פינאַנסירט דעם קיניגליכן הויף, די פּריצים, די גלחים, ווי אויך די קריסט־ליכע סוחרים פון דער שטאָטישער בּאַפעלקערונג. די אידן זיינען אין יענער צייט געווען דער וויכטיגסטער האַנדלס און פינאַנציעלער עלעמענט פונם לאַנד. דער ניט־אידישער סוחרישער קלאַס האָט אין יענע יאָרן ערשט אָנגעהויבּן זיך צו אַנטוויקלען. אָבּער שוין אינם סוף פונם XV־טן יאָר־הונדערט הויבּט ער אָן צו ווערן אַן ערנסטער קאָנקורענט פונם אידישן סוחרישן קלאַס. דער פּוילישער אַדל ווערט אין משך פון די קומענדיגע יאָרהונדערטן עקאָנאָמיש שטאַרקער און, בּאַזיצנדיג די גאַנצע פּאָליטישע מאַכט, ניט זיך אים איין אויך צו קאָנצענטרירן אין זיינע הענט דעם גאַנצן תּבואה־מאָנאָפּאָל. די קלויסטערס און די מאָנאַסטירן ווערן אויך אַלץ רייכער אַראַנק די גרויסע מתּנות פון די גלויבּיגע אָנהייגער און קלויבּן אויך אָן גרויסע קאַפּיטאַלן. דער מצב פונם אידישן סוחר פאַרערגערט זיך נאָכן XVI־טן יאָרהונדערט, ווען די קריסטליכע סוחרים האָבּן פאַרכאַפּט נייע פּאָזי־ציעס און אַרויסגעשטויסן זיי פון אַ גאַנצער רייהע האַנדלס־צווייגן. אויך

---

1) ז. „זכרונות".

2) אחוץ די צוויי אָנגעוויזענע ווערק, ז. נאָך I. Zagorski, Monety dawnej Polski, 1845, 171-176.

דעם אידישן בעל־מלכהשן קלאַס, וואָס קומט אויף אינם XVI־טן יאָרהונדערט, קומט אויס צו פירן אַ שווערע קאָנקורענץ מיט די קריסטליכע האַנטווער־קערס. דערצו קומען נאָך צו די רדיפות פון כמעלניצקין אין די שפּעטער־דיגע צענדלינגער יאָרן. הונדערטער קהלות ווערן חרוב און גרויסע מאַסן אידישע פאַמיליעס ווערן פאַראָרימט. דער VXIII־טער יאָרהונדערט שטעלט שוין דעריבער מיט זיך פאָר אַן עפּאָכע פון אַן עקאָנאָמישער ירידה[1], אונזערע „זכרונות“ געבן נאָר אין אַ קליינער מאָס אַ באַגריף פון דער שווערער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די אידישע מאַסע; בער באָלעכאָווער האָט געהערט צום פאַרמעגליכן טייל פון דער אידישער באַפעל־קערונג, הגם קיין עושר קאָן מען אים ניט אָנרופן, ער האָט פאַרדינט לייכט און גענוג אויף צו פירן אַן אָנשטענדיג בעל־הבתיש לעבן. ער האָט געמוזט אָנקומען צו הלוואות בײַ פּריצים און גלחים, כדי צו פירן זיינע געשעפטן, ווי דאָס האָבן געטאָן אַ סך אידישע סוחרים און אַרענדאַרן פון יענער צייט. מיר זעהען ווירקליך אַ נייע עפּאָכע: די צייטן האָבן זיך געביטן, און די פריהערדיגע בעלי־חובות זיינען איצט געוואָרן בעלי־הלוואות. דאָס אילוסטרירט דעם עקאָנאָמישן חורבן פונם פּוילישן אידנטום אין דעם XVIII־טן יאָרהונדערט.

דער מסחר האָט זיך געפירט אין געלט און טיילווייז דורך אויסטויש פון סחורות. מיר געפינען אַ רייהע גאַנץ אינטערעסאַנטע פאַקטן בנוגע דעם אויסטויש פון סחורות. באַקומען אויסלענדיש געלט איז אָפט געווען אַ שווערע זאַך, ווי מיר לייענען אין די „זכרונות“. מיר ווייסן ניט, צי אַ סך סוחרים פון יענער צייט זיינען געווען אַזוי אָפּגעהיט אין גענוי פירן די ביכער און קאַלקולירן די איינצעלנע געשעפטן, ווי אונזער מחבר. ער ווערט נישט מיד צו באַשרייבן מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט די גענויסטע פּרטים פון יערן מסחר; ער איז אַ מערקווירדיגער פעדאַנט און פּינקטליכער מענש אין אַ צייט פון כאָאָס און אַנאַרכיע.

אַ צווייטער צווייג פון דעם אידישן עקאָנאָמישן לעבן — די אַרענדע — ווערט אויך באַלויכטן אין די „זכרונות“. די צייטן פון די גרויסע „אָטקופּ־שטשיקעס“, וועלכע פלעגן אָפּנעמען אין אַרענדע אָפט מאָל גאַנץ גרויסע ראַיאָנען פון אַ סך שטעט, שטעטלאַך און דערפער, זיינען פאַראיבער. אין בערס צייטן איז דער מאַסשטאַב געוואָרן אַ קלענערער, און די צאָל פון גרויסע אַרענדאַרן האָט זיך נאָר שטאַרק פאַרקלענערט. בער שטעלט זיך אָפּ אויף עטליכע פאָרשטייער פון דער קאַטעגאָריע און באַשרייבט באַשיימ־

[1] ז. ד״ר שיפּערס און ד״ר מ. ווישניצערס אַרטיקלען דאַריבער אינם 11־טן באַנד פון דער „געשיכטע פונם אידישן פאָלק“, וואָס איז ערשינען אין רוסיש אין 1914 אין מאָסקווע, פאַרלאַג „מיר“.

פערליך, ווי איינער פון זיי, שאול וואַל, וועלכער האָט געהייסן מיט רעמ־זעלבן נאָמען, ווי דער באַרימטער איינטאָגיגער אידישער מלך פון פוילן, איז אין איין טאָג געוואָרן פון אַ פאַרמעגליכן פּאָססעסאָר אַ פולשטענדיגער אָרימאַן און בעל־חוב, ווייל דעם פּריץ זיינעם איז איינגעפאַלן אַליין צו באַאַרבעטן זיינע גיטער און מער ניט אַזועקגעבן זיי אין אַרענדע. אָט אַזוי שוואַך איז געווען דער באָדן פון אַזעלכע אַרענדאַרן. שאול וואַל איז געוואָרן אַ סוחר. די פּראָפעסיעס האָבן זיך געביטן. מ׳קאָן ניט זאָגן, אַז דער איד האָט אויסגעקליבן די פּראָפעסיע, נאָר פאַרקערט, די פּראָפעסיע האָט, אַזוי צו זאָגן, אים אויסגעקליבן. אין דעם פּרט לאָזט אונז בער אַריינקוקן זעהר טיף אין דעם עקאָנאָמישן געביי פון דער אידישער געזעלשאַפט. ער דערציילט אונז, למשל, ווי אידן זיינען אָפט געווען געצוואונגען צו אָננעמען די אַרענדע פון אַ פּריץ, הגם עס איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז די אַרענדע וועט קיין הכנסה ניט ברייגנען, אדרבה, מ׳וועט נאָך צו איר דאַרפן דערלייגן, נאָר מ׳האָט עס געטאָן אויסשליסליך, כּדי צו זיכערן זיך דעם שוץ פונם פּריץ קעגן אַנדערע פּריצים, באַ וועמען דער איד איז געווען אַ בעל־חוב. בער באָלעכאָווער האָט אַליין איבערגענומען אַן אַרענדע פון דער באָלע־כאָווער שטאָט־הכנסה לויט דער עצה פונם רב, וועלכער האָט אים אויפ־מערקזאַם געמאַכט, אַז אויף אַזאַ אופן וועט ער זיך פאַרזיכערן מיט דער פּראָטעקציע פון דעם שטאָט־פּריץ.

אַן אַנדער פאַל דערציילט אונז, ווי דעם פּריצעס עקאָנאָם האָט פּשוט געצוואונגען אַ אידן אָנצונעמען אַן אַרענדע, אַניט וועט ער אים אַרויס־טרייבן פון שטאָט.

אין די „זכרונות“ פעלט לחלוטין די באַשרייבונג פונם אידישן בעל־מלאָכהשן קלאַס, וואָס איז געווען אינם XVIII־טן יאָרהונדערט שטאַרק אַנט־וויקלט און האָט געהאַט זיינע באַזונדערע צעכן. בער איז אָפּנים געשטאַנען ווייט פון דעם אַרבעטנדינן המון, דעריבער זיינען זיינע „זכרונות“ ניט די פולשטענדיגע אָפּשפּיגלונג פונם עקאָנאָמישן לעבן פון דער גאַנצער אידישער מאַסע. איין מאָל נאָר דערמאָנט ער די אידישע גאָלדשמידן אין לעמבערג און לויבט מיטן גרעסטן שבח זייער פיינע קונסטפולע אַרבעט, אַ פאַקט, וואָס ווערט אויך באַשטעטיגט דורך מאָרערנע פוילישע פאָרשער אויף דעם געביט.

אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן דעם מצב פון דער אידישער קהלה און וועגן דער אידישער אַוטאָנאָמיע בכלל.

בער באָלעכאָווער, וועלכער איז געווען אַן אָנגעזעהענער קהלה־טוער, באַקלאָגט זיך, אַז די פאַרטרעטער פון דער אידישער קהלה זיינען ניט געשטאַנען אויף דער געהעריגער הייך. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי

צו ריידן מיט די שררות, מיט די פּריצים און אַפילו מיט די העכערע אָרגאַנען פון דער אידישער אַוטאָנאָמיע, מיט די אַזוי גערופענע ועדים. דאָס האָט זעהר אַ סך געשאַדט, ווייל די אידישע קהלות האָבן דאַמאָלסט איבער־געלעבט קריטישע צייטן, געהאַט גרויסע חובות און האָבן געמוזט צאָלן כּלערליי אָנגעהויערע ראַטעס. בּער בּאָלעכאָווער מאָלט אונז אַ קלאָר בּילד פון דער שווערער לאַגע, אין וועלכער ס׳האָט זיך געפונען זיין געבּורט־שטאָט בּאָלעכאָוו אין יענער צייט; ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז כּדי צו דערלייכטערן דעם יאָך פאַרן אָרימען קלאַס, האָט מען געמוזט צונויפשטעלן פאַלשע רשימות פון שטייער־צאָלער און פאַרלייקענען די ריכטיגע צאָל פון דער בּאַפעלקערונג. אַ חוץ דער קרוין, האָט גענומען שטייערן אויך דער פּריץ, די אידישע בּאַפעלקערונג איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנ־צער נעץ פון אָפּצאָלן און מ׳האָט זיך שטענדיג געראַנגלען מיטן פּריץ וועגן אָפּשאַפן אָדער פאַרלייכטערן די אָדער יענע געלט־פליכטן. צו דעם אַלעמען זיינען נאָך געקומען די קירכן און געפאָדערט אָפּצאָל פאַרן רעכט צו דאַווענען אין די שולן.

די אידישע אַווטאָנאָמיע אין פּוילן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פּיראַ־מירע, וועמעס פונדאַמענט עס איז געווען די קהלה, און אין שפּיץ איז געשטאַנען דער ועד ארבע ארצות אָדער קרוין־ועד; די דאָזיגע צווי אָרגאַ־נען זיינען צווישן זיך געווען פאַרבּונדן דורך די קרייז־ועדים אָדער ועדי־הגלילים (גרויס־פּוילן, קליין־פּוילן, וואָלין א. א. וו.).

אונזער מחבר האָט געהאַט אַ הויכע מיינונג וועגן דער טעטיגקייט פונם ועד ארבע ארצות. ער שילדערט מיט גרויס התפּעלות, ווי אַזוי אידישע פאָרטרעטער זיינען זיך צונויפגעקומען און האָבן אַרויסגעגעבן תּקנות פאַרן כּלל פונם אידישן פאָלק. ער איז זיך אָבער שטאַרק טועה, ווען ער זאָגט, אַז דער ועד האָט עקסיסטירט אַכט הונדערט יאָר, ווייל לויט די נייסטע פאָרשונגען קאָן מען ניט דערלאָזן, אַז דער ועד זאָל האָבן עקסיסטירט פאַרן XVI־טן יאָרהונדערט. מער אינטערעסאַנט איז אָבער זיין בּאַמערקונג, אַז ער האָט אין דער יוגנט געזעהן ספרי־תּקנות פונם ועד ארבע ארצות. ליידער, זיינען צו אונז ניט דערגאַנגען אַזעלכע ספרי־תּקנות, אָבער דאָ האָבן מיר אַ רמז, אַז אין XVIII־טן יאָרהונדערט האָבן נאָך אַזעלכע סטאַטוטן־זאַמ־לונגען עקסיסטירט.

אינם יאָר 1764 איז דער ועד ארבע ארצות דורך דער פּוילישער רעגי־רונג פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן. די אידישע היסטאָריקער האַלטן זיך בּאַ דער מיינונג, אַז דער דאָזיגער שריט פון דער פּוילישער רעגירונג איז געמאַכט געוואָרן, כּדי צו פאַרגרעסערן די שטייער־הכנסה פון דער אידישער בּאַפעל־

קערונג דורך דעם, וואָס זי וועט צאָלן דירעקט אין דער מלוכהשער קאַסע מער, איידער דורך דער פאַרמיטלונג פונם ועד ארבע ארצות. אונזער מחבר ווייזט אונז אָן אויף אַ נייעם מאָמענט, וואָס האָט דערביי געשפּילט אַ ראָליע. ער שרייבט, אַז אין די פּוילישע קרייזן איז געווען פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז אידן זיינען שולדיג אין די אָפטע פּאַראַליזירונגען פון דער סיים־טעטיגקייט, ווייל די אידן, האָבן זיי געגלויבט, קויפן אונטער איינצעלנע רעפּוטאַטן, זיי זאָלן אַרויפלייגן זייער „וועטאָ“[1]), און אויף אַזאַ אופן בטל מאַכן די תקנות, וואָס זיינען ניט גינסטיג פאַר אידן; דורך דעם האָבן די סיים־סעסיעס אָפט ניט געקאָנט דורכגעפירט ווערן ביזן סוף. דעריבער, זאָגט בער, האָבן די פּוילישע מאַגנאַטן געפאָדערט אָפּצושאַפן דעם ועד ארבע ארצות, כדי די אידן זאָלן ניט האָבן קיין מגע ומשא מיט די רעפּוטאַטן פונם סיים (דער ועד פלעגט זיך צונויפקומען אין וואַרשע און דאָס רוב בשעת די סיים־סעסיעס). אַזעלכע חשדן אויף אידן געפינען מיר אויך אין פאַרשיידענע פּאַמפלעטן פונם XVIII־טן יאָרהונדערט, זיי זיינען אָבער אַלע אָהן אַ פאַקטישער באַגרינדונג[2]).

בער באָלעכאָווער האָט זיך שטאַרק מצער געווען וועגן דעם, וואָס מ׳האָט פונאַנדערגעלאָזט די ועדים, ווייל זיי זיינען געווען, ווי ער מיינט, אַ שטיק נחמה און כבוד פאַר כלל ישראל און האָבן באַוויזן, אַז דער אויבערשטער האָט מיט זיין גרויס רחמים אינגאַנצן נאָך ניט פאַרלאָזט די אידן. אין דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן האָט ער געזעהן, אַזוי ווי גאָטס שטראָף פאַר דער עולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן בנוגע די פּוילישע אידן אַראַנק דעם אָפּשאַפן די ועדים. זיין צער און צאָרן איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך אויסגעדריקט מיט אַזעלכע ווערטער, ווי „ונתתי את נקמתי באדום...“ בערס אַנשויאונג אויף אָט דער פראַגע איז אָבער ניט געווען די מיינונג פון דעם גאַנצן כלל; עס זיינען געווען אידישע קרייזן, וואָס האָבן מיט גרויס אומצופרידנקייט אויפגענומען די ירידה פון פּוילן[3]).

אין בערס „זכרונות“ טרעפן מיר איינינגע פאַקטן, וואָס זיינען אייגנאַרטיגע אילוסטראַציעס פאַר דעם אידישן לעבנס־שטייגער אין דעם XVIII־טן יאָרהונדערט. אידישע סוחרים לאָזן זיך אַוועק רייטנדיג פון גאַליציע קיין אונגאַרן; מיר זעהען אַ אידן זיך פאַרטיידיגן קעגן גזלנים מיט שיס־געווער

---

[1]) שטימען קעגן; אין פּוילישן סיים האָט ניט געקאָנט דורכגיין קיין שום פאָרשלאָג, ווען אפילו איין דעפּוטאַט האָט געשטימט קעגן דעם — אַלץ האָט געמוזט אָנגענומען ווערן איינשטימיג.

[2]) L. Glatman, Szkice historyczne, 1906, 111.

[3]) ז., למשל ,שלמה בענעט, אין זיין ספר, The Constancy of Israel, לאָנדאָן, 1809, זייט 218.

אין די הענט; מיר באַגעגענען אַ פרוי, וואָס איז בקי אין רש״י און גמרא; מיר ווערן באַקאַנט מיט די פאַרשיידנאַרטיגע מינים פון פרויען־קליידונג און צירונג; מיר קוקן זיך צו צום קהלהשן, פאַמיליען און אינדיווידועלן לעבן פון יענער צייט.

בערס „זכרונות" זיינען רייכער אין שילדערונגען פון מעשים, אַנשטאַלטן און געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען, ווי אין כאַראַקטעריזירן איינצעלנע פערזאָנען פון זיין דור. סיי רבנים, סיי שרייבער, סיי למדנים ווערן פון אים געשילדערט דאָס רוב מיט זעהר קורצע שטריכן, ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס פערזענליכקייטן ווערן דאָ דערמאָנט אָהן אַ שיער. אין אונזערע אָנמערקונגען האָבן מיר געזעהן, ווי ווייט מעגליך, צו אָריענטירן דעם לעזער מיט די פערזאָנען, וואָס ווערן דערמאָנט אין די „זכרונות". דאָ אין דעם אַריינפיר וועלן מיר זיך נאָר אָפּשטעלן אויף בערס באַציהונג צו ר׳ חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט, דעם באַקאַנטן לעמבערגער רב, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע רבנישע גאונים אינם XVIII־טן יאָרהונדערט. דער מחבר דערציילט אונז אַן עפּיזאָד, ווי אַזוי דעם רב איז בייגעשטאַנען אין אַ קריטישן מאָמענט און האָט אים מציל געווען פון אַ פאַלשן בלבול דאָס, וואָס ער האָט געקענט פויליש. ר׳ חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט האָט בײַ דער דאָזיגער געלעגנהייט זיך גוט באַקענט מיט אונזער מחבר און איז געוואָרן אויף שטענדיג זיינער אַ אוהב נאמן. שפּעטער מיט עטליכע יאָר איז אויף זיי ביידע אויסגעפאַלן דער גורל צו פאַרטיידיגן די אידישע אמונה און תלמוד אין דעם גרויסן לעמבערגער קאָסטיאָל פאַר אַ המון פון גלחים, פריצים און אויך אידן; דאָס איז פאָרגעקומען בעת דעם היסטאָרישן דיספּוט מיט די פראַנקיסטן אין יאָר 1759. אין די „זכרונות" גופא ווערט וועגן אָט דער געשיכטע דערמאָנט זעהר קורץ, אָבער דער ספר „דברי בינה", וועגן וועלכן מיר האָבן שוין גערעדט אין אָנהויב פון אונזער אַריינפיר, רעדט באריכות וועגן דעם דאָזיגן וויכטיגן פאַקט. בער באַלעכאָווער איז דאַמאָלסט געווען דער אָפיציעלער איבערזעצער מצד די אידן און האָט מיטגעהאָלפן בײַ דעם צוזאַמענשטעלן ר׳ חיים הכהן ראַפּאָפּאָרטס ענטפער אויף די טעזיסן פון די פראַנקיסטן; באַזונדערס שטאַרק און בולט איז קענטיג זיין לומדות אינם צוזאַמענשטעלן דעם שריפטליכן ענטפער אויפן זיבעטן פּונקט פון די פראַנקיסטישע טעזיסן, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט די באַשולדיגונג קעגן אידן, אַז אין תלמוד זיינען פאַראַן רמזים אויף עלילת דם. די דאָזיגע שריפטליכע דערקלערונג, וועלכע איז דערלאַנגט געוואָרן אין נאָמען פון ר׳ חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט, איז פאַקטיש געווען אַ ווערק פון בערס שאַפן; די דאָזיגע דערקלערונג געפינען מיר אין דעם טייל פון „דברי בינה", וואָס איז ניט לאַנג פאַרעפנטליכט געוואָרן אין זשורנאַל „השלח", ווי אויך אין

אַן עטוואָס געקירצטער פאָרם אין דער פוילישער אויסגאַבע נאָך פונם יאָר 1760[1]).

די פאַמיליע הורוויץ איז אַ באַקאַנטע רבנישע פאַמיליע, פון וועלכער עס זיינען אַרויס אַ סך אָנגעזעהענע פערזענליכקייטן. אין אונזערע „זכרונות“ ווערן דערמאָנט עטליכע רבנים פון דער ראָזינגער פאַמיליע, וואָס האָבן געלעבט און געווירקט אין באָלעכאָוו. בער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אונטער דער שטאַרקער השפעה פון ר׳ יוקל הורוויץ און בײַ אים איז געבליבן אין זכרון אַ מערקווירדיגע דרשה, וואָס ער האָט נאָך אַלס צען־יאָריג ייִנגל געהערט פון אים, בשעת ר׳ יוקל הורוויץ האָט פאַרלאָזט זיין כסא־הרבנות אין באָלעכאָוו און איז אַריבערגעפאָרן אין דער באַרימטער קהלה פון בראָד. בשעת זיינע נסיעות איבער אונגאַרן האָט בער אָנגעטראָפן אַ טאַלענטפול מוזיקאַליש קינד יצחק־אייזיק, וואָס איז שפּעטער געווען איינער פון די באַרימטעסטע ראַבינער אין אונגאַרן און אויך געפּרובט שרייבן אונגאַרישע שירים.

מיר ווייסן ניט גענוי, ווען די „זכרונות“ זיינען געשריבן געוואָרן; מיר קאָנען נאָר משער זיין, אַז ראָס האָט געדאַרפט פאָרקומען צווישן די יאָרן 1790 און 1800, יעדנפאַלס אין בערס עלטערע יאָרן, ווייל כמעט אַלע פערזאָנען, וועגן וועלכע ער רעדט אין די „זכרונות“, ווערן באַגלייט מיט אַ ז״ל, בתוכם אויך דער קיסר יוסף דער II־טער, וואָס איז געשטאָרבן אין 1790. פון דער אַנדערער זייט ווייסן מיר, אַז דעם ספר „דברי בינה“, וואָס ער איז אין זיינע „זכרונות“ מבטיח אָנצושרייבן אַלס ענטפער אויף די בלבולים פון שונאי ישראל, ווען גאָט וועט אים שיינקען יאָרן, האָט ער אָנגעשריבן אין יאָר 1800[2]); דערפון איז געדרונגען, אַז די „זכרונות“ האָט ער געשריבן נאָך פאַרן יאָר 1800. איינס איז קלאָר: דער מחבר איז שוין געווען קרוב צו אַכציג, ווען ער האָט גענומען שרייבן די געשיכטע פון זיין לעבן. עס איז צו באַרויערן, וואָס דער כתב־יד, וועלכער איז צו אונז דערגאַנגען, נעמט מער ניט אַרום ווי אַ 50־יאָריגן פעריאָד פון בערס לאַנגיאָריגן לעבן — פון 1723 ביז 1773; און אויך אין אָט דעם פעריאָד זיינען די 30 יאָרן פון 1743 — 1773 ניט פול באַשריבן. מיר האָבן אַ קלאָר בילד פון דעם מחברס יוגנט און מיטעלע יאָרן; ליידער, פעלט די ביאָגראַפיע פון זיינע עלטערע יאָרן, וואָס וואָלט געווען פאַר אונז באַזונדערס אינטערעסאַנט, נעמענדיג אין אַכט, אַז דאַמאָלסט אין די לעצטע יאָרן פונם XVIII־טן יאָרהונדערט, איז שוין קלאָר אַרויסגעשוואומען דער חסידיזם און די השכלה־באַוועגונג. אַ שטיקל באַפרידיגונג גיט אונז דער „דברי בינה“, וואָס איז

[1]) ז. „השלח“, כרך ל״ח, ז. 21—16 און ז. 238—231.

[2]) ז. „השלח“, כרך ל״ג, ז. 149.

אין אַ געוויסער מאָס ממלא ראָס, וואָס ס׳פעלט אין אונזערע „זכרונות“. פון ראָרטן איז צו זעהן, אַז בער באָלעכאָווער איז ניט געווען קיין פאַנאַטישער קעגנער פון חסידות, ער האָט אררבה געהאַט עגמת־נפש פון די אָפטע סכסוכים אין די קהילות צווישן חסידים מיט מתנגדים; ער פלעגט שטיצן חסידישע רבּיים און האָט זיי ניט איין מאָל פריינטליך אויפגענומען, ער איז אָבער געווען קעגן זייערע נייע דרכים און האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף נאָכפאָלגער פון די פריהעריגע בעל־שם׳ס, וועלכע האָבן, ווי באַוואוסט, אין בּרייטע אידישע קרייזן געהאַט אַ שלעכטן שם. בער באָלעכאָווער איז בטבע געווען אַ מענש מיט אַ מעסיגער נאַטור און איז בּכלל געווען ווייט פון יעדער עקסטרעמער ריכטונג, ווי אין דעם חסידיזם, אַזוי אויך אין דער השכלה. אים האָט אָפּגעשטויסן פון דער השכלה־באַוועגונג די נייע בּערלינער גילוחים, וואָס פלעגן קומען קיין גאַליציע און חוזק מאַכן פון די טראַדיציאָנעלע אידישע מנהגים. בער אַליין האָט ליב געהאַט אַלגעמיינע וועלטליכע בּילדונג, איז דערבּיי אָבער, ווי מיר האָבן שוין איין מאָל אָנגעוויזן, געבּליבּן אַ פולשטענדיגער ירא־שמים[1].

דער אינטערעס צו וועלטליכער בּילדונג איז פון תּמיד אָן געווען אַנטוויקלט בּאַם פוילישן אידנטום. אין XVI־יאָרהונדערט איז, ווי באַקאַנט, אויסגעבּראָכן אַ שטאַרקער קאַמף צווישן די אָנהייגנער פון דער פילאָזאָפיע און די אָרטאָדאָקסן; אויך אין די שפּעטערדיגע עפּאָכן האָט די שטרעבונג צו וועלטליכע לימודים ניט אויפגעהערט. אַפילו צווישן די מזרח־גאַליצישע אידן פון בערס דור זיינען אויך געווען באַרייטנדיגע גרופּעס פון פּיאָנערן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס צו וועלטליכער בּילדונג, געשטרעבּט פאַרשפּרייטן זי צווישן דער אידישער מאַסע און אין דערזועלבער צייט געבּליבּן טריי דער טראַדיציע און מנהגים. צווישן אַזעלכע פּיאָנערן געפינען זיך: ישראל זאַמאָשץ, משה מענדעלסאָנס אַ לערער און מחבּר פון ספרים וועגן מאַטעמאַטיק, פיזיק, אַסטראָנאָמיע און פילאָזאָפיע; ר״ר אברהם עוזיאל, אַ באַקאַנטער קהלה־טוער און ראָקטאָר אין בראָר, וועלכער האָט געענדיגט אין דייטשלאַנד; מענדל סאַטאַנאָווער, אַ פּאָפּולערער שרייבער וועגן נאַטורוויסנשאַפט, מאַטעמאַטיק, און ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט געוואָלט אַריינבּריינגען בּילדונג אין די בּרייטע אידישע מאַסן (ער האָט, למשל, געפּלאַנט אַן איבּערזעצונג פון תּנ״ך אויף אידיש)[2]; אליהו בן פנחס ווילנער, געבּוירן אין לעמבּערג, וועלכער האָט אין 1797 געשריבּן אַ ווערק „ספר הבּרית“ — אַ מין סיסטעמאַטישע ענציקלאָ־

[1] ז. דאָרט, ז. 153—152.

[2] ז. N. M. Gelber, Mendel Satanower, „Mitteilungen für Jüdische Volks-kunde“, 1914.

פעריע פון פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטליכע פראַגן, בתוכם שוין אויך קאַנטס פילאָזאָפיע[1]). אויך צווישן די רבנים פון יענער צייט געפינען מיר, אַזוי צו זאָגן, משכּילישע עלעמענטן, וועלכע זיינען ניט געווען פרעמד פון אינטערעסירן זיך מיט וועלטליכער בילדונג און האָבן זיך בּאַמיהט אַריינ־צובריינגען אַ סיסטעם אין די תּלמודישע למודים, ווי למשל, ר׳ שלמה בן משה, דער מחבר פון „מרכבת המשנה", און ר׳ זלמן מרגליות.

מיט די אויסגערעכנטע פאָרשטייער פונם ראַמאָלסריגן אידישן אינטעלעקטועלן לעבן זיינען נאָך ווייט ניט אויסגעשעפּט די ידיעות וועגן דער קולטורעלער בּאַוועגונג אין מזרח־גאַליציע אין בער בּאָלעכאָווערס דור. פון אַ סך ווייסן מיר גאָרניט, פון אַנדערע זיינען די ידיעות פאַרלוירן געגאַנגען, ווי למשל, פון רעמועלבן יוסף קאָפּעל, וועמעס ווערק זיינען געשטאַנען אין בערס ביכער־שראַנק און וועמען ער דערמאָנט אין זיינע „זכרונות" אַלס אַן אויסגעצייכנטן העבּרעאישן שרייבער. עס האָט געמוזט זיין אַ גאָר אינטענסיווע קולטורעלע בּאַוועגונג אין די קהלות פון מזרח־גאַליציע; אונזער פאָרשונג אויף דעם ראָזינן געביט האָט נאָך פאַר זיך אַ סך אויפגאַבן און אַנטרעקונגען.

בער בּאָלעכאָווער איז געשטאָרבן דעם 10־טן מערץ 1805 אין בּאָלעכאָוו און ליגט אויפן דאָרטיגן בית־עלמין[2]). מיר ווייסן וויתּיג וואָס וועגן זיינע יורשים. זיין עלטערער זון יהושע, וועלכער ווערט דערמאָנט אין די „זכרונות" אַלס אַ קלוג און פיזיש שוואַך אינגל, איז געשטאָרבן נאָך בעת דער פאָטער האָט געלעבט. דער צווייטער זון יוסף, וועלכער האָט דעם פאָטער איבער־געלעבט, איז געווען אַ איידעם פונם אויבּנדערמאָנטן יוסף קאָפּעל.

זכרונות און טאָג־ביכער פון פּשוטע בשר ודמס, וואָס זיינען ניט קיין פּאָליטישע אָדער מלוכהשע עסקנים, וועלן שטענדיג צוציהען אונזער גרעסטן אינטערעס. אַזעלכע מעמואַרן האָבן די מעלה, וואָס זיי זיינען ווייט פון אַ וועלכער עס איז פּניה, שטיצן זיך ניט אויף קיין אָפיציעלע מיינונגען און שטאַנדפּונקטן און געבן איבער די געשיכטליכע פאַקטן פּשוט אַזוי, ווי זיי זיינען פאָרגעקומען. אונזער געשיכטספאָרשונג וואָלט אַ סך געוואונען, ווען מיר זאָלן בּאַזיצן מער אַזעלכע מאַטעריאַלן.

די אידישע מעמואַרן־ליטעראַטור איז זעהר אָרים. פון די בּיז איצט ערשינענע זיינען די וויכטיגסטע: די קלאַסישע אַווטאָביאָגראַפיע פונם פילאָזאָף שלמה מימון, וואָס האָט אין אָנהויב אַ רייהע אינטערעסאַנטע קאַפּיטלאַך פונם אידישן לעבן אין ליטע און ווייסרוסלאַנד אין XVIII־טן יאָר־הונדערט, און די זכרונות פון גליקל פון האַמעלן, וואָס זיינען בּיז איצט

---

[1]) ז. ווייסבּערג, זייט 10.

[2]) ז. „השלח", כרך ל״ג, זייט 153.

גערעכנט געווען פאַרן מוסטערהאַפטן אידישן מעמואַרן־ווערק. אין דער לעצטער צייט זיינען נאָך צוגעקומען די זכרונות פון פאַאולינע ווענגעראָוואַ, וועלכע באַהאַנדלען דאָס אידישע לעבן אין רוסלאַנד אינם XIX־טן יאָר־הונדערט, די מעמואַרן פון אַ אידישן סוחר אין ווין זיגמונד מייער, די מעמואַרן פון הײמאַן, אַ סוחר פון פויזן, וועלכער האָט דערנאָך פאַרנומען אַן אָנגעזעהען אָרט אין דער אידישער קהלה אין בערלין, און די זכרונות אויך פון אַ פויזנער אידן משה וואַסערצוג.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז בנוגע צום היסטאָרישן און קולטורעלן ווערט וועלן די „זכרונות“ פון בער באָלעכאָווער פאַרנעמען איינעם פון די אָנגע־זעהענסטע, אויב ניט דעם סאַמע וויכטיגסטן, פלאַץ אין דער פויליש־אידישער מעמואַרן־ליטעראַטור. זיי געבן אַ טיפן און אינטערעסאַנטן איבערבליק פונם אידישן לעבן אין פוילן אין דעם XVIII־טן יאָרהונדערט און באַרייכערן אונזערע ידיעות אין אַ סך פרטים.

אין אונזער קורצן אַריינפיר האָבן מיר ניט געקאָנט אויסשעפן אַלע פראָבלעמען און פראַגן, וואָס ווערן געשילדערט אין די „זכרונות“, מיר זיינען נאָר אויסן געווען צו געבן, ערשטנס, אַ סכעמאַטישע ביאָגראַפיע פונם מחבר און, צווייטנס, אויפמערקזאַם מאַכן אויף די היסטאָרישע ער־שיינונגען, וואָס ווערן באַלויכטן אין די מעמואַרן. מיר האָבן זיך אויך באַמיהט צו אָנווייזן אויף אַנדערע היסטאָרישע מקורים, וואָס געבן די מעגליכקייט צו פאַרגלייכן די פאַקטן פון די „זכרונות“ מיט אַנדערע ידיעות וועגן דערזעלבער עפּאָכע. דאָס, וואָס מיר האָבן דורכגעלאָזט אין דעם אַריינפיר, וועלן מוסיף זיין די באַמערקונגען אין דעם טעקסט גופא.

...די דערפער[1]. ער[2] האָט זיך דאָרט פאַרנומען מיטן האַנדל פון אונגאַרישע ווײַנען, האָט געהײסן אויסמויערן דאָרט אַ גוטן קעלער אויף אַרײַנצולײגן די ווײַנען, פלעגן זײ פון יאָר צו יאָר פאַרקויפן מיט גרויס ריוח די פּריצים, וואָס האָבן געוואוינט אין די נאָהענטע צו באָלעכאָוו גיטער, און איז נתעשר געוואָרן; און דאָרט בין איך געבוירן געוואָרן, ווי ס׳איז אויבן דערמאָנט אויף זײט[3]...

אַזוי ווי אין די גיטער, וואָס ליגן צווישן די בערג, איז ניטאָ קײן סך פעלדער, וואָס זאָלן טויגן צום זײען, האָט מײן פאָטער געמוזט פאַרפירן אַנדערע געשעפטן מיט די פּאַנשטשינע־גוֹיים, און ער איז מושוה געוואָרן מיטן זופּניק, ר. ה. מיטן אַרענדאַר פון באָלעכאָווער זאַלץ־גרובן, אויף צושטעלן אים האָלץ פונם וואַלד און פאַר יעדער פור האָלץ, וואָס ער וועט ברײנגען אין זאַלץ־גרובן, באַקומט ער אַ פאַס מיט גוטער זאַלץ; אַזוי האָבן זײ געטאָן דעם גאַנצן ווינטער און פלעגן אין משך פונם ווינטער אָנזאַמלען אַ סך פעסער זאַלץ; אַז ס׳פלעגט קומען זומער, באַלד ווי ס׳האָט נאָר אָנגעהויבן שפּראָצן דאָס גראָז אין פעלד, זײנען געקומען אַלע גוֹיים פון די דערפער מיט זײערע פורן, יעדערער האָט גענומען אויף זײן פור צען פעסער זאַלץ, און מ׳האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין פּאָראָליער קאַנט און געביטן די זאַלץ אויף תּבואה: אַ פאַס זאַלץ פאַר אַ פאַס קאָרן, אַמאָל אָנדערטהאַלבן אָדער אַפילו צוויי פאַס קאָרן פאַר אײן פאַס זאַלץ. פונם קאָרן איז געמאַכט געוואָרן בראַנפן, וועלכן מ׳האָט געפירט אין אַ גרויסער צאָל קײן אונגאַרן, דאָרט פאַרקויפט און פאַרדינט דערבײַ היפּשע סכומים, אַ חוץ אַנדערע מסחרים מיט אונגאַרישע ווײַנען, ווי אויבן איז דערמאָנט, אַזוי אַז זײ האָבן זיך מפרנס געווען בשפע און בכבוד גדול אין משך פון זעקס יאָר. און דאָרט בין איך געבוירן געוואָרן, אויך מײן ברודער ר׳ זאב וואָלף ע״ה און מײן שוועסטערס זון ר׳ ליב ע״ה, ווי ס׳איז דערמאָנט אויבן אויף זײט...

---

[1] די „זכרונות“ הויבן זיך אָן מיטן לעצטן וואָרט פון אַ פּראָזע.

[2] דער פאָטער פונם מחבר.

[3] פעלט אין אונזער כתב־יד.

ראַמאָלס האָט דער פֿאָטער געקויפֿט אַ הויז אין דער שטאָט באָלעכאָוו באַם אלוף[1]) ר׳ דוד ר׳ ברוך׳ס, אַן אַלט הויז, צו וועלכן ער האָט צוגעבויעט העכער אַ העלפֿט פֿון דאָסניי, און דאָס בויען איז פֿאַרענדיגט געוואָרן אין יאָר תּפ״ז, ווי ס׳איז צו זעהן נאָך ער היום אויסגעקריצט דאָס יאָר אויפֿן פֿליוגער פֿונם דאַך, וואָס הינטער אונזער הויז, און אין דערמיט פֿונם בלעך — די אותיות תּפ״ז; אויפֿן הויף פֿונם צווייטן הויז צו מזרח־זייט איז געשטאַנען אַ ברויערייַ מיט אַ גרויסן קעסל אויף צו קאָכן מעד[2]) און ביר; די ברויערייַ האָט געהערט צו דער היגער פּריצה ציעשקאָווסקע, דער ליפּסקער[3]) קאַסטעלאַנשע[4]), באַ וועמען דער פֿאָטער האָט זי אויך אָפּגעקויפֿט פֿאַר אַ גרויסן סכום.

די ראָזינע ברויערייַ מיט די צוויי גרויסע קעסלען איז נאָך ער היום באַ מיר, און כ׳האָב פֿון איר אַראַנק גאָט פּרנסה בשפע, זאָל גאָט געבן אויך אויף ווייטער. אַז ס׳איז פֿאַרענדיגט געוואָרן דער בנין פֿונם הויז, איז געמאַכט געוואָרן די חתונה פֿון מיין פֿאַרשטאָרבענעם ברודער אַקסילראָד בענרעט ע״ה מיט זיין פֿאַסנדן זיווג: מיט דער בתולה בריינע ע״ה, אַ טאָכטער פֿונם באַרימטן רב און דין אין לוואָוו[5]) ר׳ נתן נטע ע״ה, וועמען מ׳האָט ראַמאָלס גערופֿן, ווי ס׳איז שוין דערמאָנט, ר׳ נטע ר׳ משולם׳ס[6]) פֿון די תּושבים פֿון לוואָווער שטאָט־קהלה.

און די באָלעכאָווער פּריצים די גירזיענסקיס[7]) זיינען פֿאַראָרימט געוואָרן און האָבן פֿאַרקויפֿט אַפֿילו זייער ערד אויף צו באַצאָלן די חובות. אין פּוילן איז אויפֿגעקומען אַ נייער שר מיטן נאָמען פּאָניאַטאָווסקי[8]), דער פֿאָטער פֿונם קיניג אַווגוסט פּאָניאַטאָווסקי; האָט ער אַרויסגענומען און באַצאָלט במזומן דעם גאַנצן סכום, וואָס מ׳האָט אָפּגעשאַצט די גיטער, אַ סכום פֿון זעקס הונדערט טויזנט פּוילישע גילדן.

דער שר פּאָניאַטאָווסקי האָט באַקומען פֿון דער מלוכה די גיטער פֿון סטרי[9]) און איז געוואָרן דער סטריער סטאַראָסטע. האָבן די פּריצים,

---

[1]) אלוף האָט געהייסן יעדער אָנגעזעהענער מיטגליד פֿון דער קהלה, וואָס האָט פֿאַרנומען עפּעס אַ קהלה־שטעלע. [2]) אַזאַ מין האָניג־געטראַנק.

[3]) Liw — אין דער אַלטער פּוילישער פּראָווינץ Mazowia.

[4]) קאַסטעלאַנען האָבן געהייסן הויכע באַאַמטע אָהן אַדמיניסטראַטיווע פֿונקציעס; זיי זיינען געווען מיטגלידער פֿון סענאַט. [5] לעמבערג.

[6]) ר׳ נתן נטעס פֿאָטער האָט געהייסן ראובן. ז. ש. בובער, „אנשי שם", 1895.

[7]) Giedziński — די גרינדער און אַ לאַנגע צייט באַזיצער פֿון באָלעכאָוו.

[8]) סטאַניסלאַוו פּאָניאַטאָווסקי איז געווען אַן אינטערעסאַנטע פֿיגור אינעם פּוילישן פּאָליטישן לעבן פֿונם XVIII יאָרהונדערט. אין ר׳ בערס „זכרונות" וועט זיין נאָמען נאָך אָפֿט דערמאָנט ווערן. וועגן פּאָניאַטאָווסקין האָבן מיר אויך גערעדט אין דעם אַריינפֿיר.

[9]) Stryj — אַ שטאָט אין גאַליציע.

וואָס האָבן אויסגעלינן געלט אויף באַלעכאָווער גיטער, פאַרקויפט די שטאָט באַלעכאָוו מיט איר אומגעגנט דעם ראָזינגן שר, כדי איינצומאָנען זייער חוב, וואָס האָט באַטראָפן ת"ר אלפים גילדן. און אין יענער צייט זיינען אין פוילן געשטאָרבן פיר קאָמאַנדירן (העטמאַנס) פון זייערע חילות, דהיינו: צוויי פון גרויס־און קליין־פוילן — איינער, דער העכסטער פונם קרוין־מיליטער, און דער צווייטער, קאָמאַנדיר פונם פעלד־מיליטער; און צוויי אַזעלכע מיליטער־קאָמאַנדירן זיינען געווען אויך אין ליטע, זיינען זיי אַלע געשטאָרבן[1].

אין יענער צייט האָט דער פוילישער קיניג אַווגוסט דער ערשטער[2], דער קורפירשט פון זאַקסן, געוואָלט גרויס און רייך מאַכן דעם ראָזינגן שר פּאָניאַטאָווסקי, וועלכער איז מכּמה יאָרן געווען דער פּאָדסקאַרבניק (פינאַנץ־מיניסטער) פון אַלע הכנסות אין ליטע, האָט ער אים געמאַכט אויך פאַרן יענעראַלני רעגימענטאַר, ד. ה. העכסטער מיליטער־קאָמאַנדיר אויפן אָרט פון די פיר פאַרשטאָרבענע העטמאַנס. הגם מיר איז באַוואוסט די גאַנצע טעטיגקייט מיט אַלע איינצעלנע פּרטים און אויפטועכצן פון אַ סך פּוילישע מלוכה־מענער און קיניגס, ווי כ'האָב געלייענט אין זייער היסטאָריע, האָב דאָס אָבער ניט געבראַכט, כדי ניט איינמירן דעם לעזער.

...צו פאַרקויפן זיי פאַר ווייניגער פון פינף און צוואַנציג רוקאַטן. און מיר האָבן פון די אַלטע ווייגען גאָרניט געקויפט, האָט מיך זעהר געאַרט, וואָס מיר האָבן גאָרניט פון די אַלטע ווייגען, האָב איך, אַוועקפאָרנדיג פון מישקאָלץ[3], אָפּגערעדט מיט מיין שותף, היות איך מוז פאָרן באַלד צו אונז אַהיים קיין לוואָוו זעהן פאַרקויפן די ווייגען, וואָס זיינען געבליבן דאָרט אויף דער השגחה פון מיין שותפס ברודער ר' איציק און מיין ברודער בענרעט אַקסילראָד ע"ה, האָט ר' יעקב ע"ה געמוזט בלייבן נעבן די פורן און אַכטונג געבן אויף די ווייגען; און געזעגענענדיג זיך באַם אַרויספאָר פון מישקאָלץ זונטאָג גאַנץ פריה, זאָג איך צו אים: אַזוי ווי איך ווייס, אַז אין סטרי באַם קצין[4] ר' הירש ר' מרדכיס שטייען נאָך ער היום אַ סך פעסער מיט אַלטן וויין פונם יאָר תּק"ט, און מיר האָבן

---

[1]) ניט אינגאַנצן ריכטיג. אין יאָר 1728 זיינען דריי העטמאַנס געשטאָרבן: א. צ. כאָמענטאָווסקי, דער קרוין־העטמאַן פון פוילן; רזעוואוסקי, דער פעלד־העטמאַן פון פוילן; און דענהאָף, דער פעלד־העטמאַן פון ליטע.

[2]) ריכטיג: דער צווייטער.

[3]) Miskolcz — אַ שטאָט אין אויבער־אונגאַרן.

[4]) אויך אַן אָנגעזעהענע אין דער קהלה פערזאָן, ווי אלוף.

אין לוואָוו פון זיי פראָבעס, ווייל אין סטרי איז ניט געווען קיין קונה אויף זיי, האָט ער געגעבן פון זיי פראָבעס מיין ברודער אריה ליב ע״ה מיט אַ כח הרשאה צו פאַרקויפן זיי אין לוואָוו, און די פראָבעס שטייען נאָך ער היום דאָרט באַהאַלטן אין אונזער קעלער, דאַריבער וויל איך, דורכ־פאָרנדיג סטרי, באַזוכן דעם קצינס קעלער, פאַרזוכן גוט די וויינען און שרייבן אייך, וואָס זיי האָבן דעם ווערט, אפשר וועלן מיר דאָרט קויפן עטליכע פעסער, וואָס וועלן ממלא זיין דאָס רומל פון אונזערע סחורות, כּדי יערער קונה זאָל האָבן זיין ווין. און אַזוי האָב איך עס געטאָן אין סטרי, האָב פאַרזוכט די וויינען און איבערגעלאָזט אַ בריף מיין שותף, ער זאָל נעמען איין פאַס פון די פיר פעסער אַלטע, טייערע וויינען, וואָס כ׳האָב געפונען באַם קצין, מיט ווענען כ׳האָב אויך געשמועסט מכּח דעם עסק, נאָר מיר האָבן זיך ניט אויסגעגלייכט מיטן מקח, און כ׳האָב פאַרחתמעט די בעסטע פאַס ווין מיט מיין שטעמפּל ביז ס׳וועט קומען מיין שותף ר׳ יעקב ע״ה, וועט זיך אויסגלייכן מכּחן מקח און נעמען די ראָזיגע פאַרחתמעטע פאַס. און ר׳ יעקב האָט אַזוי געטאָן און געקויפט די ראָזיגע פאַס ווין, וואָס איך האָב אויסגעקליבן, פאַר 26 דוקאַטן, האָט זי נאָך פאַר קאָנטראַקטן[1]) געבראַכט צוזאַמען מיט די איבעריגע וויינען און אַוועקגעשטעלט אין אונזערע קעלערס אינם מויער פון די קאַרמעליטער גלחים. אגב האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז ס׳דאַרף פאַרקומען די חתונה פונם וויסקער[2]) קאַסטעלאַן בראַניצקים טאָכטער פאַר דעם זון פונם סמאָלענסקער וואָיעוואָדע פירשט סאַפּיעהא; און דער ראָזיגער קאַסטעלאַן בראַניצקי פלעגט איינשטיין באַם דאָקטאָר גאָראַניע אַקעגן דעם האַליטשער טויער, נאָהענט צום אויבנדערמאָנטן מויער, אין וועלכן מיר זיינען איינגעשטאַנען.

צווישן דעם ראָזיגן קאַסטעלאַנס דינער זיינען אייניגע געווען פון אונזערע שכנישע פריצים, וועלכע האָבן אונז גוט געקענט; האָבן זיי זיך משתדל געווען, אַז אַלע וויינען צו דער חתונה, עטליכע אָרדינאַרע[3]) פעסער, זאָלן געקויפט ווערן באַ אונז. און ווען מיין שותף ר׳ יעקב איז געקומען פון סטרי מיט די פעסער אַלטן ווין, האָבן מיר פון אים אָנגעפילט דריי אַנטאַלן[4]), און

[1]) די באַוואוסטע ירידים אין לעמבערג.

[2]) אין דער קאַסטעלאַנען־רשימה פון Wizna (וויסקי?) איז קיין בראַניצקי ניטאָ. דער בראַניצקי, וואָס דער מחבר דערמאָנט אים דאָ, איז געווען אַ קאַסטעלאַן פון Bracław און האָט זיך מתחתן געווען מיטן וואָיעוואָדע פון Smoleńsk סאַפּיעהא. ז. Niesiecki, Herbarz Polski, I. 285; II, 283.

[3]) פּשוטע.

[4]) Antal, Antheyl – אַ קליין פעסעלע פון פאַרשיידענער גרייס. 2, 3 אָדער 4 אַנטאַלן האָבן אויסגעמאַכט אַ פאַס ווין. אַן אַנטאַל האָט געהאַלטן פון 25 ביז 27 טעפּ.

דער שר סאַפּיעהאַ האָט בײַ אונז געקויפט די ראָזינגע אַלע דריי אַנטאַלן פאַר 51 דוקאַטן; דאַן איז תּיכּף מיין שותּף ר׳ יעקב געפאָרן קיין סטרי און געקויפט בײַם קצין ר׳ הירש אַלע דריי איבערגעבליבענע פעסער מיטן טייערן וויין פאַר 90 דוקאַטן, האָט זיי געבראַכט קיין לוואָוו, וואו מיר האָבן פון זיי געמאַכט 9 אַנטאַלן, און כ׳האָב פאַרקויפט יעדער אַנטאַל פאַר 18 דוקאַטן; צוויי אַנטאַלן פון זיי זיינען פאַרבליבן אויפן צווייטן יאָר.

און מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין אונגאַרן קויפן נאָך אַלטע טייערע ווײַנען, נאָר וויל מיר האָבן נאָך געהאַט אין די קעלערס אַ גרויסן סכום ווײַנען און ס׳איז ניט מעגליך געווען אָפּשליסן דעם קעלער און ניט פאַר־קויפן די פּריצים, וועלכע פלעגן שטענדיג קויפן בײַ אונז ווײַנען, וויפיל זיי האָבן באַדאַרפט, דאַריבער האָב איך געמוזט בלייבן אין לוואָוו בײַ די ווײַנען, כּדי זיך פאַרנעמען מיטן פאַרקויפן, און מיין שותּף ר׳ יעקב האָט גענומען מיט זיך קרוב צו טויזנט דוקאַטן בשותּפותדיג געלט און איז אַליין געפאָרן איינקויפן גוטע ווײַנען; ער האָט געקויפט אַכט פעסער, וועלכע ער האָט צוגעשטעלט קיין סקאָלע[1]. דאָרט איז גראַדע געווען אַן אַרמענער אַ וויין־הענדלער פון קאַמעניץ, וועלכער האָט פאַרזוכט אַלע ווײַנען און געפונען צווישן זיי אַכט פאַס אַלטן טייערן מאַשלאַשן[2]־וויין; האָט מיין שותּף ר׳ יעקב זיי אים פאַרקויפט מיט גרויס ריוח און געטאָן מעשה עשו: מיר האָט ער גאָרניט געזאָגט ניט פון דער קניה, ניט פון דער מכירה פון די ראָזינגע אַכט פעסער וויין און געוויזן מיר אַ חשבון, אַז ער האָט געקויפט 72 פעסער פּשוטן וויין, אָרדינאַרנע, זעהר געמיינע, האָט זיי געבראַכט קיין לוואָוו אין אונזער קעלער און ס׳איז ניט געווען קיין קונה אויף זיי. האָט זיך געמאַכט, אַז ס׳איז געקומען אַ פּריץ און געקויפט 13 פעסער פון זיי און מ׳האָט אים נאָך געמוזט צוגעבן צוויי אַנטאַלן אַלטן וויין פון דעם, וואָס ס׳איז פאַרבליבן פון די געקויפטע בײַם קצין ר׳ הירש, און דער ראָזינגער פּריץ האָט באַצאָלט מיט זילבערנע און גאָלדענע תּכשיטים איינגעפאַסט מיט טייערע דימענטן, און די איבעריגע ווײַנען זיינען געשטאַנען אַ לאַנגע צייט און ס׳איז ניט געווען קיין קונה אויף זיי. און ס׳איז געווען צו זעהן בחוש, אַז צוליב דער פאַלשקייט פון מיין שותּף ר׳ יעקב האָט זיך פון אונז אָפּגעטאָן די פּרנסה בשפע, וואָס מיר האָבן פון תּמיד אָן געהאַט. לא די וואָס ער האָט פאַר מיר פאַרלייקנט די גוטע אַכט פעסער, בײַ וועלכע ער האָט פאַרדינט געוויס מער פון הונדערט דוקאַטן, האָט ער נאָך גענומען פון דער שוופישער קאַסע טויזנט פּוילישע גילדן אויף זיינע אייגענע צרכים און האָט זיי ניט געוואָלט אָננעמען אויף זיין אייגענעם

[1] א שטעטל אין גאַליציע דרום־זייט פון סטרי.

[2] א סאָרט וויין פון טאָקאַיער אומגעגנט.

חשבון; אויך איז געקומען צופאָרן קיין לוואָוו זיין ווייב ביילע ווירקן אויף איר מאַן ר׳ יעקב, ער זאָל צונעמען מיין חלק; און זיי האָבן נאָר פאַרגעסן אָן אַלע טובות, וואָס כ׳האָב זיי געטאָן פאַר אַלע פינף יאָר פונם שותפות, ווייל פאַרן שותפות האָבן זיי פאַרמאָגנט גאָר ווייניג, און איצט האָט ער געהאַט אַ סך ריוח צוליב מיר, ווייל נאָט האָט אונז באַגליקט אינם מסחר, און ער האָט אַפילו אַ שידוך געטאָן מיט זיינע צוויי קינדער: די טאָכטער בלומע האָט דורך מיין פאַרמיטלונג חתונה געהאַט פאַר אַ זון פונם רב און מגיד אין לוואָווער פאָרשטאָט דעם גאון ר׳ משה[1], וועלכער איז געווען רב אין טאָמאַשעוו, און וועמענס זון ר׳ יהודה ליב איז געווען רב אַ סך יאָרן אין שטעטל זשוראַוונע און דער נאָך איז ער אָנגעקומען פאַר אַ רב אין סקאָלע; ר׳ יעקב האָט געהאַט גרויס נחת פונם דאָזיגן שידוך, און הגם ער איז געווען אַ גרויסער קמצן, האָט ער מיר געגעבן במתנה צען רוקאַטן רענדלאַך, כדי מיר אַרויסווייזן זיין דאַנקבאַרקייט פאַר די גוטע רייד, וואָס כ׳האָב אויף אים געזאָגט; אויך פאַר זיין בן־יחיד ר׳ זיסע האָב איך אויסגעפירט אַ פיינעם שידוך מיט דער טאָכטער פונם קצין ר׳ אליעזר מענקיס ע״ה, אינמיטן איז ניט געווען קיין שום אַנדער שדכן, איך אַליין האָב צונויפגעפירט זיי, און פאַר מיין טרחה האָבן ביידע צדדים מיר געשיינקט אַ פאָר גאָלדענע אוירינגלאַך מיט טייערע שטיינער, וואָס האָבן דעם ווערט אַכט רוקאַטן; פונדעסטוועגן האָבן ר׳ יעקב מיטן ווייב פאַרגעסן אַלע טובות, וואָס כ׳האָב זיי געטאָן, און געוואָלט מיך באַגזלנען. האָב איך געקלערט, אַז דאָס איז אויך דעם אויבערשטנס חסד, וועלכער דערלאָזט ניט רשעים זאָלן געוועלטיגן איבער צדיקים, און כ׳האָב באַשלאָסן זיך צעשיידן מיט אים. איינמאָל באַנאַכט איז מיר געקומען אויפן געדאַנק דער פסוק פון תהלים, קאַפּיטל נ״ח, פ׳ ה׳: חמת למו כדמות חמת נחש כמו פתן חרש יאטם אזנו אשר לא ישמע לקול מלחשים, דאָס איז ר׳ יעקב געווען טויב און נישט געוואָלט הערן קיינעם אויף צו באַגיין זיך מיט יושר; אויך פ׳ ט׳: שבלול תמס יהלך נפל אשת בל חזה שמש איז געזאָגט געוואָרן אַקעגן זיין ווייב די ארורה ביילע, וואָס מאַכט אָן קריג; די זאַך האָט מיך זעהר פאַרדראָסן און כ׳האָב באַשלאָסן אין דער רעכטער צייט זיך צעשיידן מיטן שותף. פון דאַמאָלס אָן פלעג איך יעדן טאָג זאָגן דאָס קאַפּיטל נ״ח פון תהלים בשעת דער תפלה פון שחרית און מעריב.

איצט לאָמיר זיך אומקערן צו די געשעפטן פון מיין עלטערן ברודער דעם קצין ר׳ אריה ליב ע״ה נאָכן אָפּטיילן זיך פון מיר, ווען ס׳איז צעטיילט געוואָרן די שותפות, וואָס האָט געדויערט דריי יאָר מיט מזל און גרויס ריוח. איז ער געפאָרן אַליין קיין אונגאַרן קויפן וויין, האָט מיטגענומען מיט זיך

[1] ז. ש. בובער, „אנשי שם“, זייט 168—167

אַ היפּשן סכום מזומן געלט און געקויפט ראָרט בערך פופציג פעסער ווײַן, וואָס זײַנען גוט אין טעם, אָבער ניט לויטער, ווײַל די פעסער זײַנען געווען אויף האַלב מיט אײַוון אָפּגעזעצט, און מ׳האָט זיי ניט געקאָנט פאַרקויפן אַזוי ווי זיי זײַנען געווען. האָט אָבער גאָט צוגעשיקט די רפואה פאַר דער מכּה און בײַ אונז איז געווען אַ גוי, וואָס פלעגט האַקן האָלץ און טראָגן וואַסער און איז פריהער געווען אַ משרת בײַ אַ גוי אַ ווײַנשײַנקער אין לוואָוו, האָט ער מיר געזאָגט ווי אַזוי זײַן בעל־הבית טוט מיט די הײַוון פונם ווײַן — ער לײַטערט זיי דורך אַ לײַוונטענעם זאַק, איבערגעצויגן אויף אַ לײדיגער פאַס, און די ווײַנען גײען אַרויס לויטער און רײַן. האָב איך די ראָזינגע עצה געגעבן מײַן ברודער, און ער האָט אַזוי געטאָן מיט זײַנע ווײַנען און זיי פאַרקויפט. היות ער האָט זיך געגרייט פאָרן נאָך אַמאָל קיין אונגאַרן קויפן ווײַן, האָב איך געזעהן, אַז מײַן שותּף ר׳ יעקב זאָל אויך מיט אים פאָרן צוזאַמען, כּדי איך זאָל דורך מײַן ברודער וויסן װענן די געשעפטן, וואָס מײַן שותּף וועט ראָרט מאַכן.

און דער קצין ר׳ צבי הירש מרדכים ע״ה פון סטרי איז אויך געפאָרן מיט זיי צוזאַמען קויפן ווײַן, זײַנען זיי געקומען קיין מישקאָלץ, און יענערער האָט געקויפט, וויפיל ווײַן ער האָט באַדאַרפט; אין יענער צײַט זײַנען אויך די סוחרים פון דער שטאָט רוקלע[1] געווען אין מישקאָלץ און געקויפט ווײַן, באַזונדערס האָט אַ סך ווײַן געקויפט דער קצין ר׳ חיים ע״ה פון רוקלע און האָט באַצאָלט די אונגאַרישע גויים מיט רוקאַטן פאַר די געקויפטע ווײַנען. זײַנען אָבער די רוקאַטן געווען אַלע פאַלשע, פּשוט מעשענע רענרלאַך. די אונגאַרישע פּריצים האָבן ראָס באַמערקט און געגעבן צו וויסן וועגן דעם דער שטאָט־מאַכט און די ריכטער, געבראַכט צו זיי און נעוויזן די מטבעות, ווי זיי זײַנען איבערגעשמעלצט און געפעלשט, אויפן אָרט פון גאָלר — מעש. מ׳האָט תּיכּף געשיקט רופן דעם קצין ר׳ חיים ע״ה פון רוקלע און דעם קצין ר׳ צבי הירש פון סטרי, זיי זאָלן זיך שטעלן צום שטאָטראַט און ענטפערן אויף דער אָנקלאַגע. די פורן מיט מײַן ברודערס ווײַן זײַנען שוין געווען אויסער דער שטאָט, נאָר דער ברודער מיט מײַן שותּף ר׳ יעקב זײַנען פאַרבליבן און זיך געגרייט נאָכפאָרן די פורן. איז ר׳ צבי הירש סטריער אַליין געקומען צו מײַן ברודער און אים אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל גײן אין געריכט אים אַרויסראַטעווען פון דער אָנקלאַגע און מיטהעלפן צו טענען. אַזוי ווי מײַן ברודער ע״ה איז פון קינדהייט אָן געווען אַ גוטער מענש און געטאָן יעדן טובות, האָט ער אים ניט געקאָנט אָפּזאָגן און געגאַנגען מיט אים אין געריכט אַרײַן. דער געריכט האָט באַשלאָסן אײַנזעצן אַלע דרײַ: ר׳ הירשן, מײַן ברודער אריה

[1] אַ שטעטל אין גאַליציע אינם באַוואוסטן רוקלע־פּאַס פון די קאַרפּאַטן.

ליבן און ר׳ חיים רוקלער ע״ה. און מיין ברודער איז איינגעזעצט געוואָרן אומזיסט אָהן שום שולד; ער האָט ניט געהאַט אַפילו איין פאַלשן גילדן, זיינע גילדנס זיינען אַלע געווען גאַנצע מיט פולן געוויכט, ווי ס׳האָבן אויף אים עדות געזאָגט די פּריצים, באַ וועמען ער האָט געקויפט די וויינען; די ריכטער האָבן דאַרויף געענטפערט, אַז אויב מ׳וועט ניט פאַרהאַלטן דעם אומשולדיגן, וועט מען ניט געפינען דעם שולדיגן. און אַלע דריי זיינען אָפּגעזעסן אין תּפיסה אַ גאַנץ יאָר, דער עיקר צוליב ר׳ חיים רוקלער, ווייל באַ אים איז געווען אַ סך פון די דאָזיגע רוקאַטן; מיט גרויס מיה און לאַנגע השתדלותן זיינען זיי אַרויס נאָך דעם, ווי די בערנאַרדינער גלחים האָבן געשריבן און עדות געזאָגט, אַז דעם גאַנצן סכום רוקאַטן האָט ר׳ חיים באַקומען פון דער גלחישער קאַסע, וועלכע האָט דאָס צונויפגעזאַמלט אין משך פון אַ סך יאָרן פון די פּריצים, וואָס געבן נדבות; ס׳איז טאַקע ווירקליך געווען אַזאַ מנהג באַ די פּריצים — זיי פלעגן אויס-קלייבן פון זייער געלט די גוטע מטבעות און באַהאַלטן אין זייערע שאַפ-קאַמערס און די אָפּגעריבענע מטבעות האָבן זיי פאַרנוצט אויף קויפן סחורות באַ די אידישע סוחרים און אויך אויף נדבות פאַר די מאָנאַסטירן; דאַריבער קאָן מען ניט וויסן, פון וועמען ס׳זיינען אַרויס די דאָזיגע מטבעות. דאָס רוב שטאַמען זיי פון די פּריצים, וואָס שפּילן אין קאָרטן אין וואַרשע און לוואָוו — בשעת ס׳זאַמלען זיך צונויף אַ סך פּריצים, ווערן געמאַכט בעלער אויף גאַנצע נעכט, מ׳עסט, מ׳טרינקט, מ׳שפּילט אין קאָרטן און מ׳שיט מיט גרויסע סכומים געלט; אויף שפּילן גרייטן זיי אָן די מינדער-ווערטיגע רוקאַטן און געוויס רייבן אָט די שפּילערס אַליין אָפּ דאָס גאָלד פון די גוטע רוקאַטן און מאַכן פון דעם זייער געווער און הויז-כּלים[1]), און אַז ס׳פלעגט זיך זיי טרעפן גוטע רוקאַטן, האָבן זיי זיי אויסגעביטן באַ אידישע סוחרים אויף מינדערווערטיגע און פאַרדינט דערביי, די מינדער-ווערטיגע רוקאַטן פלעגן זיי געבן צו גאָלדשמידן זיי פאַרריכטן, כּדי אָפּצו-נאַרן די סוחרים. אויף אַזאַ אופן זיינען אויך ניצל געוואָרן פון תּפיסה דער קצין ר׳ חיים רוקלער און מיין ברודער ע״ה, ווייל ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין איין גאָלדענעם רוקאַט; דערפאַר וואָס ער איז געזעסן אין תּפיסה, האָט ער באַקומען 400 ריינישע רוקאַטן, אַחוץ פּוילישע גילדנס.

און די וויינען, וואָס מיין ברודער אריה ע״ה האָט געקויפט, זיינען בשעת ער איז געזעסן אין תּפיסה אַרויסגעפירט געוואָרן אויף די פורן צוזאַמען מיט די וויינען, וואָס ס׳האָט געקויפט מיין שותף ר׳ יעקב ע״ה, וועלכער

---

[1]) דער דאָזיגער אינטערעסאַנטער פאַקט ווערט אויך באַשריבן אין די מעמואַרן פונם פּוילישן שרייבער A. Kitowicz, Pamiętniki, 1882, I, 49

האָט זיי געבראַכט קיין לוואָוו און זיי זיינען פאַרקויפט געוואָרן דורך מיין ברודערס משרת דעם בחור יוסף ר׳ שמואל לוקוויצערס. אויך איך האָב מיך אַ סך מתעסק געווען מיט דער מכירה, ווייל ס׳האָט מיך געאַרט און כ׳האָב געהאַט עגמת־נפש פונם אומגליקליכן צופאַל, וואָס ס׳האָט גע־טראָפן מיט מיין ברודער, און ער איז אָפּגעזעסן אין תּפיסה אַ גאַנץ יאָר; איבערן עגמת־נפש און אויפרעגונג זיינען מיר אַרויס פלעקן אויפן לייב נעבן דער ברוסט, דער דאָקטאָר, וואָס האָט מיך באַטראַכט, האָט געזאָגט, אַז צוליב דער אויפרעגונג האָט געפּלאַצט די גאַל און דערפון זיינען די פלעקן אויף דער הויט, ער האָט מיר געגעבן אַ רעצעפּט אויף ריינינגן די גאַל, און זי איז אויסגעהיילט געוואָרן נאָך דעם, ווי מיין ברודער איז אַרויס פון תּפיסה מיט כּבוד, ווייל ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז צווישן זיין געלט איז ניט געווען קיין שום פּסולע מטבע.

און איצט וויל איך דערציילן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ גרויסע טובה ס׳איז אַרויסגעקומען פאַר אירן צוליב מיין קענען די פּוילישע שפּראַך, און פון ווען אָן איך בין באַקענט געוואָרן מיטן לוואָווער רב.

אין יאָר תּקי״ג איז אין שטעטל קאָמאָרנע[1] נעבן לוואָוו געשטאָרבן איינער אַ גרויסער עושר דער אלוף ר׳ אהרן ע״ה, וועלכער האָט איבערגעלאָזט ירושה זיינע קינדער די זכרים. איז געקומען זיין איידעם ר׳ שמואל בר׳ יעקב בר׳ פישל פון קאַלוש[2]) און האָט צוגעשטעלט אַ שטר חצי זכר אויף 40 טויזנט פּוילישע גילדנס, געחתמעט דורך באַגלויבטע ערות צום בית־דין הגדול פון לוואָוו, און ביידע צדדים האָבן זיך געלאָזט באַם באַוואוסטן גאון דעם לוואָווער רב ר׳ חיים כ״ץ ראַפּאָפּאָרט. די יורשים האָבן געטענהט, אַז דער שטר חצי זכר איז אַ געפעלשטער, ווייל די גאַנצע ירושה האָט ניט אָנגעטראָפן קיין 40 טויזנט פּוילישע גילדנס און אַפילו פאַר זיין לעבן האָט אפשר דער פאַרשטאָרבענער ניט פאַרמאָגט אַזאַ פאַרמעגן, און ער האָט ניט נעקאָנט געבן קיין שטר חצי זכר אויף אַזאַ גרויסן סכום. האָבן די דיינים מיטן רב ר׳ חיים ראַפּאָפּאָרט ז״ל געהייסן ברייינגען ראָקומענטן, וואָס זיינען באַשטעטיגט און געחתמעט דורך ריזעלבע ערות פונם קאָמאָרנער שטר חצי זכר, האָבן פאַרגלייכט איין כתב מיטן אַנדערן און ניט געפונען קיין שום פעלשונג. נאָך לאַנגע טענות האָבן דער רב און דער בית־דין הצדק געפסקנט, אַז ר׳ שמואל דער תובע זאָל שווערן אַ שבועה דאורייתא, כּדי צו באַרוהיגן די יורשים, און זיין ווייב זאָל בשעת מעשה שטיין אין שול צוהערן די שבועה פון איר מאַן און ענטפערן אמן; נאָך דעם, ווי ר׳ שמואל וועט מקים זיין ווי עס דאַרף צו זיין די שבועה, דאַרפן די יורשים באַצאָלן

---

1) Komarno.

2) Kałusz — מעריב־זייט פון סטאַניסלאַוו.

פונם גאַנצן פאַרמעגן, וואָס איז פאַרבליבן נאָכן פאַרשטאָרבענעם ראָס גאַנצע געלט פונם שטר חצי זכר, ד. ה. 40 טויזנט פוילישע גילדן. דער פסק איז אָנגעשריבן געוואָרן, געחתמעט דורכן רב און דעם גאַנצן בית־דין און איבערגעגעבן געוואָרן ר׳ שמואלן.

האָט אָבער ר׳ שמואלס ווייב ניט געוואָלט שטיין אין שול, צוהערן די שבועה און ענטפערן אמן, כּדי ניט טון אַזאַ גרויסע עולה אירע ברידער. און איר מאַן האָט געמוזט מאַכן אַ פּשרה און איינגיין אויף אַ בּוררות: בּיידע צדדים האָבן אויסגעקליבן צו צוויי דיינים און דער לוואָווער רב איז געווען דער סופּעראַרביטער, דער חמש.

בּיידע צדדים האָבן זיך אונטערגעשריבן, אַז זיי וועלן מקיים זיין, וואָס די בּוררים וועלן פּסקנען, און האָבן איבערגעגעבן די בּוררים אַלע זייערע רעכט, ווי מ׳איז זיך נוהג בּאַ פּשרות. און ס׳איז אַרויס דער פּסק, אַז אויב די יורשים וועלן מותּר זיין אויף זייער שוואָגער ר׳ שמואלס שבועה, דאַרפן זיי אים בּאַצאָלן פאַרן שטח״ז נאָר צען טויזנט גילדן. אויף אַזאַ אופן איז בּטל געוואָרן דער פריהעררינגער פּסק פון די פערציג טויזנט. דער ראַזינער ר׳ שמואל האָט וועגן אָט דער געשיכטע אָנגעשריבן צו זיין פאָטער ר׳ יעקב ר׳ פישלס ע״ה קיין קאַלוש און אָנגערעדט רכילות אויפן רב, אַז ער האָט בּאַקומען פון אים כּאַבּאַר פאַרן ערשטן פּסק 40 רוקאַטן און פאַרן צווייטן פּסק פונם בּוררות האָט מען דעם רב געגעבן צען רוקאַטן. דעם פאָטער האָט דאָס זעהר פאַרדראָסן, וואָס צוליבן רב האָט זיין זון פאַרלוירן 30 טויזנט.

איז געקומען קיין קאַלוש דער קאָמיסאַר צשעשקאָווסקי, וואָס האָט פאַר־וואַלטעט מיט אַלע גיטער פון פירשט טשאַרטאָריסקי[1]), דעם רייסישן וואָיעוואָדע, וועלכער איז געווען דער מושל פון לוואָוו אין גאַנצן קאַנט. דער קצין ר׳ יעקב ר׳ פישלס האָט אים דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע אויפן לוואָווער רב און בּית־דין, אַז ער האָט פאַלש געפּסקנט און גענומען כּאַבּאַר בּאַ בּיידע צדדים, און צוליב דעם האָט זיין זון פאַרלוירן אַזאַ גרויסן סכום פון 30 טויזנט גילדן. ער האָט געטענעט: צי איז געהערט געוואָרן, אַז אַ רב און אַ בּית־דין זאָלן טון אַזאַ מין גרויסע עולה; און נאָך אַ סך רכילות האָט ער אָנגערעדט אויפן רב. ווען דער קאָמיסאַר האָט דאָס דערהערט, האָט אים די געשיכטע שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט געזאָגט: אַזאַ זאַך איז ניט פאָרגעקומען בּאַ קיין שום פאָלק, אין קיין שום געריכט, בּאַ קיין שום משפּט.

---

[1]) פירשט אווגוסט טשאַרטאָריסקי איז געווען וואָיעוואָדע פונם לוואָווער דיסטריקט צייט 1731. די וואָיעוואָדעס האָבן געהאַט כּידוע אַ יוריסדיקציע איבער אידן.

RATSIOON LIMUVIA TARTU

אין יענער צייט איז אין קאַלוש געווען רב אַ זון[1]) פונם לוואָווער ראש־מתיבתא ר׳ יהודה ליב ז״ל, אַן אייניקל פונם לוואָווער רב ר׳ חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט; דער קאָמיסאַר האָט געשיקט רופן דעם קאַלושער רב, און ווען יענער, נאָך אַ יונגערמאַנטשיק, איז צו אים געקומען, האָט ער אָנגעהויבן שעלטן זיין זיידן דעם לוואָווער רב, איז געוואָרן אין כעס און געטענעט, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אין איין משפט זאָלן אַרויס־געטראָגן ווערן צוויי פּסקן, וואָס זיינען סותר איינער דעם אַנדערן, ניט אַנדערש, אַז ער האָט טאַקע גענומען בּיידע מאָל כאַבּאַר, און אַזאַ עולה קאָן בשום אופן ניט דערלאָזט ווערן; דאַריבּער הייסט ער צו אים שרייבּן, אַז בּיז איצט איז ער געווען זיינער אַ גוטער פריינט, האָט אים געגלויבּט אין אַלע ענינים, אויסגעפּועלט פאַר אים בּאַם פירשט דעם וואָיעוואָדע די רבנות־שטעלע און שטענדיג זיך משתדל געווען פאַר אים אין משך פון 20 יאָר[2]) זינט ער איז געוואָרן רב, און הגם ער האָט שוין פון אַ סך אידן געהערט אָנקלאָגעס אויף אים[3]), האָט ער ניט געגלויבּט, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז דאָס איז מחמת קנאה רעדט מען אויף אים אָן אומזיסט, ער אַליין האָט אים אָבּער שטענדיג געהאַלטן פאַר דעם ערליכסטן מאַן און ניט געוואָלט גלויבּן, אָבּער איצט, ווען זיין שולד איז פעסטגעשטעלט, איז שוין קלאָר, אַז ער האָט אין דער אמתן געטאָן אַ סך עולות אין משך פון זיין רבנות, דאַריבּער בּלייבּט אים נאָר איין אויסוועג צו אַנטלויפן פון לוואָוו, איידער ער, דער קאָמיסאַר, וועט אַהינצו קומען, און אַזוי אַרום וועט ער ניצל ווערן פון שווערער שטראָף, וואָס ס׳קומט אים. דער קאָמיסאַר האָט מוסיף געווען: „זאָלסט ניט גרינג שעצן אָט די רייד מיינע און אַזויווי דו בּיסט זיין אייניקל, שרייבּ צו אים תומ״י, אַז ער זאָל ניט וואַרטן, בּיז איך וועל קומען, ווייל ער וועט געוויס חרטה האָבּן; אויבּ איך וועל אים טרעפן, וועל איך מוזן ריידן מיט אים האַרבּע דבורים, ווי מ׳דאַרף ריידן מיט אַ שופט, וואָס פאַלשט דעם משפט“.

אין דערזעלבּער צייט איז צום דערמאָנטן קאָמיסאַר געקומען אויך אַ סקאָלער איד, דער קצין ר׳ יעקב ר׳ ליב קלימצרס, מיט אַ פּסק פונם

[1]) זיין נאָמען ווערט נישט אָנגערופן. מענליך, אז דער קאַלושער רב איז געווען דערזעלבּינער ר׳ דוב בּעריש ראַפּאָפּאָרט, רב אין מעדזשיבּעזש, וועלכער ווערט דערמאָנט פון ש. בּובּער, „אנשי שם“, זייט 42.

[2]) ר׳ חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט איז געווען רב אין לוואָוו פון 1 17 (ז. ש. בּובּער, „אנשי שם“ זייט 69). די מעשה, וואָס ווערט דאָ בּאַשריבּן, האָט פּאַסירט אין יאָר 1/53. אזעלכע טעות׳ן קומען זעלטן פאָר בּאַ אונזער מחבּר.

[3]) אינם ארכיוו פונם וואָיעוואָדישן געריכט אין לוואָוו פון די יאָרן 1740 – 1773 (די ארכיוו־אקטן זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אינם ספר פון Pazdro, ז. אריינפיר זייט 11) געפינען זיך אונטער די נומערן 25 און 30 צוויי אָנקלאָגעס אויף ר׳ חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט.

לוואָווער רב אַקעגן אַן אַנדערן אידן, אַ סקאָלער תּושב, און געוואָלט געבֿן דעם פּסק צו באַשטעטיגן מיטן קאָמיסאַרס שטעמפּל. ווען ר׳ יעקב האָט דערהערט די רייד פֿונם קאָמיסאַר און די בזיונות קעגן דעם לוואָווער רבֿ, איז אים אַריין אַ גערעאַנק גאָרניט ווייזן דעם פּסק פֿאַרן קאָמיסאַר, בשעת ער איז אין כּעס, טאָמער וועט ער אים נאָך צערייסן, און איז אַוועק פֿונם קאָמיסאַר; ער האָט אויך געעצהט דעם קאַלושער רבֿ אַוועקגיין און דערקלערט אים, אַז אויב ער וויל אָנשרייבֿן עפּעס אַ בריוו צום זיידן דעם רבֿ, וועט ער וואַרטן, ביז דער בריוו וועט אָנגעשריבֿן ווערן און וועט אים אַליין איבערגעבֿן דעם רבֿ צו די הענט; ר׳ יעקב האָט אים אויך דערציילט, אַז ער אַליין האָט אויך אַ פּסק פֿונם בית־דין און ער פֿאָרט איצט קיין לוואָוו. דער רבֿ האָט אָנגעשריבֿן דעם בריוו צום זיידן און אים געגעבֿן צו וויסן וועגן כּעס פֿונם קאָמיסאַר וועגן דער רכילות, וואָס מ׳האָט אויף אים אָנגעדערט, אַז ער האָט גענומען כּאַבֿאַר פֿון ביידע צדדים און פֿאַלש געפּסקנט.
אַז ר׳ יעקב איז געקומען קיין לוואָוו און איבערגעגעבֿן דעם רבֿ דעם בריוו, איז דער רבֿ דערציטערט געוואָרן און געזאָגט צו ר׳ יעקבן, וואו זוכט מען אָפּ אַ מענטשן, וואָס זאָל קאָנען גוט שרייבֿן פּויליש, און ער וועט באַשרייבֿן דעם קאָמיסאַר די פּרטים פֿונם גאַנצן ענין, דאַן וועט יענער פֿאַרשטיין, אַז דער פּסק איז אַ גערעכטער און וואָס פֿאַר אַ גרויסע טובה ס׳איז פֿונם ראָזינגן משפּט אַרויס פֿאַרן זון פֿונם מסור. האָט ר׳ יעקב געענטפֿערט: „רבי, איך ווייס איינעם, וואָס קען פּויליש, ווי קיין איין אַנדערער ניט, ער איז אַ איד און אַלע פּריצים חירוש׳ן זיך און ליבֿן אים אַלס אַ פֿולקאָמענעם קענער פֿון פּויליש; מ׳קאָן אים אָבער אַהערצו ניט ברייגגען, ווייל ער אַליין איז אַ ווײנשײנקער, פֿאַרקויפֿט ווײן לאחרים און קאָן ניט איבערלאָזן זײן שײנק אַפֿילו אויף אײן שעה; ער הייסט ר׳ בער, אַ יונגערמאַן און אַ ברודער פֿונם באַוואוסטן קצין ר׳ אריה ליב באָלעכאָווער“. האָט דער רבֿ געזאָגט צו ר׳ יעקבן: „איך אַליין שרייב אויך אַביסל פּויליש, אָבער ניט בשלימות, און אויב אַ גוי וועט אין מײן נאָמען שרייבֿן, וועט ער קיינמאָל ניט אָנשרייבֿן, ווי איך גלוסט, דעריבער בלײבט מיר ניט קיין אַנדער אויסוועג, נאָר איך זאָל אַליין אָנשרייבֿן אויף אַ רײנעם בויגן מײן בקשה אויף פּויליש, און איר וועט זיך מטריח זײן גײן צום ראָזינגן ר׳ בער און בעטן, אַז ער זאָל אָנשרייבֿן דעם אינהאַלט פֿון מײן בקשה; אַז איך וועל זעהן ביידע כּתבֿים, וועל איך דעם בעסערן שיקן צום קאָמיסאַר“. און דער רבֿ האָט געשיקט רופֿן ר׳ יצחקן דעם שתדלן פֿון אַלע פֿיר לענדער אין פּוילן דער מדינה[1]), האָט אים געהייסן אויסשרייבֿן פֿונם פּראָטאָקאָל ביידע פּסק׳ן: דעם ערשטן פּסק

[1]) דער ועד ארבע ארצות האָט געהאַט שתדלנים, וואָס פֿלעגן זיך זײן מתעסק מיט אויספֿירן די באַשלוסן.

פונם דין תורה, אַז װען ער װעט געבן אַ שבועה, װעט ער נעמען 40 טװינט גילדן, דעם צװײטן פּסק פונם בוררות, אַז אָהן אַ שבועה װעט מען דעם תובע געבן צען טװינט. דער רב האָט אָנגעשריבן דעם בריף, האָט אים איבערגעגעבן ר׳ יעקבן, און יענער איז זיך אַװעקגעגאַנגען. באַלד נאָך דעם איז דער רב געגאַנגען אין שול אַריין און געדאַװנט מנחה מיט כּונה, װי זיין שטייגער איז געװען. און ר׳ יעקב האָט געבראַכט די כּתבים צו מיר פאַרנאַכט און געבעטן מיך אינם רבס נאָמען, איך זאָל זיי איבערלייענען און איבערזעצן, האָט מיר אויך געגעבן עטליכע בויגן גוט רעגאַל פּאַפּיר און געבעטן אויסבעסערן די פעלערס לויט מיינע קענטענישן אין דער פּוילישער שפּראַך און איבערשרייבן מיט מיין אייגענער האַנט. איך האָב אַלץ דורכ־געלייענט און אַרויסגעזעהן, אַז דעם רבס התנצלותן זיינען אמת און דער מסור האָט אָנגערעדט שקרים, װייל ער איז אַן עם־הארץ, װאָס פאַרשטייט ניט אין הלכות משפּטים.

און אינמיטן דער נאַכט האָב איך גענומען די פּען אין דער האַנט און זיך געזעצט שרייבן דעם בריף צום קאָמיסאַר לויט די התנצלותן אין דער בקשה פונם רב ז״ל מיט מיינע װערטער אויף דער געלערנטער פּוילישער שפּראַך און קלאָר געמאַכט דעם ענין פונם משפּט, געגעבן צו פאַרשטיין, װי אַזוי זיינען אַרויסגעטראָגן געװאָרן ביידע פּסקן; אויך די קאָפּיעס פון ביידע פּסקן, װאָס מ׳האָט געבראַכט פונם רב, האָב איך געמוזט אויפסניי איבערשרייבן, װייל ס׳זיינען געװען אַ סך טעות׳ן און פעלערס און זיינען געװען איבערגעזעצט ניט לויטן גייסט פון דער פּוילישער שפּראַך. אַלע דריי כּתבים האָב איך אַריינגעלעגט אין איין קאָנװערט און אָנגעשריבן אויף אים דעם נאָמען מיטן גאַנצן טיטול פונם קאָמיסאַר. אינדערפריה איז געקומען ר׳ יעקב, גענומען די כּתבים באַ מיר און זיי אַװעקגעטראָגן צום רב ז״ל. לייענענדיג דעם בריף, האָט דער רב געזאָגט צו דער רביצין: „געלויבט איז גאָט, װאָס האָט ניט אָפּגעטאָן זיין חסד פון מיר, און איך בין בטוח באַם רבונו של עולם, אַז װען דער קאָמיסאַר װעט לייענען אָט דעם בריף, װעט ער געװיס אָנערקענען די גערעכטיגקייט פון מיין משפּט, און אַז די מוסרים האָבן גערעדט שקר און פאַרשטיין ניט די דינים פון משפּט״. מ׳האָט באַלד געבראַכט אַ אידן אַ רייטער און אים איבערגעגעבן דעם קאָנװערט מיט די כּתבים און בריף צום קאָמיסאַר. דער שליח איז אַװעק זוכן דעם קאָמיסאַר און אים געפונען אין שטעטל ברזעזאַן[1], װאו ער האָט אים איבערגעגעבן דעם רבס בריף. װען דער קאָמיסאַר האָט איבערגעלייענט

[1] Brzezany — אין מזרח־גאַליציע.

דעם רבס שרייבן, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז יענער איז גערעכט און אַז מ׳האָט אויף אים אָנגערעדט שקרים נאָר מחמת קנאה, און אַז די מוסרים האָבן געהאַנדלט קעגן גאָט און קעגן דער הייליגער תורה...

...און ווען ער[1]) איז געוואָרן רעגימענטאַר יענעראַלני, ווי ס׳איז שוין פריהער דערציילט געוואָרן, האָט ער געשיקט קיין דאַנציג און אויפן לייפּציגער יריד (אין זאַקסן דער מדינה), מ׳זאָל ברייננען פון דאָרט אַ סך סחורות און צייג אויף קליידער און אַ סך חפצים, ווי גאָלדענע און זילבערנע זיינערלאַך, טאַבאַק־פּושקעס, פינגערלאַך גאָלדענע מיט טייערע שטיינער, און אויסגענעבן דאַרויף גאָר אַ סך געלט; דאָס אַלץ האָט ער אָנגעגרייט פאַר מתּנות די פּריצים און שליאַכטיטשן, כּדי זיין מיט זיי גוט און צוציהען זיי אויף זיין צד, זיי זאָלן איינשטימען מיט אים אין אַלע מלוכה־ענינים, וואָס קומען פאָר אין אַלע קרייז־שטעט פונם לאַנד, ווייל דער שטייגער איז געווען, אַז אַלע פּריצים פלעגן זיך צונויפזאַמלען אין קליינע סיימיקעס[2]), וועלכע פלעגן איינגעאָרדנט ווערן אין די שטעט פון די גראָד־געריכטן[3]), האָבן דאָרט אויסגעקליבן די פיינסטע און געניטעסטע מענשן פאַר דעפּו־טאַטן אין גרויסן סיים אין וואַרשע. און אַחוץ די אַלע מתּנות, וואָס ער האָט אָנגעגרייט, האָט ער אויך באַראַפּט האָבן טייערע ווייגען, מיט וועלכע מ׳זאָל קאָנען מכבּד זיין די חשובע פּריצים. און בשעת דער רעגימענטאַר פּאָניאַטאָווסקי איז געווען אין סטרי, האָט דאָרטן געוואוינט איינער ר׳ שאול וואַל ע״ה, אַ איר אַ חשובער מענש, אַ גרויסער חכם און אַ למדן מופלג, וועלכער פלעגט תּמיד זאָרגן פאַרן כּלל ישראל און טון טובות באַ די פּריצים, ווייל ער איז געווען באַ זיי זעהר חשוב. אונזער פאָטער ע״ה איז געווען מיט אים קרובים פון זיין מוטער ברייגעס צד, זיין ווייב פּעסל ע״ה איז געווען דעם טאַטנס אַ מומע, די שוועסטער פון זיין זיידן ר׳ יעקב. דער דאָזיגער ר׳ שאול פלעגט האַלטן באַ די פּריצים גיטער אין אַרענדע און אַרבעטן מיט די פּאַנשטשיזנע־פּויערים, וואָס האָבן געאַקערט און געזייט; דאָס איז געווען זיין באַשעפטיגונג פון קינדרוויז אָן. אויך די שטאָט סטרי מיט דער גאַנצער געגנט האָט ער אַ לאַנגע צייט געהאַלטן אין אַרענדע. און דער שר פּאָניאַטאָווסקי, דער סטאַראָסטע פון סטרי, האָט געהאַלטן ר׳ שאולן פאַר אַ גרויסן חכם און תּמיד געפרעגט באַ אים עצות.

זאָגט ער צו אים: „כ׳האָב ברעה שיקן קיין אונגאַרן איינקויפן דאָרטן טייערע ווייגען, אפשר ווייסט דו עפּעס אַ אידן, אַ איש נאמן, און פאַרשטייט,

1) פּאָניאַטאָווסקי. 2) סיימען אין די פּראָווינצן אָדער וואָיעוואָדסטוועס.

3) גראָד־ אָדער סטאַראָסטע־געריכט פלעגט באהאַנדלען קרימינעלע פאַרברעכנס פון שליאַכטיטשן, ווען די צדדים האָבן געהערט צו פאַרשיידענע דיסטריקטן.

װי אַזױ אײנצוקױפן גוטע װײנען, װעל איך אים שיקן אַהינצו, ער זאָל קױפן פאַר מײנעטװעגן אַ געװיסע צאָל טײערע װײנען״. האָט ר׳ שאול געענטפערט: „כ׳האָב אַ אידן, װאָס ס׳איז ניטאָ קײן בעסערער מבין פון אים אויף װײן, װעלכער רעדט פולקאָם גוט אונגאַריש און פון דער יוגנט אָן זיך געלערנט װי צו האַנדלען מיט אונגאַרישע װײנען״. און מ׳האָט תּיכּף געשיקט רופן מײן פאָטער ע״ה און אים פאָרגעשטעלט פאַרן פּריץ, װעלכער האָט מסכים געװען צו שיקן אים אײנקױפן װײן; מ׳האָט אים געגעבן אויף דער האַנט 2000 רוקאַטן, ר. ה. 36 טױזנט פּױלישע גילדן, און אויך געשיקט מיט אים דעם לערער פונם פּריצעס קינדער, כּדי ער זאָל פאַרשרײבן די סכומים פון די געקױפטע װײנען און פירן די חשבונות פון דער הוצאה. דער ראָזינער שרײבער האָט געהײסן קאָסטיושקע. דער פאָטער ע״ה האָט געטאָן אַזױ, װי דער פּריץ האָט אָנגעזאָגט, און געקױפט צװײ מאות פעסער גוטע טאָ־קאַיער װײנען, אַלע מאַשלאַשן.

װען זײ האָבן זיך אומגעקערט פון אונגאַרן און געבראַכט די װײנען קײן סטרי, זײנען די װײנען שטאַרק געפעלן געװאָרן און מ׳האָט דעם טאַטן באַצאָלט פונם פּריצעס קאַסע הונדערט רוקאַטן פאַר זײן טרחה, דעם שרײ־בער קאָסטיושקע דערפאַר, װאָס ער האָט גוט געפירט די חשבונות, האָט מען געמאַכט פאַר עקאָנאָם אין באָלעכאָװ, און ער איז געװען אין אונזער שטאָט אַ סך יאָרן.

אויך פאַר ר׳ שאול װאָל איז דערפון אַרױס אַ גרױסע טובה. ער האָט קײנמאָל זיך ניט פאַרנומען מיט מסחר און פון דער יוגנט אָן נאָר געהאַלטן אַרענדעס און געקענט אַלערלײ פעלד־אַרבעטן און אַנדערע װירטשאַפטליכע זאַכן, װי האָרעװען בהמות, פערד און אָקסן; ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע די שטאָט סקאָלע מיט די דערפער און אַ סך יאָרן אַרענדירט די סטאַראָסטװע סטרי מיט דער גאַנצער געגנט; פון די ראָזינע עסקים האָט ער געלעבט און געהאַט גענוג פּרנסה פאַר דער גאַנצער פאַמיליע — צען זכרים און אײן נקבה, װעלכע האָבן אַלע זיך מתחתּן געװען װער מיט רבנים און װער מיט באַװאוסטע אידישע גבירים. װען דער ראָזינער פּריץ אָבער איז געװאָרן דער בעל־הבית פון סטרי, האָט ער ניט געװאָלט קײנעם פאַררינגען די גיטער, האָט אַלץ איבערגעלאָזט פאַר זיך אַלײן און די געשעפטן געפירט הײן אָנגעשטעלטע. איז דער אַלוף ר׳ שאול געבליבן אויף דער עלטער אָהן פּרנסה, ער האָט אַפילו ניט געהאַט מיט װאָס צו באַצאָלן אײניגע חובות, װאָס ער איז שולדיג געבליבן די פּריצים. אונזער טאַטע ע״ה האָט אים געגעבן אַן עצה, ער זאָל אויך אָנהױבן האַנדלען מיט אונגאַרישע װײנען; יענער האָט געפאָלגט, האָט מיטגענומען אַ געװיסן סכום און מיטגעפאָרן

קיין אונגאַרן, וואו ער האָט געקויפט טייערע ווײַנען, זיי געבראַכט און פאַר־קויפט מיט גרויס ריווח, אַזוי אַז ער האָט געקאָנט אָפּצאָלן אַלע זײַנע חובות.

דער טאַטע ע״ה האָט שטענדיג געמסחרט מיט אונגאַרישע ווײַנען אין שותפות מיט מײַן עלטערן ברודער דעם אַלוף ר׳ אריה ליב ע״ה. זיי פלעגן פון יאָר צו יאָר פאָרן, רייטנדיג קיין אונגאַרן, אײַנקויפן די טייערע ווײַנען, זיי ברײַנגען און פאַרקויפן די שכנישע פּריצים. דער ברודער האָט געוואוינט מיט זײַן ווײַב רחל בײַם טאַטן אין שטוב, אין די נײַע חדרים, וואָס דער טאַטע האָט אויסגעבויעט פאַר אַן אכסניא בײַם טויער פון צפון זײַט.

אין יאָר תפ״ט איז אין באָלעכאָוו פאָרגעקומען אַ שׂרפה און ס׳זײַנען פאַרברענט געוואָרן פינף גרויסע הײַזער, וואָס נײַען אַרויס אויף דער שטאָט־גאַס: ר׳ יהודא אָשרס הויז, וואָס איז איצט מיכל אברהם׳ס; ר׳ דוד בר׳ עובר[1]) כץ׳ס, וואָס איצט איז דאָרט ר׳ שאול אריהס שטוב; ר׳ בערס דעם קצין, ר׳ יוסף׳ס ע״ה זון, וואָס איצט איז דאָרט ר׳ מאיר ר׳ בערס מיט זײַן ברודער עברס שטוב; ר׳ מאַנוסעס, וואָס איצט געהערט דאָס צו זײַנע אייניקלאַך און שפּרינצע דער אַלמנהס ר׳ ישראל לאהס ווײַב, וואָס אַצינד איז עס דאָס הויז פון מײַן זון יוסף זאָל לעבן; צפון־זײַט פון אָט דער שטוב איז געווען ר׳ ראובנס אַ לייריגער פּלאַץ, אויף וועלכן ס׳איז קיין שטוב ניט געשטאַנען צו דער גאַס צו, און דאָס האָט אָפּ־געשטעלט די שׂרפה און די איבעריגע הײַזער זײַנען ניצול געוואָרן. יענע פינף הײַזער אָבער זײַנען פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די קליינע געבײַדעס הינטער זיי, און ס׳איז אויך פאַרברענט געוואָרן איינע אַ אירענע ציגל די קרעמערין.

אין יאָר . . .[2]) בשעתן חנא פון די דרײַ הייליגע, וואָס פאַלט דעם 6־טן יאַנואַר, נאָך דעם, ווי די גויים די פּריצים זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון קלויס־טער, איז אומגעפאַלן אַ ברענענדיגע ליכט אויף אַ טיש, באַדעקט מיט אַ זײַדענעם טישטוך, וועלכער האָט זיך אָנגעצונדן, און ס׳איז געוואָרן אַ גרויסע שׂרפה אינם ראָזיגן גרויסן הויז, ווײַל ס׳איז געווען געבויעט פון רעמבן האָלץ. דאָס הויז האָט אינעווייניג אינגאַנצן אויסגעברענט, און ווען ס׳איז געקומען דער גלח און געעפנט די טיר, איז דאָס פײַער אַרויס אין דרויסן און אַרומגעכאַפּט די גאַנצע געבײַדע; ביז פאַרנאַכט מנחה־צײַט, ערב שבת שירה איז דאָס געווען, איז דאָס גאַנצע הויז געוואָרן צו אַש. אין אָט רעמזעלבן פרײַטאָג איז קיין באָלעכאָוו געקומען דער באַרימטער חזן ר׳ יעקילע און געראַוונט אין אונזער שול. אין אַ קליינער צײַט אַרום נאָכדעם זײַנען ווי אין יאָר... פאַרברענט געוואָרן די איבעריגע הײַזער פון דער

---

[1]) עובר און עבר – אַ זעלטענער נאָמען.

[2]) דאָ און אויך ווײַטער ווערן די יאָרן דורכן מחבר ניט אָנגעוויזן.

שטאָט־גאַס: די שרפה האָט זיך אָנגעהויבן פון ר׳ אלימלך כ״ץ׳ס שטוב, וואָס איצט איז זי ר׳ שאול וואַלס, צוזאַמען מיט איר איז פאַרברענט געוואָרן דעם רבס הויז, וואָס נעבן אַלטן בית־המדרש, אין וועלכן ס׳האָט געוואוינט דאַמאָלס דער רב ר׳ יוקל הורוויץ סג״ל ז״ל, נאָך איז פאַרברענט געוואָרן דעם גוי בובליקס שטוב, וואָס איז איצט ר׳ יהודה ר׳ שמואלס, וועמען מ׳רופט קאָצשור, נעבן דעם די שטוב פון דער אַלמנה מלכה ר׳ אלי דעם בלינדנס, וואָס ס׳איז איצט ר׳ יהודה ליב חיים אורבאַך׳ס, נעבן דעם איז פאַרברענט געוואָרן בונם שיינעס הויז, וואָס ס׳איז איצט ליפקה׳ס ר׳ אלי בערס אַלמנה, ווייטער איז פאַרברענט געוואָרן דאָס הויז פון ר׳ אַברהם ראָכילעס, וואָס געהערט איצט צו ר׳ אַברהם זימלס, נעבן דעם איז פאַר־ברענט געוואָרן ר׳ קלמן כץ׳ס הויז, וואָס געהערט איצט צו ר׳ יוסף צבי׳ס אייניקל, נעבן דעם — ר׳ יעקעלעס (וועמענס איידעם ר׳ אתמר ע״ה איז געווען אַ גוטער מוהל) און איצט געהערט דאָס הויז צו ר׳ ליב ר׳ יוסף ויינוױלס, אַחוץ דעם איז נאָך פאַרברענט געוואָרן די שטוב פונם גוי אַנופרי, וואָס בשעת דער ערשטער שרפה איז נאָר אָפּגעברענט געוואָרן דער דאַך און איצט האָט זי אָפּגעברענט אינגאַנצן; דערמיט האָט זיך די שרפה אָפּגעשטעלט, ווייל די איבעריגע הייזער זיינען נאָך ניט אויפגעבויט געוואָרן נאָך דער ערשטער שרפה.

דער טאַטע ע״ה האָט תמיד געהאַנדלט מיט אונגאַרישע וויינען בשותפות מיט מיין עלטערן ברודער אריה ליב ע״ה און פון יאָר צו יאָר פלעגן זיי פאָרן קיין אונגאַרן איינקויפן וויין, אים ברייינגען און פאַרקויפן די שכנישע פריצים. און דער דאָזיגער ברודער אריה ליב האָט מיט זיין ווייב רחל געוואוינט באַם טאַטן אין הויז. נאָך דער שרפה האָט ער געקויפט דעם פלאַץ פון ר׳ ישראל לאה׳ס דירה און אויסגעבויט אויף אים אַ גרויס הויז, שענער פון אַלע הייזער אין באָלעכאָוו; אינם הויז האָט ער געמאַכט אַ גרויסן געמויערטן קעלער אויף הונדערט פאַס וויין (דער דאָזיגער קעלער איז נאָך פאַראַן עד היום באַ מיין זון יוסף) און די געביידע איז פאַרענדיגט געוואָרן אין יאָר תצ״ז, ווי ס׳איז צו זעהן דאָס דאָזיגע יאָר אויסגעקריצט אויף דער אויבערשטער שוועל פון דער אייזערנער קעלער־טיר.

אין דעמזעלבן יאָר תצ״ז 6 טאָג אין חודש אדר שני, וואָס ס׳איז געפאַלן אום שבת, 9 אַזייגער אויפדערנאַכט איז געשטאָרבן די מוטער מיינע אסתר בת ר׳ מרדכי ע״ה, וועלכע איז געווען אַ אשה צנועה און אַ חסידה; זי איז געשטאָרבן אין עלטער פון 54 יאָר נאָך דעם, ווי זי האָט אָפּגעקריינקט אַריבער אַ יאָר פון וואַסערזוכט אויף די פיס. זי איז געשטאָרבן בנשיקה אָהן שום נסיסה. און אין דערזעלבער שעה און אין דעמזעלבן טאָג פונם חודש אדר שני אין יאָר תפ״ג האָט זי מיך

געבוירן מיט גרויסע ווייען, ווי כ׳האָב שוין פריהער דערציילט אויף זייט...,
אַז זי איז שיער ניט אויסגעגאַנגען בשעת מיין געבורט, נאָר גאָט האָט זיך מיט זיין חסד דערבאַרימט אויף מיר, אַ פיצל קינד, און איר געשיינקט נאָך 14 יאָר, כּדי זי זאָל מיך מגדל זיין לתורה און למצוות תּפילין.

און מיר קערן זיך אום צו דערציילן וועגן די ענינים פון אונזער באַלעד־כּאָוועער קהלה. וועגן דער סבּה פון ביירע שרפות, וואָס זיינען געשען אין באָלעכאָוו, זאָגט מען, אַז דאָס איז פאָרגעקומען איבער די סאָלדאַטן, וועלכע זיינען דאַמאָלס געשטאַנען אין שטאָט גאַנצע דריי רעגימענטן; אַזוויוי דער שר פון שטאָט פאָניאַטאָווסקי איז דאַמאָלס געוועזן רעגימענטאַר, ר. ה. מיליטער־קאָמאַנדיר פון דער גאַנצער פוילישער מלוכה, האָט ער אַריינ־געזעצט סאָלדאַטן אין זיינע גיטער, כּדי געבן צו לייזן פונם מזומן געלט, וואָס זיי באַקומען יעדער וואָך און געבן אויס אויף עסן און טרינקען. אין יענער צייט איז געשטאָרבן דער פוילישער קיניג אַווגוסט דער ערשטער,[1]) דער קורפירשט פון זאַקסן, און אין לאַנד זיינען פאָרגעקומען גרויסע קרינערייען צווישן די שררות פון פוילן: אייניגע האָבן אויסגעקליבן דעם זון פונם פאַרשטאָרבענעם קיניג, דער רוב אָבער האָט געוואָלט מאַכן פאַר אַ מלך לעשצינסקין, אַ שר אַ פּאָלאַק, וועלכער איז שוין פריהער נאָך, איידער ס׳איז געקרוינט געוואָרן דער פאַרשטאָרבענער אַווגוסט, אויס־געקליבן געוואָרן און מיט דער הילף פונם שוועדישן קיניג כּמעט ניט געקרוינט געוואָרן איבער פוילן, נאר דורך א פשרה איז אויף אַ צייט געוואָרן קיניג איבער פוילן דער פאַרשטאָרבענער אַווגוסט; נאָכן טערמין האָט ער זיך מתחיב געווען איבערגעבן די קרוין דעם שר לעשצינסקי. דאַמאָלס איז אָבער געשטאָרבן דער שוועדישער קיניג קאַרל דער צוועלפטער און דער שר פאָניאַטאָווסקי איז געווען בשעת זיין טויט, האָט געוואוסט פון די כּתבים מיט דער פשרה, וואָס זיינען באַ אים באַהאַלטן געוואָרן און האָט זיי מיט ערמה אַרויסבאַקומען; אַנדערע זאָגן, אַז נאָכן טויט פונם שוועדישן קיניג האָט זיין ווייב די קיניגין איבערגעגעבן די דאָזיגע כּתבים פאָניאַטאָווסקין[2]). פאָניאַטאָווסקי איז גלייך אַוועק צום קיניג אַווגוסט,

[1]) ריכטיג: דער צווייטער.

[2]) די דאָזיגע באַשרייבונג פון אונזער מחבר איז אין אלגעמיין ריכטיג און קלאָר, ס׳נעפינט זיך אָבער אייניגע טעות׳ן. א) די פשרה, וועגן וועלכער דער מחבר רעדט דאָ, איז אין דער ווירקליכקייט געווען אן אָפּדאנקונג, וועלכער ס׳האָט אונטערגעשריבן דער קיניג אווגוסט דער צווייטער לויטן שלום־טראקטאט אין אלטראנשטעדט פונם 24־טן נאָוועמבער 1705, אווגוסט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער קרוין לטובת לעשצינסקי און האָט נאָר געלאָזט פאר זיך דעם טיטל קיניג ביזן טויט. ב) פאָניאטאָווסקי איז ניט ביינעווען באַם טויט פון קארל דעם צוועלפטן. ג) אולריקע לעאָנארע, די קיניגן פון שוועדן, איז געווען ניט קארלס פרוי, נאָר זיין שוועסטער.

האָט אים איבערגעגעבן די ראָזינע כתבים, וואָס זיינען געווען דורך אים אַליין געחתמעט אויפן סמך פון דער פשרה. אויף אַזאַ אופן האָט ער ניט איבערגעגעבן די קרוין לעשצינסקין און אַליין געקינינט לויט זיין איינענעם רצון; דעם שר פּאָניאַטאָווסקי האָט דער קיניג גרויס געמאַכט און זעהר דערהויבן, ווי כ'האָב שוין אויבן דערמאָנט. דאָס האָט זעהר פאַרדראָסן אַלע איבעריגע שררות פון פוילן, וועלכע האָבן שטאַרק מקנא געווען פּאָניאַטאָווסקין און געטראָגן אויף אים אַ שרעקליכע שנאה; יענער האָט אָבער פאַרשטאַנען מיט זיין חכמה, ווי אַזוי צוציהען צו זיך אַ סך פריינט, וועמען דורך מתּנות און וועמען מיט גוטע רייד.

און ווען ס'איז געשטאָרבן דער קיניג אַווגוסט דער ערשטער, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סך שררות פון פוילן און געשיקט קיין פראַנקרייך נאָך לעשצינסקין, רעכענענדיג, אַז איצט וועט מען אים קאָנען קרוינען מיט דער קרוין פון פוילן. זיינען אָבער געקומען די מאָסקוויטער, דאָס הייסט די רוסן, צו הילף דעם זאַקסישן פירשט און געוואָלט אים אַרויפזעצן אויף זיין פאָטערס אָרט; די אַלע שררות, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען אין לוואָווער און אַנדערע געגנטן אויף קליינע סיימיקעס, ד. ה. באַראַטונגען, כּדי אַראָפּצוּוואַרפן די זאַקסישע דינאַסטיע, זיינען געווען געצוואונגען אַנטלויפן פונם מאָסקווער חיל און זיינען אַוועק דורך די נאָהענטע שטעט צו דער אונגאַרישער גרענעץ[1]; אַלע זיינען זיי דורכגעפאָרן אונזער שטאָט באָלעכאָוו, און יעדער פון זיי, ווער ס'האָט זיך דערוואוסט, אַז די ראָזינע שטאָט איז פון פּאָניאַטאָווסקים ניטער, האָט געוואָלט ראַבעווען די איינ־וואוינער, כּדי אויסצומאַכן די הוצאות.

גאָט האָט אָבער געפירט אַזוי, אַז דער פאָטער ע"ה האָט שטאַרק אויסגענומען בּאַ אַלע שררות, ווייל ער האָט שטענדיג פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מ'דאַרף זיך משתּדל זיין, געקענט גוט די פּוילישע שפּראַך און איז געווען קלאָר אין אַלע פּאָליטישע ענינים, האָט ער זיך משתּדל געווען און געפּועלט, אַז קיינער זאָל ניט אָנטון קיין שאָדן דער שטאָט; און ווי זיי זיינען געקומען, אַזוי זיינען זיי אַרויס מיט ליידיגע הענט פון באָלעכאָוו; אין די איבעריגע נאָהענטע קהלות זיינען אָנגעמאַכט געוואָרן גרויסע היזקות און אַ סך הוצאות. גאָט האָט דערפאַר געבענשט מיין פאָטער פאַר דער טובה, וואָס ער האָט געטאָן די באָלעכאָווער איינוואוינער, די קהלה אַליין אָבער האָט גאָר פאַרגעסן אָן דעם בעל־טובה און ניט געדיינקט זיינע טובות.

[1]) די דאָזיגע שילדערונג, וואָס דער מחבר גיט דאָ איבער דער אומרוהיגער צייט פוי די יאָרי 1733—1735, איז זעהר אינטערעסאַנט, ווייל מיר וויסן זעהר ווייניג פונם דאָזיגן פּעריאָד.

דאַמאָלס איז איינער אַ שר מיטן נאָמען באָרייקע[1]) אַרומגעפאָרן מיט גרויס חיל, און דערוויסנדיג זיך אין סטרי, אַז אין באָלעכאָוו איז פאַראַן אַ רב אַ גרויסער עושר, האָט ער באַשלאָסן אים באַרויבן. מ'האָט וועגן דעם ערב יום כפור געגעבן צו וויסן דעם רב ר' יוקל סג"ל, און אין דעמזעלבן טאָג נאָך שחרית האָט זיך דער רב אויפגעזעצט, רייטנדיג אויף אַ פערד, און אַנטלאָפן אין שטעטל דאָלינאַ. ווען דער שר מיט זיין חיל איז אַהערצו געקומען, האָט מיין פאָטער ע"ה איינגערעדט אים און זיך מתנצל געווען, אַז די אידן זיינען ניט רייך, די גויים זיינען זיי אומזיסט מקנא; יענער האָט שוין אַפילו ניט געפרעגט מכּח דעם רב און איז זיך אַוועק־געפאָרן פון דאַנען.

און נאָך די דערמאָנטע שרפות, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין באָלעכאָוו, האָט דער רב אויף זיינע אייגענע הוצאות אויסגעבויעט פאַר זיך אַ שיינע און גוטע דירה; אַ שטיקל צייט נאָך דעם, ווי ס'איז פאַרענדיגט געוואָרן דער בנין פון זיין דירה, האָט מען דעם רב אין יאָר תצ"ה בּאַ אונז צוגענומען, און ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ רב אין בּראָד. בשעת ער האָט באַדאַרפט אַוועקפאָרן, איז די גאַנצע שטאָט פון קליין ביז גרויס אַרויס הינטער דער שטאָט אים צו באַגלייטן. אונזער מלמד ר' אליעזר ליבּר ע"ה איז אויך געגאַנגען באַגלייטן; מיר, זיינע תלמידים, זיינען אים נאָכגעגאַנגען. איידער ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער פור, האָט דער רב געווענדט זיך צום גאַנצן המון: „די חכמים האָבן געזאָגט אין דער גמרא — אל יפטור אדם מחבירו כי אם מתוך דבר הלכה[2]), וועל איך אייך מפרש זיין אייניגע מאמרים פון דער גמרא בּדרך ווערטל".

„ס'שטייט אין מסכתא תענית: מחשבה מועלת לדברי תורה[3]), מאַכט רש"י — מחשבה דאָס מיינט מען דאגת פרנסה. איז דאָך די קשיה: פון וואַנען דרינגט רש"י, אַז דאָס איז דאגת פרנסה, יעדער מענש האָט דאָך אַ סך שווערע דאגות אויסער דאגת פרנסה"? זאָגט דער רב ווייטער: "נאָך שטייט אין דער גמרא אויפן פסוק והיו חייך תלוים לך מנגד[4]) — דאָס מיינט מען דעם, וואָס נעמט בּרויט פונם בעקער, ווייל יעדערער איז מחויב אָנגרייטן שטענדיג שפייז פאַר זיין בני־בית אויף דריי יאָר. נאָך האָבן געזאָגט די חכמים אין דער גמרא: האומר מה נאכל מחר הרי זה מקטני

[1]) מסתמא א רוסישער קאָמאנדיר. אין 1735 איז רוסיש חיל אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל קייט און פרינץ העססען־האמבורג אריינגעדרונגען פון פאָדאָליע קיין מזרח־גאַליציע.

[2]) מסכתא ברכות 31a. יעדער מענש דאַרף בּאַ צעשיידן זיך מיט עמיצן ריידן פון דברי תורה.

[3]) די מחשבה העלפט צו דברי תורה. ז. אויך סנהדרין, 26b.

[4]) דברים כ"ח; זאלסט שטענדיג זאָרגן פאַר דער צוקונפט.

אמונה[1]), ווייל יעדער מענטש דאַרף יעדן טאָג זאָגן ברוך ה׳ יום יום[2]).
איז די תשובה דאַרויף פון אַ גמרא, וואָס די חכמים האָבן געזאָגט, אַז אויב ס׳טרעפט עפּעס אַ שינוי אין שטוב, למשל, ווען אַ הון האָט נעקרייט, ווי אַ האָן, דאַרף מען זי קוילען; שטייט אָבער אין דער גמרא אויך, אַז מ׳טאָר ניט זאָגן — קוילע די דאָזיגע הון, וואָס האָט געשריען, ווי אַ האָן. זיינען די דאָזיגע מאמרים אויך סותר איינס דאָס אַנדערע. דעריבער מוז מען פאַרשטיין די גמרא אַזוי. מ׳טאָר ניט זאָגן קוילע די דאָזיגע הון, וואָס האָט געשריען, ווי אַ האָן, אָבער קוילען זי איז מען מחויב על פי גמרא; דאָסגלייכן איז משמע, אַז דער מענטש טאָר ניט זאָגן, וואָס וועלן מיר מאָרגן עסן, אָבער אָנגרייטן די שפּייז פאַר זיך און פאַרן בני־בית איז ער מחויב. און אין משלי שטייט: האָט ווער אַ דאגה, זאָל ער זיך טיילן מיט עמיצן, וועט די דאגה אַרויס און ס׳וועט אים לייכטער ווערן. און ווער ס׳איז אַ מחוסר פרנסה, טאָר ער ניט דערציילן זיין דאגה צו אַנדערע און זאָגן, וואָס וועלן מיר מאָרגן עסן, אָבער אָנגרייטן פאַר זיך און פאַרן בני־בית שפּייז אויף אַ צייט מעג מען אַוודאי און מ׳איז מחויב. דעריבער האָט רש״י גוט מפרש געווען אין דער גמרא: מחשבה מועלת לדברי תורה — מיינט מען דאגת פרנסה, ווייל מ׳קאָן זי ניט דערציילן עמיצן און מ׳טאָר ניט זאָגן, וואָס וועלן מיר מאָרגן עסן, דעריבער איז עס אַ סגולה צו דברי תורה״.

נאָך דעם, ווי ער האָט געענדיגט זיין מאמר, זאָגט ער צו מיין פאָטער ע״ה: „ר׳ יהודא, איר קלויבט זיך דאָך פאָרן בשלום קיין אונגאַרן, וויל איך אייך בעטן, איר זאָלט מיר טון די טובה און קויפן דאָרט פאַר מיינעטוועגן אַן אַנטאַל גוטן וויין מאַשלאַש און נעמט דאָס געלט דאַרויף״. ער האָט אים געגעבן אַכט רוקאַטן גאָלדענע מטבעות און געזאָגט: „דערפאַר וועל איך פאַר אייער זון דעם בחור זעהן מיט גאָטס הילף אַ גוטן שידוך פון בראָד פון די פיינסטע בעל־בתים, נאָר בתנאי, ער זאָל זיין אַ מתמיד אין לערנען״. דאָס אַלץ האָב איך געהערט פון זיין הייליג מויל און געזעהן מיט מיינע אויגן. נאָכן רבס אַוועקפאָרן האָט דער מלמד מיט אונז זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים און געפרעגט, צי געדיינקען מיר דעם רבס מאמר; ער האָט מיט אונז איבערגעחזרט דעם גאַנצן מאמר, און פון דאַמאָלס אָן איז דער דאָזיגער מאמר פאַרבליבן אין זכרון בײַ אַ סך פון אונזערע חברים די תלמידים, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אונז אים געהערט פונם רבס ז״ל הייליג מויל.

[1]) ירושלמי שבת, VII, 11a. ווער ס׳זאָרגט: ״אוי רלערט״, וואָס וועט ער עסן מאָרגן, איז ער א קליינער בעל בטחון.

[2]) געלויבט איז גאָט פאַר יעדן טאָג.

איידער דער רב ר׳ יוקל סג״ל איז אָפּגעפּאָרן פון אונזער קהלה איז מיט דער הסכּמה פון דער גאַנצער קהלה אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין באָלעכאָוו אויפן אָרט פון זיין פאָטער דער גאון ר׳ מרדכי סג״ל, און אַלע זיינען פון אים געווען צופרידן, ווייל ער איז געווים געווען אַ צדיק גמור. איך בין דאַמאָלס געווען אַ בּחור פון 12 יאָר, און אַזוי ווי דער בּראָדער רב האָט צום טאַטן ע״ה געשריבן צוויי בּריף וועגן אַ שידוך פאַר טיינעטשוועגן פון די פיינסטע מיידלאַך פון בּראָד, האָב איך געמוזט יעדן שבּת נאָך דער סעודה קומען צום רב ר׳ מרדכי ז״ל אין שטוב אַריין, ער זאָל מיר געבּן לייענען מאמרים פון דער גמרא, כּדי איך זאָל מיך צוגעוויינען צו די הלכות פון תּלמוד.

ראַמאָלס האָט בּאַ אים געוואוינט זיין שוועסטער לאה ע״ה, אַ אשה צנועה און אַ גרויסע געלערנטע, וועלכע איז רוֹ פאַרבּליבּן נאָך דעם, ווי אירע עלטערן זיינען אַריבּערגעפאָרן קיין בּראָד; זי איז געווען דעם ראָבּראָ־מילער[1]) רבס זונס ר׳ אריה ליבּס ווייב. דער רב ר׳ מרדכי פלעגט מיר פאַרגעבּן צו לייענען עפּעס אַ הלכה אין דער גמרא און האָט זיך צוגעלעגט שלאָפן נאָכן עסן, ווייל ער איז פון שטענדיג אָן געווען אַ קראַנקער מענש; די ראָזינגע שוועסטער לאה איז געזעסן פון דערווייטנס, צוגעקוקט און געזעהן, ווי איך פאַרשטיי ניט די הלכה פון דער גמרא און רש״י׳ס פירוש, פלעגט זי פרעגן, וואָס איז מיר דאָרט אַזוי קשה, לאָמיך נאָר זאָגן דעם האַרבּן מאמר. איך האָבּ אָנגעהויבּן זאָגן פאַר איר די גמרא אָדער דעם רש״י, און זי האָט אָנגעהויבּן תּיכּף זאָגן אַלץ אויסנווייניג אַזוי קלאָר און מיט אַזאַ פאַרשטענדליכער שפּראַך, אַז פון אירע רייד פלעג איך שוין פאַרשטיין; אַז דער רב איז אויפגעשטאַנען, האָבּ איך שוין געוואוסט ווי אַזוי צו זאָגן פאַר אים די גמרא, ווי ס׳דאַרף צו זיין. איין יאָר נאָך האָט געלעבּט דער רב ר׳ מרדכי און פאַרנומען די כּסא הרבנות פון באָלעכאָוו.

און בעוונותינו הרבים האָט זיך זיין קרייגק פאַרשטאַרקט, און ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תּצ״ו; די גאַנצע קהלה האָט אים געמאַכט אַ גרויסן הספּד און אָפּגעגעבּן גרויס כּבוד, מער פון אַ גאַנץ יאָר האָט מען ניט צוגענומען קיין אַנדערן רב, און זיין אלמנה דעם סנאַטינער[2]) רבס טאָכטער האָט דאָס גאַנצע יאָר גענומען די הכנסה און נאָכן ערשטן יאָרצייט פון איר מאַן דעם רב ז״ל איז זי אַוועקגעפאָרן צו איר פאָטער.

נאָך אים איז אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין באָלעכאָוו ר׳ משה, דער זון פונם רב ר׳ אהרן סג״ל ז״ל; ר׳ משהס עלטערער בּרודער, דער רב ר׳ מרדכי ז״ל, איז געווען אַ איידעם פונם גרויסן נגיד און קצין ר׳

1) Dobromil — אַ שטעטל אין גאַליציע.
2) Sniatyn. דער נאָמען פונם רב איז ניט אָנגעוויזן.

קלמן ע״ה דעם ראש מדינה פון טיסמעניץ[1]) און זיין יונגערער ברודער איז געווען רב אין אָלעסק[2]). ווען ר׳ משה האָט זיך אָפּגעזאָגט פון באָלע־כאָווער רבנות, האָט אים זיין יונגערער ברודער אָפּגעטראָטן זיין אייגענע רבנות אין אָלעסק און איז אַליין אָנגעקומען קיין בראָד, וואו ער האָט מאריך ימים געווען ביז ס׳איז געוואָרן קיסר יוסף דער צווייטער ע״ה, און דאַן איז ער געוואָרן ראש מדינה פון בראָדער קרייז, נאָר איז געבליבן זיצן אין לוואָוו. דער רב ר׳ משה ז״ל איז מיט גרויס כבוד געזעסן אויפן כסא הרבנות אין באָלעכאָוו אין משך פון צען יאָר, ווייל ער האָט געפירט די רבנות מיט חכמה קעגן דעם ווילן פון איינינע אלופים, וואָס זיינען געווען קעגן אים און געוואָלט אים שטערן. פון דאַנען איז ער בשלום אַוועק־געפאָרן מיט צוויי קינדער זכרים, וועלכע ס׳האָט אים געבוירן זיין ווייב די רביצין, אַ טאָכטער פונם סטריער רב ר׳ בעריש[3]) ז״ל, דער זון פונם גאון ר׳ משה חריף ז״ל.

אין יאָר תּצ״ז איז פאָרגעקומען מיין חתונה מיט דער בתולה, וועלכע האָט פאַר מיר ניט געפּאַסט, און דער רב ר׳ משה סג״ל האָט מסדר קידושין געווען. דער דאָזיגער שידוך איז בעוה״ר געטאָן געוואָרן לויט דער השתדלות פונם טאַטנס ווייב דער שטיפמוטער פייגע ע״ה, און כ׳בין געווען געצוואונגען צו דעם. הגם כ׳האָב מיט איר געלעבט צוויי מיט א האלב יאָר, נאָר זי האָט קיין קינדער ניט געהאַט, און כ׳האָב מיך מיט איר מיט גאָטס חסד געגט.

על פי השגחה איז מיר אָבער אומגעקערט געוואָרן מיין אמתער זיווג נאָך דעם, ווי איך בין אָפּגעזעסן איינזאַם באַם טאַטן ע״ה אין שטוב און זיך געפירט מיט יראת שמים, געגאַנגען אינדערפריה און אויפדערנאַכט אין בית־המדרש אַריין דאַווענען און האָב אויך שטענדיג אַריינגעקוקט אין די ספרים פון מקרא משנה און גמרא און די דינים פונם ש״ע, אַחוץ אַנדערע מוסר־ספרים; וואָסער אַ ספר ס׳איז מיר געקומען צו דער האַנט, האָב איך תּיכּף אין אים אַריינגעקוקט און זיך באַמיהט צו באַגרייפן דעם מחברס כונה.

איך האָב שוין דאַמאָלס געקאָנט לייענען און שרייבן פּויליש; איך האָב דאָס געטאָן נאָכן רצון פונם טאַטן ע״ה, וועלכער האָט געוואָלט, איך זאָל דאָס אויך לערנען, און האָט געהאַלטן אין שטוב אַ קריסט, וואָס קען גוט פּויליש, כדי מיך לערנען גרינדליך די דאָזיגע שפּראַך. אין אַ קליינער צייט האָב איך מיך גוט אויסגעלערנט ניט נאָר לייענען און שרייבן

---

[1]) Tysmienica — א שטעטל דרום־מזרח זייט פון סטאַניסלאוו.

[2]) Olesko — א שטעטל ניט ווייט פון בראָד.

[3]) אין דער ביאָגראַפישער נאָטיץ וועגן ר׳ משה חריף אין ש. בובערס „אנשי שם״, זייט 160, ווערן דערמאַנט זיינע צוויי זין, אָבער ניט ר׳ בעריש.

פּויליש, נאָר אויך אין לאַטיין האָב איך שוין ראָס רוב פאַרשטאַנען די ווערטער מיט דער גראַמאַטיק. ווען כ׳האָב מיך אָבער צעשיירט מיטן ערשטן ווייב, האָבן איינינגע בעלי־בתּים פון אונזער קהלה אָנגעהויבן צו ריידן אויף מיר און ספקנען אין מיין אידישקייט, זאָגנדיג, אַז איך לערן וועלטליכע לימודים חס ושלום ניט לשם שמים; כ׳בין געווען געצוואונגען יענץ אויפהערן און מיך אָפּגעגעבן בלויז צום למוד פון אונזער הייליגער תּורה.

יערן טאָג פלעגט מען מיר ריידן אַ סך שידוכים; ווען דער טאַטע איז געפאָרן קיין לוואָוו מיט פּראָבעס פון זיינע וויינען, וואָס זיינען אין אַ גרויסער צאָל געשטאַנען אין באָלעכאָוו, כּדי צו פאַרקויפן זיי דאָרטן, האָט ער מיך אויך מיטגענומען קלערנדיג, אפשר וועט דאָרט גאָט צושיקן אַ גוטן שידוך זיין זון; און אויך דאָרט האָט מען מיר גערעדט אַ סך שידוכים, אָבער קיין איינער איז מיר ניט געפעלן געוואָרן. הגם צוריק איז מיט אונז געקומען אַ קריסט אַן אַרמענער, אַ באַוואוסטער אין לוואָוו וויין־סוחר, מיטן נאָמען ריבּסינאַ און האָט געקויפט באַם טאַטן אַ סך פעסער טייערע וויינען פאַר עטליכע הונדערט דוקאַטן, אַזוי אַז די הוצאות פון זיין נסיעה קיין לוואָוו זיינען ניט געווען אומזיסט, אָבער איך בין ווייטער געבליבן איינער אַליין. טרעפט זיך, אַז שושן פּורים איז דורך באָלעכאָוו דורכ־געפאָרן איינע אַ פרוי יענטע, דעם נגיד אלוף ר׳ יצחק רייאשרס פון טיסמעניץ ווייב, און איז איינגעשטאַנען באַם טאַטן אין שטוב. זי האָט מיך דערזעהן און תּיכּף אַ זאָג געטאָן צו מיין שוועסטער בּלומע דער צנועה: „כ׳האָב פאַר אייער ברודער אַ גוטן שידוך, אַ פרוי, וואָס איז אַ בריה נפלאה, זעהר אַ שיינע און אַ קלוגע, אַ טאַטנס אַ קינד, די ברידער אירע זיינען אמתע תּלמידי חכמים“. איך האָב שוין געקענט אָט די ראָזינע פרוי, וואָס איז געווען אַן אַלמנה: פאָרינגן זומער, ווען דער טאַטע ע״ה איז געפאָרן קיין קאַמעניץ פאָראָלסק מיט פּראָבעס צו פאַר־קויפן וויין, האָט ער מיך מיטגענומען, און מיר זיינען פאַרבליבן אויף שבת נחמו תּצ״ט אין טיסמעניץ; זונטאָג איז מיין קינפטינער שוואָגער ר׳ משולם זלמן געגאַנגען מיטן טאַטן ע״ה צום שררה אין פּאַלאַץ מיט זייך־פּראָבעס; ווייל זיי זיינען שוין פון לאַנג געווען באַקאַנט, האָט ר׳ משולם זלמן איינגעלאַרן דעם טאַטן צו זיך אַהיים, כּדי צו מכבד זיין מיט אַ גלאָז קאַווע, האָב איך אויך געמוזט מיטגיין און האָב דאָרטן געזעהן זיין שוועסטער די אלמנה לאה אַן אויסערגעוויינליך שיינע פרוי. דאַמאָלס האָט באַראַרפט אַ חתן ווערן מיין ברודער זאב וואָלף, האָט דער טאַטע מסכּים געווען, מ׳זאָל אים ריידן אָט די ראָזינע אלמנה; זי האָט אָבער געהאַט אַ אינגל פונם ערשטן מאַן, דאַריבער איז די זאַך זיך צעגאַנגען. פון דאָרט זיינען מיר דורך בוטשאַטש און טשאָרטקאָוו געפאָרן ביז קאַמעניץ,

און דער טאַטע ע״ה האָט ראָרט פאַרקויפט אַ סך פעסער טייערע ווײַנען פאַר עטליכע הונדערט רוקאַטן; קיין באַלעכאָוו איז דערנאָך צום טאַטן אין שטוב אָנגעקומען פון קאַמעניץ דער אַרמענער, האָט פאַרנומען דעם ווײַן, וואָס ער האָט געקויפט, און באַצאָלט דאָס געלט.

מיר קערן זיך אום צו אונזער ענין. אַז מײַן שוועסטער בלומע און די שווענערין רחל ע״ה האָבן דערהערט, אַז איך גלוסט שטאַרק צום ראָזינען שירוך, האָבן זיי איבערגערעדט מיט דער ראָזינער פרוי יענטע פון טיסמעניץ וועגן דעם ענין, כּדי ס׳זאָל וואָס גיכער קומען צו אַ גמר. און אַזוי איז געווען. ווען זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט זי באַלד געזאָגט וועגן דעם איר מאַן דעם אלוף ר׳ יצחק רייאשיר ע״ה, וועלכער איז תּמיד געווען אַ גוטער פריינט פון מײַנע שוואָגערס די גרויסע למרנים: ר׳ ישכר בער, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון אַמסטערדאַם, וואו ער האָט געלערנט תּורה באַם גאון ר׳ משה חאגיז, דעם ראָרטיגן ספרדישן רב, און דער צווייטער ר׳ משולם זלמן עליהם השלום. זיי האָבן ביידע מסכּים געווען מיט ר׳ יצחק רייאשירס עצה און געשיקט תּיכּף אַ שליח מיוחד אַ גוי מיט אַ בריף, וועלכן ס׳האָט אָנגעשריבן ר׳ יצחק; אינם בריף האָבן זיי אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז מײַן ברודער וועט מיט מיר קומען קיין טיסמעניץ, כּדי צו ענדיגן די זאַך מיט גאָטס הילף. און אַזוי האָבן מיר געטאָן אויף מאָרגן זונטאָג[1] כ״ז אדר פונם יאָר ת״ק; קיין טיסמעניץ זײַנען מיר געקומען רינסטאָג מנחה־צייט און אויפדערנאַכט האָט מען אַלץ אַרומגערערט; איך האָב אויך באַראַרפט פאַר די תּנאים ניין זי אָנקוקן אַהין, וואו ס׳זײַנען זיך צונויפגעקומען ביידע צדדים, מײַן ברודער און דעם חייבס ברידער.

דאָס איז פאָרגעקומען אין שטוב באַם ראש מדינה ר׳ מרדכי, דעם קצין ר׳ קלמנס ע״ה איידעם, ווייל זײַן ברודער דער באַלעכאָווער רב ר׳ משה סג״ל ז״ל האָט אים געשריבן גוטס וועגן מײַן ברודער, דאַריבער האָט ער זיך בּראשו ורובו אַרײַנגעטאָן אינם ענין, כּדי טון, וואָס מעגליך איז פאַר אונזערטוועגן; ער איז געמאַכט געוואָרן פאַרן שליש צווישן ביידע צדדים און ער האָט גענומען די געלטער צו זיך. זײַן איידעם ר׳ משה, אַ זון פונם רב ר׳ יהושע איש הורוויץ סג״ל, וואָס איז דעם בראָדער רבס ר׳ יוקל סג״לס אַ ברודערס אַ זון, איז געווען מײַן ערשטער אונטערפירער, דער צווייטער אונטערפירער איז געווען ר׳ שמערל, אַ זון פונם גאון ר׳ זעליג, וואָס איז אַמאָל געווען רב אין טיסמעניץ.

---

[1]) דער זונטאג איז אויסגעקומען כ״ח אדר. ז. Ed. Mahler, Handbuch der jüdischen Chronologie.

אין דער נאַכט אויף ראָנערשטאָג א׳ דר״ח ניסן פונם יאָר תּק״ב איז געמאַכט געוואָרן די חתונה, און דער גאון ר׳ מאָניש דער אבֿ״ד פון טיסמעניץ, וועלכער איז פריהער געווען רב אין פולינאה[1]), האָט בּאַ אונז מסדר קידושין געווען; מיינע בּרידער די אלופים זיינען ראָנערשטאָג אויף מאָרגן נאָך דער חופּה אַוועקגעפאָרן פון טיסמעניץ און אָנגעקומען קיין בּאָלעכאָוו אויף שבּת. איך בּין געבּליבּן אין טיסמעניץ בּאַם שווער ר׳ יהושע ע״ה אין שטוב, אַ שטוב פול מיט די שענסטע און בּעסטע ספרים, וואָס זיינען אַ זעלטנקייט, און מיט אַנדערע שטוב־זאַכן, גרויסע שיינע קופּערנע פאַנען, ווי אויך אַ סך זילבּערנע און גאָלדענע כּלים, אַזויווי בּאַ גרויסע גבירים; מיין געלט איז געלינגן בּאַ בּטוחים אויף עסקא און איך פלעג יעדן טאָג אינדערפריה און אויפדערנאַכט זיך מזרז זיין צו דאַווגען אין שול, ווי דער שולחן ערוך זאָגט, אַז דעם מענשנס תּפלה ווערט אָנגענומען נאָר אין שול; כ׳האָבּ אויך אָפּגעשטעלט בּאַשטימטע שעהן אויף לערנען יעדן טאָג אין בּית המדרש גמרא מיט מפרשים, און מיין רבּי איז געווען דער גאון ר׳ יצחק ז״ל, וועלכער איז בּאַלד נאָך דעם אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין גוואָזדזיץ[2]); אויך אַנדערע גרויסע לומדים, וואָס האָבּן זיך דאַמאָלס דאָרט געפונען, האָבּן מיך מקרב געווען און ליבּ געהאַט, איבּערהויפּט אונזער רבס בּרודער ר׳ מרדכי.

איך האָבּ מיר אַליין דערוואָרבּן אַ גוטן שם. ראשית, ווייל כ׳האָבּ מיין שטיפזון, אַ קינד פון זעקס יאָר, געמאַכט אויף תשעה באב אַ הילצערנע שווערד זעהר אַ שיינע און גוטע אַקוראַט, ווי די אייזערנע שווערדן פון די שררות, וואָס זיי רופן קאַראַבּעלאַ[3]), און בּשעת קינות־לייענען האָט דער רוב עולם ממש זיך ניט צוגעהערט צו די קינות, נאָר געהאַלטן אין איין חידושן זיך אויף דער קונסט פונם שווערד; שנית, האָט אויך זיך געטראָפן, אַז בּרעסלויער סוחרים האָבּן אַראָפּגעשיקט קיין טיסמעניץ אַ קריסט אַ דייטש מיט אַ וועקסל, געחתמעט פונם אַלוף ר׳ צבי הירש, אַ גבּאי און אַן אָנגעזעהענער סוחר אין טיסמעניץ, אויף 25 טויזנט פּוילישע גילדן; ווען דער דייטש איז געקומען אַהינצו, האָט ער מיט דער הילף פון עטליכע אָרטיגע סוחרים־אידן זיך דערשלאָגן, אַז ס׳זאָל געמאַכט ווערן אַ קאָנקורס אויף ר׳ צבי הירשס פאַרמעגן. ס׳איז בּאַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן אַ בּוררות, אין וועלכן ס׳האָבּן זיך בּאַטייליגט פון איין צד דער סטריער רב ר׳ זאב וואָלף ז״ל, פונם צווייטן צד דער קצין ר׳ יעקב קאָפּל, וועלכער איז דאַמאָלס געווען פּרנס חודש און מ׳האָט אים גערופן ר׳ קאָפּל דער דיקער; דער אויסגע־

1) Polonnje — א שטעטל אין וואָלין.

2) Gwozdziéc — א שטעטלמזרח־זייט פון קאָלאָמעא (Kolomea) אין גאַליציע.

3) א סאַלאָן־שווערד.

קליבענער שליש איז געווען דער טיסמעניצער רב ר׳ מאַניש. ווען ס׳איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער ענדגילטיגער פּסק אויף לשון קודש, געחתמעט פון די אַלופים די בוררים, איז געקומען צו פאָרן דער טיסמעניצער פּריץ דער שר און טשיהירינער¹) סטאַראָסטע יאַבלאָנאָווסקי; מ׳האָט געמוזט איבערזעצן דעם ראָזינגן פּסק פון לשון־קודש אויף פּויליש, ס׳איז אָבער דאַמאָלס ניט געווען קיין איין איד, וואָס זאָלן קענען די פּוילישע שפּראַך. האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז איך קען גוט און בין געלערנט אין דער פּוילישער שפּראַך; מ׳האָט געשיקט נאָך מיר און מיך געבראַכט צום פּרנס חודש ר׳ יעקב קאָפּל אין שטוב אַריין, מיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ טיש, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען פּאַפּיר, טינט און אויך דער פּסק; נעבן מיר איז אויך געזעסן דער אלוף ר׳ יצחק רייאשר, מיין שרכן, און האָט זיך צוגעקוקט, ווי איך לייען דעם פּסק אויף לשון קודש און זעץ איבער אויף פּויליש. דערנאָך איז אויך אָנגעקומען דער קריסט דער רייטשער סוחר פון ברעסלוי, דער קרעדיטאָר איבער ר׳ צבי הירשס פאַרמעגן; מ׳האָט איבערגעלייענט דעם פּסק, וועלכן כ׳האָב פאַר זיי איבערגעזעצט, און ער איז געפעלן געוואָרן. דער ברעסלויער סוחר האָט אַרויסגענומען אַ רוקאַט, אַ גאָלדן רענדל, און אַנידערגעלעגט פאַר מיר און דער פּרנס חודש ר׳ יעקב קאָפּל האָט אַנידערגעלעגט זיבן גילדן, ר. ה. אַ האַלבן רוקאַט. דעם פּסק מיט דער פּוילישער איבערזעצונג, וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן מיט מיין האַנט, האָט מען געבראַכט צום טיסמעניצער פּריץ, וועלכער האָט אים איבערגעלייענט און באַשטעטיגט מיט זיין שטעמפּל אויפן איבערגעזעצטן טעקסט. פון דאַמאָלס אָן האָבן אַלע געוואוסט, אַז כ׳האָב אַביסל אַ ידיעה אין געלערנטע זאַכן און ס׳האָבן אָנגעהויבן מיך ליב האָבן אויך די געבילדעטע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאַמאָלס געפונען אין טיסמעניץ; איבערהויפּט זיינען דאָרט געווען אַ סך אויסגעצייכנטע שרייבער אויף לשון־קודש, דער גרעסטער צווישן זיי איז געווען אַ יונגערמאַן ר׳ יוסף, דער זון פונם קצין ר׳ יעקב קאָפּל ע״ה, וועלכער האָט געהייסן דער ריקער; דער ראָזינער זון זיינער ר׳ יוסף איז געווען אַ איידעם בײַם מאָנאַסטרישטשער רב ר׳ יצחק ז״ל און אַ אויסגעצייכנטער שרייבער אין לשון־קודש, וועמען כ׳האָב מקנא געווען מער פון אַלע שרייבערס; כ׳האָב זיך דערוואָרבן אַ סך פון זיינע כתבים פאַר אַן אָנדענק, זיי זיינען אָבער אַלע פאַרברענט געוואָרן בעוו״ה בשעת דער שרפה אין יאָר תקי״ט, ווי כ׳וועל אי״ה דערציילן אויפן געהעריגן אָרט.

נאָך דער חתונה האָט מיין ווייבס משפחה מיך צוגערעדט, איך זאָל אָנהויבן האַנדלען און מאַכן אַ קלייט פון אַלערליי מינים סחורות. איך האָב געהאַט חשק בעסער צו פאַרנעמען זיך מיט לייען די גויים אויף משכנות, ווי

¹) טשיהירין — אין אוקראַינע.

כ'האָב דאָס צונעזעהן, בשעת איך בין נעװען באַ מײן רבין ר' יוסף ע"ה פון ראָלינאַ אין שטוב; דאָס רוב פלעג איך אָנשרײבן אויף די משכּנות דעם סכום פון דער הלואה און דעם טאָג, פון װען ס'הויבן זיך אָן די ציגזן; דאַריבער האָב איך אַביסל נעגלוסט צו דעם, װי איך בין דאָרט נעװײנט נעװאָרן, הגם מײנע עלטערן האָבן זיינט זײ לעבן זיך ניט פאַרנומען מיט קײן הלואות. האָבן אָבער דאָס װײב מיט איר משפּחה זיך נענומען צו מיר און צונעזעהן, מיר זאָלן מאַכן אַ קלײט; כ'האָב מיך דערמיט פאַרנומען צװײ יאָר. אין חודש אדר תק"ג איז באַ אונז נעבוירן נעװאָרן אַ זון, װעמען מיר האָבן אַ נאָמען נענעבן יהושע נאָכן שװער ע"ה.

אין יענער צײט איז נעװען בעל־הבית פון טיסמעניץ דער טשיהירינער סטאַראָסטע פירשט יאַבלאָנאָװסקי; אַזױװי ער האָט באַקומען די שטאָט דורך ניט כּשרע מיטלען און האָט נעװאוסט, אַז ער װעט מוזן זי פאַרלאָזן, װײל זי איז ניט זײנע און נעהערט ניט צו זײן מאַיאָראַט, האָט ער באַשלאָסן צו באַנעמען די אײנװאוינער פון דער שטאָט. דאַמאָלס זײנען אין דער אידישער װעלט די טיסמעניצער סוחרים נעװען מער מפורסם, אײדער די בראָדער סוחרים; ערשט נאָך דער ערשטער שרפה, װאָס איז פאָרנעקומען אין בראָד אין יאָר תקי"ג[1]), האָט דער דאָרטינער שררה דער קרויך העטמאַן פּאָטאָצקי אַרויסנענעבן במזומנים פון זײן שאַצקאַמער צען מאָל צען[2]) טויזנט, ר. ה. אַ מיליאָן פּוילישע גילדן פאַר די אידן און תושבים פון בראָד בהלואה; װען די בראָדער סוחרים האָבן באַקומען במזומן די ריזינע סכומים געלט, האָבן זײ זיך תּיכּף צעזײט איבער אַלע שטעט און לענדער פון אײראָפּע, װאו נאָר ס'נעפינען זיך גוטע סחורות און האַנדלס־לײט, איבער האָפנס און האַנדלס צענטרען און האָבן זיך אַ סך יאָרן פאַר־נומען מיט מסחר מיט דער הילף פונם ראָזינן נרויסן סכום געלט. זײ האָבן יערעס יאָר נעצאָלט די עסקא פון זיבן פּראָצענט, און דער קרן איז נעבליבן באַ זײ גאַנץ אויף אַ סך יאָרן; אויף אַזאַ אופן זײנען די בראָדער נרויס נעװאָרן, זיך נעמערט און נעשטאַרקט אין אַלע מסחרים פון דער װעלט, ממש יערעס אָרט איז נעװען איבערפילט פון זײ מיט זײערע סחורות, און ביז איצט זײנען זײ שטאַרק מפורסם, ס'זאָל זיך פון זײ קײנמאָל ניט אָפּטון און פאַרקלענערן.

דער טיסמעניצער פריץ פירשט יאַבלאָנאָװסקי האָט נעװאָלט באַגזלנען דאָס האָב און גוטס פון די טיסמעניצער אײנװאוינער, װײל דער ראָזינער

[1]) דאָס יאָר איז ניט ריכטיג. די שרפה איז פאָרנעקומען דעם 6־טן מאַי 1742, און ניט 1753, װי ר' בער שרײבט. אין אן אנדער אָרט פון די „זכרונות" ניט שטימט דער מחבר אָ' ריכטיג דאָס יאָר.

[2]) דער מחבר מײנט אודאי צען מאָל הונדערט טויזנט.

גוט איז געווען די ירושה פון זיין שוואָגער, דעם ווייבס ברודער, פון דער פאַמיליע ווילהאָרסקי[1]), וועלכער איז געווען אַ אינגל און אויפגעצויגן געוואָרן באַ זיין באָבען דער טיסמעניצער פריצה אין שטוב; נאָך איר טויט האָט פירשט יאַבלאָנאָווסקי געוואָלט זיין אַפּוטרופּס און בעל־הבית־עווען איבער די גיטער פון זיין שוואָגער דעם יתום, די איבעריגע פריצים פון זייער משפחה האָבן אָבער ניט מסכים געווען, אַז ער זאָל זיין אַפּוטרופּס; האָט יאַבלאָנאָווסקי געשיקט זיינע רינער און מ׳האָט דאָס אינגל אַרויס־געגנבעט פון זיין פּאַלאַץ אין טיסמעניץ, בשעת ער איז נאָך געשלאָפן אויף זיין בעטל, און געבראַכט אים צו זיין שוואָגער אין שטוב אַריין, און דאַן האָט יאַבלאָנאָווסקי מיטן כח פון זיינע מענשן געירשנט מיט גוואַלד די גיטער פונם קליינעם יתום ווילהאָרסקי. און ווייל מ׳האָט פאַר אים אָנגערערט, אַז די אַלופים און די אָנגעזעהענסטע פון די אירן האָבן געעצהט דער פריצהס קרובים, זיי זאָלן דעם פירשט ניט מאַכן פאַר אַפּוטרופּוס איבער די טיסמעניצער גיטער, דאַריבער האָט ער געוואָלט זיך נוקם זיין און באַראַבעווען וואָס נאָר מעגליך איז; ער האָט געהייסן ברייגען פון זיינע גיטער אין אוקראַינע, וואו ער איז דאַמאָלס געווען טשיהירינער סטאַראָסטע, דריי הונדערט און פופציג פּאַס מער און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו די אידישע אַלופים, אַז תיכף ווי ס׳וועט קומען דער מער אין זייער שטאָט אַריין, זיינען די פירערס מחויב צעטיילן אים צווישן אַלע איינוואוינער, און אין זיבן טעג אַרום דאַרף די גאַנצע אידישע קהלה באַצאָלן במזומן אין דער פירשט־קאַסע פאַרן גאַנצן מער צו אַכט דוקאַטן פאַר אַ פּאַס. קהל איז געווען געצוואונגען אָפּשאַצן יערן, וויפיל ער קאָן לויט זיין פאַרמעגן געבן. און מ׳האָט מיך אָפּגעשאַצט, אַז איך דאַרף באַצאָלן פאַר אַ האַלבער פּאַס מער 4 דוקאַטן; דער ראָזינגער מער איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר 6 דוקאַטן, און כ׳האָב געהאַט היזק 2 דוקאַטן. מחמת דעם האָט מיין ווייב אויך מסכים געווען, מיר זאָלן זיך אַרויסציהען פון טיסמעניץ און זיך באַזעצן אין באָלעכאָוו באַם טאַטן ע״ה אין שטוב. פון טיסמעניץ זיינען מיר אַרויס־געפאָרן רינסטאָג פ׳ בשלח.

און איך מיט מיין ווייב די צנועה לאה ע״ה זיינען בשלום אָנגעקומען קיין באָלעכאָוו צום טאַטן ע״ה אין שטוב אַריין אין דער נאַכט אויף פרייטאָג ע״ש פ׳ בשלח אינם יאָר תק״ד. און מיין עלטערער זון יהושע, וואָס איז באַ אונז געבוירן געוואָרן אין טיסמעניץ, איז געווען זעהר אַ שיין און וואויל קינד. דער פאָטער ע״ה און די גאַנצע משפחה האָבן זיך געפרייט, ווען מיר זיינען בשלום געקומען, באַזונדערס האָט זיך געפרייט מיין זיידע ר׳

[1]) די גרעפין ווילהארסקי איז געשטאָרבן אין 1741. פירשט יאבלאָנאָווסקי איז געווען פארהייראַטעט מיט טערעזא ווילעהורסקי.

צבי הירש ע״ה: רערזועהענריג דאָס קליינע קינר, האָט ער זיך זעהר מחיה געווען, געכאַפּט דאָס אויף די הענט און שטאַרק געוויינט און געזאָגט, אַז הלואי וואָלט נאָט שיינקען, ער זאָל דערלעבן נאָך פון אים קינרער, און פון די אויגן האָבן גערינען טרערן מחמת שמחה.

אין אַ חורש אַרום נאָך אונזער קומען קיין באַלעכאָוו איז דער זיירע ר׳ צבי הירש בר׳ יהורא ליב ע״ה קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן שבת פּ׳ תּרומה; ווען מיר זיינען נאָך שחרית און מוסף געקומען פון שול, האָט ער אונז אַלעמען געבענטשט, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַרויפלייגנדיג די הענט אויף יערנס קאָפּ, און מנחה־צייט איז אַרויס זיין הייליגע נשמה פון זיין ריינעם גוף, אַזוי ווי אַ האָר פון דער מילך, אָהן שום גסיסה, נאָכרעם ווי ער האָט אָפּגעלעבט 104 יאָר, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אין גרויס־מיזעריטש, וואָס נעבן בריסק דליטא, ווי כ׳האָב באַשריבן אויבן אויף זייט......

און אין יאָר ת״ח, בשעת די מלחמות פונם קאָזאַק כמעלניצקי, איז מיין זיירע ר׳ צבי הירש ע״ה אַלט געווען אַכט יאָר.

איך מיטן ווייב האָבן געוואוינט באַם טאַטן אין שטוב אין די באַזונדערע חררים, וואָס זיינען געווען באַשטימט און צוגעגרייט פאַר געסט, אירן און פּריצים להבריל. און איך בין צום ערשטן מאָל געפאָרן האַנרלען קיין אונגאַרן מיט בראַנפן, הערינג, אַלערליי מינים בשמים און וואַקס, ווי אויך אַנרערע נויטיגע זאַכן אין קליינע שטעטלאַך און דערפער פונם קרייז מאַרמאַראָש[1]) אין אונגאַרן. כ׳האָב פאַרקויפט אַלע סחורות פאַר מזומן, נאָר רעם בראַנפן האָב איך געמוזט געבן אַ איש בטוח אויף באָרג [illegible]י עטליכע חרשים; אויך רעם גוטן פערד, אויף וועלכן איך בין [illegible]אָרן רייטנריג, האָב איך פאַרקויפט און מרויח געווען אויף אים דריי מיט אַ האַלבן רוקאַט. אויף פּסח האָב איך מיך בשלום אומגעקערט אַהיים.

פאַר שבועות האָב איך געשיקט פאַר אַ שליח ר׳ הירש [illegible]כים ע״ה, וועלכער איז געווען מיין פעטערס אַ אייניקל, ער זאָל פאָרן איינמאָנען מיין חוב פאַרן בראַנפן, וואָס כ׳האָב גענעבן אויף באָרג, און ער איז געפאָרן קיין אונגאַרן צוזאַמען מיט ר׳ שמואל אבראַסים, וועמענס ווייב איז אויך געווען רעם פעטער עזריאל זעליגס אַן אייניקל. זיי זיינען ביירע געפאָרן, און מיין שליח ר׳ הירש האָט מקבל געווען אויף דער האַנט רעם גאַנצן סכום געלט פאַרן בראַנפן; צוריקוועגס האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין דאָרף בוריוולע[2]) נעבן סיגעט האַלטן שבת און נאָך דער פרייטאָג־צונאַכטרינגער סעורה זיינען ביירע אורחים אַרויסגעגאַנגען זיך לייגן שלאָפן פאַר די פענסטער אונטערן דאַך, וואָס פאַר רער טיר. פון דאָרט האָט

(1 Maramaros-Sziget.

(2 דאָס דאָרף Budfalu בא מאַרמאַראָש־סיגעט.

מײן שליח ר׳ הירש זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן, װי ס׳ברענט אין פעלד אַ פײער, װאָס ס׳האָט צעלײגט דער פערד־פּאַסטוך, טראַכט ער זיך: צו װאָס דאַרף איך ליגן אויף די ברעטער מיט די פלײ, כ׳װעל גײן בעסער אין פעלד אַרײן, װעל ליגן אויפן גראָז און אויך זעהן מײן פערד. ער איז אַװעקגעגאַנגען און ר׳ שמואל איז געבליבן ליגן אַלײן אויף זײן געלעגער פאַר דער טיר פון שטוב. זײנען געקומען עטליכע גוײם נאַכט־גזלנים און געפונען ר׳ שמואלן ליגנדיג, האָט אײנער פון די גזלנים אויפגעהויבן די האַק און אײן מאָל אַ זעץ געטאָן אים איבערן קאָפּ אַזוי, אַז ס׳איז אַראָפּ זײן אויער און אַ שטיק שײדל, ס׳איז אַרויס דער מוח, און ער איז באַלד געשטאָרבן. דערװײל האָט דער בעל־בית ר׳ יונה בוריװלער דערזעהן, אַז ס׳זײנען געקומען גזלנים, און איז, אײדער די גזלנים האָבן געעפנט די טיר פונם שטוב, מיטן װײב אַנטלאָפן דורכן בוידעם; ער האָט אָנגעמאַכט אַ ליאַרם איבערן גאַנצן דאָרף, אַלע אײנװאוינער זײנען אַרויס, און די גזלנים זײנען אַװעק. מײן שליח ר׳ צבי איז געװען אין פעלד, ניט געװאוסט פון דער גאַנצער מעשה, איז ניצול געװאָרן פונם טויט און דער בײטל געלט, װאָס ער האָט אײנגעמאָנט פאַרן בראַנפן, איז געבליבן באַ אים אין די הענט. מיר אין באָלעכאָװ האָבן פון דעם גאָרניט ניט געװאוסט.

טרעפט זיך, אַז ר׳ ברוך פונם דאָרף צערקאָװנע[1]) האָט מיך אײנגעלאַדן אויפן ברית פון זײן זון, איך זאָל זײן דער מוהל; צום ברית איז אויך געקומען ר׳ מיכל ר׳ זײנװעלס פונם דאָרף פּאָלאַניצע[2]) און בשעת דער סעודה האָט ער דערצײלט, װי ר׳ שמואל אַבראַסים איז געהרגעט געװאָרן דורך גזלנים. מיך האָט דאָס זעהר געאַרט, װײל כ׳האָב געװאוסט, אַז ער איז געפאָרן קײן אונגאַרן צוזאַמען מיט מײן שליח ר׳ צבי. נאָך דער דאָזיגער סעודת כ״ײה בין איך פון דאָרטן אַװעקגעפאָרן רײטנדיג קײן סקאָלע דורכן דאָרף פּאָלאַניצע, כּדי זיך דערװיסן, װאָס ס׳איז פאָרגעקומען. און כ׳האָב מיך דערװאוסט, אַז מײן שליח איז לעבן געבליבן און דאָס געלט איז ניט געמינערט געװאָרן; אינגיכן איז ער אַלײן אָנגעקומען מיטן בײטל געלט אין די הענט און מיר אָפּגעצאָלט אײנגאַנצן, װי ס׳דאַרף צו זײן. דאַמאָלס האָב איך אַרויסגעזעהן בחוש דעם אויבערשטנס השגחה אויף זײנע באַשעפעניש, און װי ער פירט מיט מיר פון תּמיד אָן מיט חסד און רחמים און היט אָפּ אונז און אונזער האָב און גוטס, הלואי זאָל ער אונז אײביג צאָלן מיט חסד.

דעם דאָזיגן זומער האָב איך געקויפט באַ מײן שכנישן פּריץ גוטע פעל פון ציגן און צאַפּעס, אויך בערך פופציג שטיקער גוטן פלאַקס, געבראַכט

[1]) דאָס דאָרף Cerkowna פונם דאָלינער באַצירק אין גאַליציע.

[2]) דאָס דאָרף Polanica פונם סטריער באַצירק אין גאַליציע.

די סחורות קיין אונגאַרן און פאַרקויפט דאָרט אַלץ מיט גאָר היפּשן ריוח. די פעלן האָב איך פאַרקויפט אין דער שטאָט הוסט[1], דער פלאַקס איז פאַרקויפט געוואָרן אין דער שטאָט דעברעצין[2] אַ טייל פאַר מזומן געלט און אַ טייל איז אויסגעביטן געוואָרן אויף שאָפּענע פעלן, שוואַרצע זיבנ־בירגער שמושקעס, וועלכע כ׳האָב געבראַכט אַהערצו קיין פּוילן. איינע פון אחינו בני ישראל האָבן אויף מיר אָנגערעדט, אַז איך בין עובר אויפן מלוכה־צאָל, און דער שרייבער אָדער קאַסיר פון די עסטרייכישע צאָל־אַנשטאַלטן איז געקומען פון סטרי אין דאָרף וואָלאָסעץ[3] און האָט פאַר־האַלטן אַלע אונזערע סחורות. כ׳האָב אים געמוזט געבן במתנה צוויי זעהר שיינע רעקן און נאָך איינע קלענערע מתנות, דאַן האָט ער מיך באַפרייט פון קנס פאַר דער קאָנטראַבאַנד.

ביז דאַמאָלס האָבן דער פאָטער און דער ברודער אריה ליב ע״ה תמיד בשותפות געהאַנדלט מיט אונגאַרישע ווייַנען אין משך פון אַריבער דרייסיג יאָר. כל זמן ס׳האָט געלעבט אונזער מוטער אסתר ע״ה איז געווען צווישן זיי שלום ושלוה; אַפילו נאָך דעם, ווי דער טאַטע האָט גענומען דאָס צווייטע ווייב פּיינע ע״ה, ווי כ׳האָב אויבן געשריבן, איז געווען שלום צווישן זיי. די צייטן האָבן זיך אָבער געביטן, ס׳זיינען געקומען אַנדערע יאָרן און צווישן די ווייבער, דעם טאַטנס ווייב און דעם ברודערס ווייב רחל ע״ה, איז געוואָרן מחלוקת און קריגערייען. דער ברודער האָט אָנגעהויבן זוכן אַן אַנדערן שותף און געפונען אַ רייכן פּריץ, וועלכער האָט געוואָלט אָנהויבן האַנדלען מיט אונגאַרישע ווייַנען; דער פּריץ האָט געגעבן מיין ברודער אין די הענט אַריין אַכט הונדערט דוקאַטן און האָט געשיקט מיט אים אַ שרייבער אַ גוי, וואָס זאָל פאַרשרייבן די קניות און די הוצאות פון ברייַנגען די ווייַנען. דער ברודער איז בשלום אַוועקגעפאָרן קיין אונגאַרן און דעם טאַטן ע״ה האָט ער איבערגעלאָזט אין דערהיים אָהן דעם מסחר, צו וועלכן ער איז געווינט געוואָרן פון דער יוגנט אָן; ס׳האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן און געאַרט.

דעם טאַטנס ווייב פּייגע האָט אָנגעהויבן איינרייִדן מיין ווייב ע״ה און זאָגן צו איר: „אָט איז בײַ אייך פאַראַן אַ באַשטימטער סכום, צי וואָס דאַרפט איר זיך פאַרנעמען מיט ניט זיכערע מסחרים, בײַ וועלכע ס׳איז גרינג צו דערלייגן, ס׳וואָלט דאָך אַ סך בעסער געווען אין דער איצטיגער שעת הכושר אָנהויבן האַנדלען מיט אונגאַרישע ווייַנען, ווייל כל זמן דער פאָטער לעבט, וועט ער מיט אים פאָרן און וועט זיך גוט אויסלערנען אַלע ענינים פונם אונגאַרישן ווייַן־מסחר, וואָס קאָן, אויב מ׳איז נאָר אַ מבין,

[1]) Huszt — אַ שטאָט אין אונגאַרן.

[2]) Debreczen — אין אונגאַרן.

[3]) Volocs — אַ דאָרף אין די קאַרפּאַטן.

תמיד ברייננגען גוטן ריוח. מיט מיר האָט זי אויך אַזוי גערערט. און כ׳האָב ניט געקאָנט צוזעהן דעם צער פונם טאַטן ע״ה, כ׳האָב רחמנות געהאַט אויף אים און באַווילינגט צו פאָרן מיטן טאַטן קויפן ווײַן.

כ׳האָב מיטגענומען מיט זיך אינגאַנצן, וואָס כ׳האָב פאַרמאָגט במזומן — אַכטציג רוקאַטן — און מיר זיינען געפאָרן דורך דראָהאביטש, כדי אויסבייטן אונזער פויליש געלט אויף אונגאַרישע מטבעות, קירהשע[1]) מאַריאַשין[2]), וואָס זיינען גאַנגבאַר אין אונגאַרן. און אין יעדן אָרט, וואו מיר זיינען געקומען, האָט דער טאַטע ע״ה מיט זיין חכמה זיך משתדל געווען באַ זיינע גוטע פריינט און באַקאַנטע, ווי למשל, אין דראהביטש דורך דער פאַרמיטלונג פונם נגיד און באַוואוסטן קצין ר׳ זלמן בינעס, ווי אויך אין דער שטאָט טורקע[3]) לויטן באַפעל פונם דאָרטיגן פריץ קאַלינאָווסקי, מיר זאָלן אויסבייטן מיין געלט אָהן היזק, ווייל די, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט אונגאַרן, האָבן ראַמאָלס געמוזט קויפן קירהש געלט מיט אַ סך היזק.

אחוץ כבוד, וואָס מ׳האָט אָפּגעגעבן אומעטום דעם טאַטן ע״ה, האָט מען זיך איבעראַל געפרייט, ווען ער איז געקומען, ווי אירן אַזוי אויך להבדיל גויים, מ׳איז געווען צופרירן, ווען מ׳האָט אים דערזעהן, איבערהויפּט האָט מען ליב געהאַט זיין שיינע אַרט רייררן מיט מענשן; אירן און גויים פון פוילן און אונגאַרן פלעגן וועלן הערן זיינע משלים און מליצות; ער האָט געקענט אויף אידיש, פויליש און אונגאַריש רייררן מיט אַ שיינער און קלאָרער שפּראַך, ווי כ׳האָב שוין אויבן דערציילט אויף זייט...[4]), אַז ער איז געווען דער איבערזעצער צווישן דעם אונגאַרישן מלך ראקאטשי און דעם העטמאַן פון אַלע חילות אין קרוין־פוילן סיענאַווסקי.

און ער איז מיט מיר געפאָרן איבערן ראָזינגן לאַנר און ניט דורכ־געלאָזט קיין שום אָרט, וואו ס׳איז פאַראַן ווײַן, ער זאָל מיר ניט ווייזן און ניט געבן צו פאַרשטיין דעם מהות און ווערט פון די ווײַנען אין יעדן אָרט; אין אַ סך ערטער האָט ער אַפילו ניט געקלערט צו קויפן ווײַן, נאָר זיין כונה איז געווען צו באַקענען מיך און ווייזן אַלע ערטער, וואו ס׳לוינט צו האַנדלען מיט אַלערליי מינים ווײַן.

דער עיקר האָב איך מיך אַ סך אויסגעלערנט פון זיינע מעשיות און פאַסירונגען, וואָס ס׳האָט מיט אים געטראָפן אין די ווײַן־עסקים, ווי אויך אין

[1]) עסטרייכישע.

[2]) מאַריאַשין – זילבערנע צוואַנציג־קרייצער־מטבעות, וואָס זיינען אַמאָל געווען גאַנגבאַר אין אונגארן.

[3]) Turka — אַ גאַליציש שטעטל אין די קאַרפּאַטן.

[4]) דער דאָזיגער עפּיזאָד פעלט אינם כתב־יד. פראַנץ דער II ראַקאָטשי האָט זיך אין 1702–1703 אויפגעהאַלטן אין די ניטער פונם פוילישן קרוין־העטמאַן Sieniawski. באַ וואָ־סער געלעגנהייט ר׳ בער באָלעכאָווערס פאָטער איז געווען איבערזעצער איז ניט באַקאַנט.

אַנדערע עסקים אין משך פון זיין לעבן, ווי אַזוי גאָטס רחמים און חסד האָבן שטענדיג געשוועבט אויף אים, און ער איז ניצול געוואָרן פון שרעקליכע סכּנות; כ'האָב שוין באַשריבן אויבן אויף זייט...[1], ווי אַזוי ער איז ניצול געוואָרן פון אַ טויט־סכּנה.

מיר זיינען געקומען קיין מישקאָלץ, וואו מיין ברודער ר' אריה ליב קויפט ווין און שטייט איין באַם באַוואוסטן קצין ר' אברהם שפּילקע, אַ גרויסער סוחר אין שטאָט און דער ראש וראשון פון אַלע איבעריגע אידן, וואָס האָבן דאַמאָלס דאָרט געוואוינט; מיין ברודער ע"ה האָט געקויפט דעם גאַנצן ווין, וויפיל ער האָט באַראַרפט באַם גראַף גוואראני, וועלכער איז פריהער געווען קאָמאַנדיר פונם קירה'שן חיל און אויף דער עלטער איז ער געוואָרן אַ מישקאָלצער בירגער; ער איז געווען אַ גרויסער עושר און האָט געהאַנדלט מיט אַ סך מינים סחורות און דער עיקר מיט אַ סך וויינען, וועלכע ער האָט אָפּגעקויפט באַ די אָרטיגע תּושבים, כּדי זיי צו פאַרקויפן מיט ריוח. פון די ראָזיגע וויינען האָט מיין ברודער ע"ה געקויפט איינגאַנצן, וויפיל ער האָט באַראַרפט האָבן, די בעסטע מאַשלאַש־וויינען פונם יאָר 1742 לויט זייער חשבון; ער האָט געקויפט די וויינען לויטן מקח, וואָס ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן גראַף דעם מיליטער־קאָמאַנדיר, האָט באַצאָלט פאַר יעדער פאַס מאַשלאַש אַכט דוקאַטן און פאַר די אַנטאַלן סוכייאַגאַרער אויך צו אַכט דוקאַטן. דער טאַטע ע"ה האָט נאָך אין וועג, איידער מיר זיינען אָנגעקומען קיין מישקאָלץ, געהערט וועגן אַלץ, וואָס אונזער ברודער ע"ה האָט געטאָן; ווען מיר זיינען געקומען אין שטאָט אַריין, איז ער ניט געפאָרן צו דער אכסניא, וואו דער ברודער איז איינגעשטאַנען, נאָר מיר האָבן געריטן דורך אַן אַנדער גאַס און געקומען צו אַ אונגאַרישן גוי אַ גאָלדשמיד אין שטוב אַריין. דער גוי איז שוין געווען געשטאָרבן, און זיין ווייב אַן אַלטע אלמנה האָט אַריינגענומען דעם טאַטן, ער זאָל איינשטיין באַ איר אין שטוב און האָט אים אָפּגעגעבן אַ באַזונדער חדר און פאַר די פערד אַ שטאַל, וואָס נעבן איר רינט אַ קליין טייכל אָדער קאַנאַווע און ס'איז גוט אָנצוטרינקען די פערד. נאָהענט צו דער ראָזינער שטוב האָט געוואוינט ר' איציק קרעצער, וועמענס ווייב איז געווען אַ סקאָלער פון אַ פיינער משפחה, דעם טאַטנס באַקאַנטע און גוטע פריינט; דער טאַטע האָט איר גענעבן געלט אויף עטליכע פונט פלייש, האָט אויך געקויפט אַ סך גרויסע שיינע פיש, און די ראָזיגע פרוי האָט מספּים געווען צו מאַכן פאַר אונזערטוועגן גוט געקעכץ. און אַזוי האָט זי געטאָן די גאַנצע צייט, וואָס מיר זיינען דאָרט געווען.

---

[1]) פעלט אין כּתב־יד.

איינער אַ באַנדער האָט דערקענט דעם טאַטן און דערציילט אים, אַז פון נאָר ווייט פון זיינע גיטער אין אויבערונגאַרן, פערצינג מייל פון ראַנען, איז געקומען צופאָרן אַהערצו אין זיין מישקאָלצער הויז אַ אונגאַרישער פריץ, וועלכער האָט דאָ גוטע פעלדער און ווייַנגערטענער און קעלערס פול מיט טייערע ווייַנען; שוין דריי יאָר איז ער דאָ ניט געווען און פאַר דער גאַנצער צייט איז גאָרניט פאַרקויפט געוואָרן, אַפילו איין פאַס האָט מען ניט פאַרקויפט אָהן אים, און אויב ער וועט וויסן, אַז דער טאַטע איז אַ פאַסנדער סוחר, וועט ער אים געוויס פאַרקויפן טייערע ווייַנען אין גלייכן מקח. מיר זיינען געגאַנגען מיטן באַנדער צום ראָזינגן פריץ אין שטוב אַריין; דער פריץ האָט דערזעהן דעם טאַטן, וועלכער איז אים זעהר געפעלן געוואָרן, און האָט געשיקט מיט אונז זיין דינער, ער זאָל אונז ווייזן אַלע זיינע ווייַנען. דער טאַטע האָט אויסגעקליבן פאַר אונזערט־וועגן עטליכע פעסער גוטן מאַשלאַש, אויך אַנטאַלן טרוקן־בעער, אויף פויליש הייסט עס סוכייאַגאַר, פונם יאָר תּק״ב, וואָס איז געווען באַרימט מיט גוטע ווייַנען. דער טאַטע האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן פריץ מכּח דעם מקח פאַר די פעסער מאַשלאַשן, יעדע פאַס — פיר דוקאַטן, אויך פאַר יעדער אַנטאַל סוכייאַגאַר צו פיר דוקאַטן, און מיר האָבן גענומען פון די ווייַנען, וויפיל מיר האָבן באַדאַרפט און וועדלינג מיר האָבן געהאַט מזומן געלט. מיר זיינען געצוואונגען געווען זיך פאַרהאַלטן אין שטאָט נאָך צען טאָג, ביז ס׳וועלן אָנקומען די פורן, וואָס וועלן ברייננגען די ווייַנען קיין מונקאַטש[1]; דער פריץ איז געווען אַזוי גוט און געהייסן אונז געבן יעדן טאָג אַ גרויס בינטל גוט היי פאַר אונזערע פערד, אויך צוויי פלאַשקעס גוטן ווייַן פאַרן טאַטן ע״ה און אַ גוטן ווייצן ברויט פאַר דעם פורמאַן. די גויים די בעלי־עגלות שטעלן תּמיד צו איין גוי, וועלכער באַרינט דעם סוחר די גאַנצע צייט, וואָס ער וואַרט אויף די פורן, און אויך בּאַ אונז איז געווען אַ גוי פון די בעלי־עגלות, וועלכער האָט אונז באַרינט; דעם פריצעס דינער פלעגן יעדן טאָג געבן אונזער גוי אַ גוטן ווייצן ברויט מיט אַ שטיק פעט חזיר־פלייש. פונם ווייַן, וואָס מ׳האָט אונז געגעבן יעדן טאָג, האָט זיך אָנגעקליבן אַ פולער אַנטאַל גוטער מאַשלאַש־ווייַן, וועלכער איז אונז צוניץ געקומען אויף דערניסן די ווייַנען.

ווען מיר האָבן פאַרענדיגט די קניה פון אונזערע ווייַנען, בין איך געגאַנגען צום קצין ר׳ אברהם שפּילקע אין שטוב אַריין, וואו ס׳איז איינגעשטאַנען מיין ברודער, און דערזעהן אויף די פענסטער אַ סך ווייַן־פראָבעס, דער ברודער האָט מיר געגעבן פאַרזוכן די פראָבעס, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן דערמעלבן טעם ווי אונזערע ווייַנען, וואָס

[1] Munkacz — אַ שטאָט אין טשעכאָ־סלאָוואקיי, אין די רוטענישע קאַרפּאַטן.

דער טאַטע האָט געקויפט; דער מאַשלאַש אין די פּעסער ווי אויך דער סוכייאַנאַר אין די אַנטאַלן זיינען גלייך לויטן טעם צו אונזערע ווײַנען, ווייל זיי זיינען געווען פון די טרויבן פון איין יאָר און זיינען צענאָסן געוואָרן און געמאַכט געוואָרן אויף איין שטייגער. דער ברודער ע״ה האָט מיר געזאָגט זייער פּרייז, ווי מיר הייסן שוין, יעדע פאַס און יעדער אַנטאַל צו אַכט דוקאַטן. איך בין תּיכּף געגאַנגען, געבראַכט מיין ברודער פּראָבעס פון אונזערע ווײַנען און געגעבן אים פּאַרזוכן, און ער האָט דערקענט, אַז זיי זיינען פון איין סאָרט; דאַן האָט ער מיר מודה געווען, אַז דער טאַטע ע״ה איז צווישן אַלע אידישע סוחרים דער גרעסטער מבין אויף ווײַנען און אין אַלע ענינים און עסקים פונם דאָזיגן מסחר איז ער מער בקי און געניטער פון אַלע.

ווען מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון מישקאָלץ און געקומען מיט די ווײַנען ביז צום דאָרף לוק, וואָס געפינט זיך אויפן ברעג פונם גרויסן טייך טיס, איז אונז אָנגעקומען אַקעגן פאַר אַ שטן דער אלוף און קצין ר׳ זאב וואָלף קאַמראַש דער אַרענדאַר פון דער טאָלעראַנץ־טאַקסע[1]; ער האָט אינם דאָרף לוק געטראָפן אַ סך קירה׳ש מיליטער, האָט געוויזן פאַר זיי עפּעס דאָקומענטן און דערקלערט, אַז ער איז דער אַרענדאַר פון טאָלעראַנץ־ און מלוכה־הכנסות, דאַריבער זיינען אַלע קירה׳שע מיליטער־לייט מחויב אים מיטהעלפן אין אַלץ, וואָס ער וועט דאַרפן און וואָס ער וועט באַפעלן; ער האָט זיי אויך געגעבן טרינקען בראָנפן און ביר און זיי אָנגעשיכּורט. ווען דער טאַטע ע״ה איז אַהינצו געקומען, האָט ער תּיכּף פאַרשטאַנען די פאַלשקייט, ווייל ניט ר׳ וואָלף, ניט די מיליטער־לייט להבדיל האָבן ניט דאָס רעכט צו פאַרהאַלטן די פורן מיט סחורות אינמיטן וועג, און די מלוכה־פאַשלינגע[2] דאַרפן די סוחרים באַצאָלן אין די גרענעץ־שטעט. ווען די מיליטער־לייט האָבן דאָס דערהערט פונם טאַטן, האָבן זיי אָפּגעטראָטן צוריק, ניט געפאָלגט ר׳ וואָלף׳ן און דערקלערט, אַז זיי דאַרפן ניט אַריינמישן זיך אין סוחרישע געשעפטן און פאַרהאַלטן זיי מיט די סחורות. און די פורן זיינען איבערגעפאָרן דעם טייך.

מיר זיינען געקומען בשלום מיט די ווײַנען אַהיים קיין באַלעכאָוו. דער ברודער האָט אַוועקגעפירט זיין גאַנצן ווײַן קיין להאָוו, זיין שותּף דער פּריץ

[1] די טאָלעראַנץ־טאַקסע – אַ שטייער ספּעציעל פאַר אידן, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין אונגאַרן דורך דער קיניגין מאַריאַ־טערעזאַ. די אונגאַרישע אידן האָבן געצאָלט דעם דאָזיגן שטייער ביז 1846. ז. אין B. Bernstein, Die Toleranztaxe der Juden in Ungarn „Gedenkbuch zur Erinnerung an David Kaufmann“, 1900, 599–628. ר׳ וואָלף איז געווען אַ גובה פון דער טאָלעראַנץ־טאַקסע.
[2] גרענעץ־אָפּצאָל.

האָט געפּועלט בּאַ די פראַנציסקאַנער גלחים, אַז מ׳זאָל אָפּלייגן די װיינען אין די קעלערס פון זייער קלויסטער, און דאָרט האָט ער זיי פאַרקויפט. מיר האָבּן אונזער בּיסל װיין, װאָס מיר האָבּן געבּראַכט, פאַרקויפט די שכנישע פּריצים, װאָס װאוינען אַרום אונז.

ראַמאָלס איז צום ערשטן מאָל געקומען פון אונגאַרן דער בּאַװאוסטער קצין ר׳ אליעזר אשכּנזי פון דער שטאָט קאראלי, װעלכער האָט געבּראַכט גרויסע סכומים פון דער מלוכהשער קאַסע אויף קויפן גוטע פערד פאַרן קירה׳שן חיל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין סטרי בּאַם קצין ר׳ צבי הירש ר׳ מרדכיס ע״ה אין שטוב. דורך בּאָלעכאָװ איז דורכגעפאָרן מיין שװאָגער דער אלוף ר׳ שמעון מאזטנער און דערזעהן מיין פערד, אויף װעלכן איך בּין געקומען רייטנדיג פונם יריד אין ראָלינאַ, האָט ער אים בּאַ מיר אַװעקגעקויפט פאַר צען דוקאַטן; איך האָבּ מיט דריי טאָג צוריק געקויפט דעם ראָזינגן פערד פאַר פינף דוקאַטן און צװעלף פּוילישע גילדן. דער ראָזינער ר׳ שמעון האָט מיר געהייסן קויפן פאַר זיינעטװעגן נאָך גוטע פערד. איך האָבּ געקויפט נאָך דריי גוטע פערד, זיי געבּראַכט קיין סטרי, װאו מ׳האָט זיי בּאַ מיר אָנגענומען, און כ׳האָבּ היפּש מרויח געװען, העכער דריי הונדערט פּוילישע גילדן, װאָס איז דאַן אין מיין יוגנט גערעכנט געװען פאַר אַ גרויסן ריוח מיטן אויבּערשטנס השגחה ית׳.

אין יענער צייט האָט אין אונזער שטאָט געװאוינט אַ ערליכער מאַן מיטן נאָמען טוביה ר׳ ראובנס, װעלכער איז פון דער יוגנט אָן געװען מיין בּרודער ר׳ בּענרעטס ע״ה אַן אוהב נאמן; ער האָט געזעהן, אַז איך גאַר צו מאַכן מסחר און האָט געהערט, אַז מ׳האָט קיין טיסמעניץ געבּראַכט אַ סך גוטע שאָפּענע װאָל אויף מאַכן גאַרטלען פון קרעמזין־קאָליר. האָט ער געזאָגט מיין בּרודער ר׳ בּענרעט, ער זאָל מיט מיר איבּעררייד, אַז איך זאָל פאָרן קיין טיסמעניץ קויפן די װאָל און הגם איך פאַרשטיי ניט אין די סאָרטן װאָל, װעלכע זיינען גוט און װעלכע ניט, װעט ער שיקן מיט מיר אויף אונזערע הוצאות אַ מענשן, װעלכער פאַרשטייט און איז געניט אין אַלע סאָרטן װאָל, צו װאָסער מלאכה יערער סאָרט טויג. און ער האָט געשיקט מיט מיר ר׳ בּערן, ר׳ יהודה קלייטניקס זון, װעלכער איז קלאָר אינם מהות און קװאַליטעט פון װאָל. מיר זיינען געפאָרן אין געקומען קיין טיסמעניץ, גערעדט מיטן אַרמענער[1]) דעם אַלטן גירעק־קאַרילאָ און זיינע זין, װעלכער האָט געבּראַכט פון ניט װייט פיר גרויסע פורן קאַרעװשין[2]) פול מיט גוטער װאָל, װאָס טויג צום װעבּן...

---

[1]) אין טיסמעניץ האָבּן געװאוינט א סך ארמענישע סוחרים.

[2]) ראַרעװושין זיינען אזעלכע משא־װאָגנס.

...און ער איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין פּאָסטן. אויך וועגן די ענינים פון אונזער בּאָלעכאָווער קהלה האָט מיין ברודער ע״ה זיך משתדל געווען און גערעדט מיט דער פּריצה דער פירשטין[1]; ער האָט זיך פאַר איר אַ סך מתנצל געווען פאַר אחינו בני ישראל, און זי איז מרוצה געוואָרן און געהייסן אומקערן די הכנסה פון גבעלי[2]) אין דער קהלשער קאַסע.

אָבער בעוונותינו הרבים האָט זיך מיר געחלומט אַ שלעכטער חלום, אַז מיין ווייב גייט שווער צו קינד. דער ברודער איז דאַמאָלס געווען אין וואַרשע וועגן די אויבן־דערמאָנטע עסקים, און אויך איך האָב געוואוינט אין לוואָוו, וואו כ׳האָב מיך פאַרנומען מיטן פאַרקויפן די וויינען, וואָס מיר האָבן דאָרטן געהאַט. און אויף מאָרגן נאָכן חלום איז אָנגעקומען די שלעכטע בשורה פון אונזער קהלה, אַז זונטאָג י״ג תמוז תקי״ט זיינען אַריין אַהינצו 28 גויים, רוסן־רויבערס, וואָס וואוינען אין די בערג און מ׳רופט זיי אָפּרישקיס[3]; גאַנץ פריה נאָך דעם, ווי אַלע וואַך־לייט, וואָס זיינען געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען יעדערער אַהיים שלאָפן, זיינען אַריין אָט די ראָזיגע באַנדעס גויים און געקומען צום קצין ר׳ נחמנס הויז. דאָרט האָבן זיי געטראָפן נעבן שטוב אַ פייער, וואָס ס׳האָבן צעלייגט באַנאַכט די שומרים; נעבן פייער איז געלעגן דער קהל־שמש ר׳ הירש שול־קלאַפער און געשלאָפן און צוקאָפּנס איז געשטאַנען דער שטאָט־פויק. הירשל האָט זיך אויפגעכאַפּט, און די גזלנים האָבן גענומען דעם פויק, אַרויפגעוואָרפן אויפן פייער און פאַרברענט; אים האָבן זיי געהייסן, ער אַליין זאָל קלאַפּן אָן דער טיר, מ׳זאָל זיי עפענען, כּדי מ׳זאָל גאָרניט אָנשטויסן זיך, אַז ס׳זיינען געקומען רויבערס. הירשל האָט אַזוי געטאָן, און מ׳האָט געעפנט די טיר; די גזלנים זיינען אַריין אין שטוב און געפונען ר׳ נחמנס איידעם ר׳ אברהם ז״ל, וועלכער איז געווען רב אין ראָלינאַ; ר׳ נחמן אַליין איז שוין געווען אינם צווייטן צימער, וואָס איז געווען געמויערט און געוועלבט, מיט אים האָט זיך דאָרט באַהאַלטן דאָס ווייב, אויך זיין טאָכטער די רביצין מיט אַ דינסטמיידל, נאָר זיין איידעם דער רב איז איבערגעבליבן בּאַ די גזלנים אין די הענט; ער האָט זיך בּאַ זיי געבעטן און מתנצל געווען, אַז ער איז באַם קצין אין שטוב נאָר אַ מלמד פון די קינדער און מ׳וועט פאַר

---

[1]) דאָ מיינט ער די פירשטין ליובאָמירסקע, ווי מיר וועלן נאָך ווייטער זעהן.

[2]) שטייער פון כשר פלייש.

[3]) Opryszki האָבן געהייסן אָרגאַניזירטע באַוואָפנטע רויבער־באַנדעס אין די קאַרפּאַטן. זיי זיינען געווען אַ שרעקליכע צרה פאַר דער באַפעלקערונג פון יענער געגנט: זיי פלעגן באַפאַלן די סוחרים אויף די וועגן, זיך אַריינרייסן אין שטעט און שטעטלאך, ראַבעווען און הרגענען מענשן. די שטראָף־מיטלען, וואָס די רעגירונג פלעגט קעגן זיי אָנגעמען, האָבן קיין סך ניט געהאָלפן.

אים ניט געבן קיין איין פּרוטה, און ווען זיי וועלן אים אַפילו הרגנען, וועט קיינעם גאָרניט אַרן.

אין דערזועלבער צייט האָט דער קצין ר׳ דוב בער ר׳ אריה ליבס ע״ה זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און דערהערנדיג, אַז גזלנים זיינען אין שטאָט, איז ער, צעטומלט אָהן אַ מלבוש, נאָר אין דעם נאַכט־העמד, אַרויס פון שטוב און געוואָלט אַנטלויפן פון זיי; ער איז געלאָפן דורכן הינטערשטן טויער פונם הויז, כּדי די גזלנים זאָלן אים ניט באַמערקן. זיינען אָבער ניט ווייט פון דאָרטן, גראַדע באַם הינטערשטן טויער פון ר׳ נחמנס הויז, געשטאַנען עטליכע פון די גזלנים אויף דער וואַך און, דערזעהענדיג ר׳ בערן לויפן, האָבן זיי אים געכאַפּט אין דעם העמד און געפירט צו די איבעריגע גזלנים. ר׳ בער האָט זיך באַ זיי געבעטן און צוגעזאָגט געבן פאַר זיך אַ סך אויסקויף־געלט, ער האָט זיי געפירט צום געוועלב פון ר׳ נחמנס הויז, וואו ס׳איז געשלאָפן ר׳ בערס מוטער די נגידה רייזל ע״ה (וועלכע האָט אַפילו נאָכן טויט פון איר מאַן דעם נגיד ר׳ אריה ליב ר׳ יצחקס ע״ה געפירט די קלייט מיט אַלערליי סחורות). און דער קרוש ר׳ בער האָט אָנגעהויבן שרייען: „מאַמע! מאַמע! עפן אויף און גיב געלט מיך אויסצוקויפן״. די מוטער זיינע האָט אָבער מורא געהאַט צו עפענען. דער ראָלינער רב איז דערווייל געווען געפאַנגען באַ די גזלנים אין די הענט; ר׳ בער האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז ר׳ נחמנס איידעם, דער רב האָט אָבער געענטפערט, אַז ער איז דער מלמד פון די קינדער און ר׳ בער איז ר׳ נחמנס זון. וויל זיי האָבן געהערט, ווי ר׳ בער האָט געשריען: מאַמע! מאַמע!, האָבן זיי געגלויבט, אַז ער איז ר׳ נחמנס זון. און ר׳ נחמן מיטן ווייב און די טאָכטער די ראָלינער רביצין מיט אַ רינסטמיידל האָבן זיך אַלע באַהאַלטן אינם געמויערטן צימער, פאַרמאַכט און פאַר־שלאָסן די טירן מיט אייזערנע פאַרריקערס. ווען די גזלנים האָבן גענומען ברעכן די פאָרנדינגע אייזערנע טיר, האָט ר׳ נחמן געכאַפּט אַ ביקס און דערשאָסן דעם גזלן, וואָס איז געשטאַנען אַקעגן אים, אויף טויט. דאָס האָט זעהר פאַרדראָסן די גזלנים, און זיי האָבן געבראַכט גרויסע שווערע באַלקעס, כּדי צעברעכן מיט זיי דעם אייזערנעם לאָדן פון די פענסטער. דאַן האָט ר׳ נחמן אויסגעשריען און געזאָגט, אַז ער גיט זיי מזומן געלט אין זילבערנע מטבעות און האָט זיי אַ וואָרף געטאָן דורך די אייזערנע גראַטעס פון די פענסטער אַ פולן זאַק מיט זילבער־געלט. לויט זיינע רייד זיינען דאָרט געווען דריי טויזנט פּוילישע גילדן. דער זאַק האָט זיך צעריסן, און דאָס געלט איז דורך די אונטערשטע פענסטער אַרייננעפאַלן אין קעלער אַריין. ר׳ נחמן האָט געמוזט נאָך צוויי מאָל שיסן אויף זיי פון די צוויי ביקסן, וועלכע ער האָט געהאַט און וועלכע זיינען געווען פול מיט פּולווער

און קוילן. פון איין ביקס איז איינער פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס, פון דער צווייטער האָט ער געמאַכט אַ גרויסע וואונד אונטער דער ברוסט, אָבער ניט אויף טויט, דעם אָנפירער פון די גזלנים איוואַן באָיצשאָק. אַז יענער האָט דערפילט דעם שטאַרקן ווייטאָג פון דער וואונד, האָט ער אָנגעהויבן שרייען אויף רוסיש צו זיין חבריה: „מאָלאָרצי, פאַליטע!" וואָס הייסט אויף אידיש: חברה, צינדט אונטער דאָס הויז אויף אים. זיי האָבן באַלד גענומען די שטעלן, אויף וועלכע די קלייטניקעס לייגן אויס באַטאָג אַלערליי סחורות און שטיין מיט זיי פאַרן הויז און באַנאַכט טראָגט מען זיי אַריין אויף צו באַהאַלטן אין שטוב. די גזלנים האָבן אַרויס־געוואָרפן פון זיי די סחורות, צעבראָכן זיי מיט די העק און אונטער־געצונדן דאָס הויז פון אַלע פיר עקן, כדי ס'זאָל גיכער פאַרברענט ווערן.

בשעת מעשה האָבן זיי אויסגעלאָזט זייער כעס צום צום קרוש ר' דוב בער ע"ה, וועלכער איז געווען באַ זיי אין די הענט געבונדן צוזאַמען מיטן ראָלינער רב ר' אברהם ז"ל, וואָס האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז ר' נחמנס זון, און די גזלנים האָבן געגלויבט, ווייל זיי האָבן נעהערט פון זיין הייליג מויל, ווי ער האָט געשריען צו זיין מוטער, זי זאָל עפענען דאָס געוועלב, דאַריבער האָבן זיי אים בעונ"ה געהאַקט מיט די העק און פאַרוואונדעט אויף טויט. ס'איז געקומען צו לויפן איינע עטי מלכה'ס, וואָס איז דאַמאָלס געווען די בובע, און געבעטן זיי ניט הרגענען ר' בערן. איינער פון זיי האָט מיט זיין האַק צעהאַקט אויך די ראָזינע פרוי, און זי איז אויסגעגאַנגען אויף דעמזעלבן אָרט, וואו ר' בער איז געפאַלן נעבן ר' נחמנס שטוב. אַהינצו איז אויך געקומען ר' אייזיק ר' ליב קרעמערס זון, וועלכער האָט געהאַלטן אַ קליינע קראָם, און געוואָלט מציל זיין פון זייערע הענט זיין קלייט, האָבן זיי אים אויך געהרגעט, און ער איז דאָרט געפאַלן; זיי זיינען ביידע, עטי מלכה'ס און ר' אייזיק קרעמער, דאָרט פאַרברענט געוואָרן, אַז מ'האָט נאָך זיי ניט געפונען גאָרניט, אַפילו קיין סימן ניט. נאָר ר' בער ע"ה, הגם ער איז געפאַלן אַ דערהרגעטער אויף דער ערד, האָט ער דאָך דערפילט די שרפה און האָט נאָך געהאַט כח זיך דערשלעפּן פון ר' נחמנס הויז, וואו ער איז געפאַלן נעבן געוועלב, ביז צו דער שטאָט־גאַס און דאָרט איז ער אויסגעגאַנגען; זיין נשמה איז אַרויס בקדושה ובטהרה. מ'האָט זיין גוף געבראַכט אין שול אַריין און אַנידערגעלעגט אויפן גרויסן טיש, וואָס דאַמאָלס איז ער געשטאַנען פאַר דער טיר פון דער שול, און איצט שטייט ער דרום־זייט אין בית־המדרש; אַריבער דרייסיג יאָר האָבן זיך אָנגעזעהן די פלעקן פונם בלוט, וואָס האָט אָפּגעריגען פונם קרוש.

צוריק מיט אַ צייט בשעת דער ראָזינער ר' בער האָט געמאַכט אַ נסיעה קיין ברעסלוי, האָט דער פירשט מאַרטין לובאָמירסקי אָנגעהויבן ראַבעווען,

איבערהויפּט סוחרים, און האָט אויך געהרגעט אַ סך מענשן. ר׳ בער איז שיער ניט אַריינגעפאַלן צו אים אין די הענט, נאָר ס׳איז צעבראָכן געוואָרן אַ פור, און זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף נאַכט־לעגער, איז דערווייל דער פירשט מיט זיינע מענשן אַוועק פון דאָרטן, און ר׳ בער איז ניצול געוואָרן. ווען ער איז פרייטאָג י״א תמוז געקומען אַהיים, האָט ער דאַריבער שבת עולה תורה געווען און געבענשט גומל, ניט ווייסנדיג בעונ״ה, וואָס אויף אים איז נגזר געוואָרן; האָט ער באַראַרפט שטאַרבן באַ זיך אין דערהיים, הגם ס׳איז אַ זיכער אָרט, און ניט קוקנדיג דאַרויף, וואָס ער האָט געהאַט אַ סך געלט און געקאָנט זיך אויסקויפן; מ׳האָט ניט געקאָנט מבטל מאַכן די גזרה פונם הימל, און ער איז געשטאָרבן יונגערהייט, 36 יאָר אַלט. ר׳ בער איז געווען אַ תלמיד חכם, אַ פיינער און רייכער מאַן, אַ שלאַנקער און זעהר אַ שיינער. נאָך זיין טויט איז באַ אונז אין דער קהלה עד היום ניט געבליבן מער אַזאַ ווי ער.

דער דאָלינער רב איז נאָך געבליבן פאַרהאַלטן באַ זיי אין די הענט, און זיי האָבן אים ניט געהרגעט, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיי פירן אויסער ר׳ נחמנס שטוב אין די שטיבער פון אַנדערע אידישע גבירים. ער איז געגאַנגען מיט זיי צום הויז פון ר׳ יהודא ר׳ אהרנס מיט זיין זון דעם קצין ר׳ אייזיק ע״ה. יענע אָבער, דערוויסנדיג זיך, אַז גזלנים זיינען אין שטאָט, פאַרלאָזן אַלע די שטוב און צוזאַמען מיט די ווייבער און קינדער אַנטלאָפן. די גזלנים זיינען אַריין אין שטוב, אין וועלכער ס׳איז קיין לעבעדיגער נפש ניט געווען, און אָנגעהויבן זוכן אין די חדרים, אפשר וועלן זיי געפינען, וואָס צוצונעמען פון די שטוב־כלים; בשעת מעשה האָט זיך דער רב אַרויסגעגנבעט און אַנטלאָפן אויף יענער זייט טייך צו די איבעריגע אידן, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן.

אינם דאָזיגן מאָמענט זיינען צו מיין ברודער דעם קצין ר׳ אריה ליב ע״ה געקומען צוויי גזלנים און געטראָפן אין פאָרערשטוב זיין ווייב רחל ע״ה, וועלכע איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון בעט און איז נאָך ניט געווען אָנגעטאָן, האָבן זיי זי אָנגענומען פאַר אַ רינסטמויד, אַ זעץ געטאָן איר מיטן האַק איבערן קאָפּ און געמאַכט אַ וואונד. די גזלנים האָבן זיך געלאָזט אין די חדרים, און זי איז אַוועק און האָט זיך באַהאַלטן אין אויוון, וואוהין זי איז אַריינגעקראָכן מיט גרויסע שוועריגקייטן, ווייל זי איז געווען זעהר אַ גרויסע און דיקע פרוי. מ׳האָט איר געגעבן צו וויסן, אַז אין שטאָט איז אַ שרפה, איז זי אַרויס בבהלה פונם אויוון און ניט געפילט, ווי ס׳זיינען אַראָפּגעפאַלן אירע גאָלדענע אוירינגלאַך מיט די שיינע טייערע דימענטענע שטיינער; זי איז אַרויס פון דאָרט צו ראַטעווען זיך פון דער שרפה און

האָט אויך מציל געווען אַלע אירע תּכשיטים און טייערע קליידער (די ראָזינגע רחל ע״ה איז געווען אַן אשת חיל און אַ גרויסע גבירה).

אין רעמזועלבן מאָמענט זיינען געקומען צוויי גזלנים צו מיר אין שטוב אַריין און געטראָפן מיין ווייב לאה ע״ה, וועלכע איז געליגן אויפן בעט און ניט געוואוסט פון דעם, וואָס ס׳טוט זיך אין שטאָט; זיי האָבן געפאָדערט באַ איר אַ סך געלט, און זי האָט זיי געגעבן איין גאָלדענעם רוקאַט און צוואַנציג פּוילישע גילדן און זיך מתנצל געווען, אַז זי האָט מער בּמזומן קיין פּרוטה ניט. איין גזלן האָט איר מיט דער האַק געשלאָגן אומבּרחמנותדיג איבערן האַנט און רוקן אַזוי, אַז אַ לאַנגע צייט איז איר פלייש און הויט געווען שוואַרץ. זיי האָבן געפאָדערט פון איר גאָלדענע תּכשיטים און פּערל (מ׳זאָגט, אַז די אָרטיגע גויים האָבן געזאָגט די גזלנים, אַז אינם ראָזינגן הויז וועלן זיי געפינען גאָלדענע תּכשיטים און פּערל), און זי איז געווען געצוואונגען זיי אָפּגעבּ, אָס גאַנצע צירונג אירס, צוויי סאָרטן שיינע און גוטע פּערל, פינף שנירלאַך און פיר שנירלאַך, אויך אַ טייער שטערן־טיכל; זי האָט זיי אויך געגעבן צען גאָלדענע פינגערלאַך מיט טייערע שטיינער און אַ סך שיינע רימענטן. די ראָזינגע תּכשיטים האָבן דאַמאָלס געהאַט דעם ווערט פון לכל הפּחות דריי טויזנט פּוילישע גילדן, אַחוץ אַנדערע כּלים פון מיין שטוב; און דאָס הויז אַליין, וואָס איז פאַרבּרענט געוואָרן, האָט מען דאַמאָלס געשאַצט אין פיר טויזנט פּוילישע גילדן. סך הכל האָבּ איך געהאַט היזק אויף זיבן טויזנט פּוילישע גילדן. אינם ראָזינגן מאָמענט האָבן די גזלנים דערהערט, אַז די שרפה פאַרשפּרייט זיך, האָבן זיי אָפּגעלאָזט מיין ווייב, און זי איז אַנטלאָפן אויף יענער זייט טייך; איר דינסט אַ מאַסקאַלישע גויע איז איבּערגעבּליבּן און האָט אַליין אַרויסגעטראָגן אַלע כּלים, וואָס נאָר זי האָט געקאָנט, און זיי זיינען ניצול געוואָרן פון דער שרפה. אַפילו אויף מיינע ספרים, קרוב צו הונדערט עקזעמפּלאַרן, דאָס רוב אַלטערטימליכע ווערק, האָט די ראָזינגע דינסט רחמנות געהאַט, זאָגנדיג: „מיין בּעל־הבּית האָט ליבּ ספרים, וועל איך זיי מציל זיין און זיי צונויפלייגן אין אַ זאַק“. און זי האָט זיי אין צוויי מאָל גאַנג אַרויסגעטראָגן, ניט איבּערגעלאָזט אַפילו איינעם, און זיי זיינען ניצול געוואָרן. ס׳האָבן מיר נאָר געפעלט פון מיין רייסטער צוועלף טייערע ספרים, וואָס אונזערע שכנים האָבן צוגעגנבעט, און שפּעטער, אין ניין יאָר אַרום, האָבּ איך צוויי פון זיי דערקענט, און מ׳האָט זיי מיר אומגעקערט.

מאָנטאָג י״ר תּמוז האָבּ איך מיך דערוואוסט פון דער טרויעריגער געשיכטע, האָבּ געדונגען אַ פור און אַרויסגעפאָרן פון לוואָוו; כ׳בּין געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט און באַגעגנט אַ באַלעכאָווער מענשן, וועלכער איז געשיקט געוואָרן קיין לוואָוו מיר אָנזאָגן וועגן דעם, וואָס איז געשען אין

אונזער קהלה. קיין באַלעכאָוו בין איך אָנגעקומען אין דער נאַכט אויף רינסטאָג י״ר תמוז תקי״ט, די גאַנצע שטאָט האָט געטומלט און אַלע זיינען געווען זעהר דערשראָקן.

די גזלנים זיינען אומגעשטערטערהייט אַרויס פון שטאָט דעם ראָזינן זונטאג אַביסל פאַר אַ האַלבן טאָג. בשעת זיי זיינען אַריין אין שטאָט, זיינען אייניגע פון אונזער קהלה געלאָפן אין קלויסטער אַריין און אָנגעהויבן ציהען די גלעקער, כּדי אויפרודערן דעם עולם, מ׳זאָל קומען צו הילף. דערהערנדיג דאָס קלינגען פונם גלאָק, האָט איינער פון די גזלנים אַרויס־גענומען זיין ביקס און פאַרוואונדעט אין פוס ר׳ בצלאל ר׳ ליבס ע״ה, וועלכער איז פאַרבליבן אַ הינקענדיגער ביזן טויט. אויך אַ גוי, וואָס איז געשטאַנען נעבן די גלעקער, איז פאַרוואונדעט געוואָרן פון דער ביקס. אויף אַזאַ אופן האָט זיך שוין קיינער ניט געשטעלט זיי אַנטקעגן, און זיי זיינען נענאַנגען און געטאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט. פאַר דעם גזלן, וואָס איז דורך ר׳ נחמנען פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס, האָט מען גענומען באַ די גויים, וואָס זיינען געקומען אין שטאָט אַריין אויפן פעטראָווער יריד, אַ פערד און געגעבן אים צו רייטן; אַזוי האָבן זיי אויך אַלע געטאָן, ווען זיי האָבן באַגעגנט גוים, רייטנדיג אויף פערד, זיי האָבן צוגענומען באַ זיי די פערד, 16 פערד, געריטן אויף זיי, זיך אָנגעטאָן אין ויירענע ווייבערשע קליידער, וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט אין שטאָט, ווי קליידלאַך פון דמשקער אַטלאַס און אַנדערע מאַטעריעס פון אַלערליי מינים קאָלירן, רויטע, גרינע, בלויע און אַנדערע.

און דער גרעסטער צווישן זיי איוואַן באָיצשאָק האָט זיך אָנגעטאָן אין מיין ברודער אַריה־לייבס ווייסן לייבסערדאקל, אַ נייער פון ווייסן לוסטרין, זעהר אַ גוטער מיט טייערע שיינע זילבערנע זוימען, באַרעקט מיט גוטע פּאַצירקעס, וועלכן ער האָט געמאַכט אויף פסח פאַר דער ראָזיגער געשעהע־ניש. פאַר אים האָט מען געטראָגן אַ פאָן: אויף אַ שטעקן אויפגעהאַנגען אַ גוטן זיידענעם פאַרטוך פון פאַרטשאַ, אויסגענייט מיט גאָלד און זילבער. אָט אַזוי זיינען זיי געגאַנגען אומגעשטערטערהייט און קיינער האָט זיי ניט נאָכגעיאָגט, ווייל דער עקאָנאָם, וועלכער איז ראַמאָלס געווען מושל איבערן באָלעכאָווער שלאָס, איז דאַן אין דערהיים ניט געווען און האָט גענעכטיגט יענע נאַכט אין סטרי; יעדערן האָט זעהר געאַרט, וואָס דער עקאָנאָם איז ניט געווען בשעת די רויבערייען און דער שרפה, ווייל אויב ער וואָלט אַפילו ניט מציל געווען גאָרניט פון די רויבערייען, וואָלט ער געקאָנט אָפּראַטעווען פון דער שרפה: ווען די גויים זעהען דעם פריץ פונם שלאָס שטיין און באַפעלן, וואָלטן זיי געווים געווען געצוואונגען צו לעשן די שרפה און מציל זיין עטליכע הייזער.

דער דאָזיגער עקאָנאָם איז געווען מיינער אַ גוטער באַקאַנטער און פריינט, האָט מיך זעהר ליב געהאַט, ווייל פאָריגן פסח האָט ער מיט מיר פאַרבראַכט אַ שבת אין ליסקאָ[1]), ווי כ׳האָב ווען דעם געשריבן אויבן אויף זייט... ער איז מיט מיר געשיקט געוואָרן פונם לוואָווער דעקאַן דעם גלח וויעניאַווסקי איינקויפן אונגאַרישע ווייגען, און ער האָט לויט מיין עצה מיט אַ סדר פאַרשריבן די חשבונות פון די וויין־קניות און די הוצאות פון ברייגגען די ווייגען, ווייל אַליין איז ער נאָך דאַמאָלס געווען יונג און ווייניג געלערנט, האָט ער אַלץ געטאָן לויט מיינע עצות. און דער שררה האָט באַוויליגט צו מאַכן אים פאַר עקאָנאָם אין אונזער שטאָט. דערפאַר איז ער מיר געווען אַ אוהב נאמן אַלע זיינע יאָרן אַפילו נאָך דעם, ווי ער איז אַוועק פון דאַנען און איז באַשטימט געוואָרן פאַר עקאָנאָם אין קאָמאַרנאָ. אַז ער איז ווען געקומען קיין לוואָוו, פלעגט ער מיט גרויס ליבשאַפט מיך באַגעגענען און באַזוכן.

נאָך דער געשיכטע מיט די רויבערייען און דער גרויסער שרפה האָב איך מיטן עקאָנאָם זיך אַן עצה געהאַלטן מיט אַ סך געלערנטע פריצים און געזעצקענערס, און אַלע זיינען געקומען צו אַן הסכמה בנוגע דער הילף, וואָס איז נויטיג פאַר דער חרוב־געוואָרענער שטאָט. ערשטנס, איז נויטיג צו מאַכן אַ קאָנפריגאַטע[2]), ד. ה. אַן אויספאָרשונג דורך באַגלויבטע פריצים, וועלכע קענען אַלע שטאָט־לייט און ווייסן יעדערנס שטוב, געשעפטן און מסחרים פון אַלע קרעמערס און שיינקערס און אַלע אַנדערע גרעסערע און קלענערע סוחרים. מ׳האָט אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון די געביידעס און דעם ווערט פונם פאַרמעגן און סחורות, וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן. די דאָזיגע גאַנצע אַרבעט איז געפאַלן אויף די אַלופים די קהלישע פירערס.

די פירערס אין באָלעכאָוו זיינען דאַמאָלס געווען דער נגיד ר׳ יצחק פון בראָד און ר׳ בער כ״ץ ר׳ נחמנס ע״ה איידעם, דער דריטער איז געווען ר׳ יצחק אייזיק ר׳ יהודאס און דער פערטער איך דוב בער ר׳ יהודאס. די ערשטע דריי פירערס האָבן ניט געוואוסט און ניט פאַרשטאַנען, וואָסער אַ נוצן ס׳וועט דערפון אַרויס, און איך האָב געמוזט איינער אַליין זיך משתדל זיין פאַרן פריץ דעם עקאָנאָם, ער זאָל אָנגעמען מיטלען צו מאַכן די דאָזיגע אויספאָרשונג. ער האָט צו דעם איינגעלאַדן איניגע שכנישע פריצים, ווי דעם גוי מאַדראַקע דעם אַלטן, דעם פריץ האָשאָווסקי, דעם פריץ אילניצקי, אויך די שטאָטישע גויים, דעם ריכטער און די פאָרשטייער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג; זיי זיינען געגאַנגען מיט אונז, כדי צו ווייזן זיי די ערטער

[1]) Lisko — א שטעטל אין גאליציע.

[2]) דער מחבר מיינט מסתמא Konflagrata.

פון די אָפּגעברענטע דירות און זיי זאָלן זיך דערמאָנען די גרייס און ווערט פון יערן בנין, בשעת ער איז געשטאַנען אויף דעם ראָזינגן אָרט, און דעם ווערט פון די סחורות, וואָס זיינען דאָרט געלעגן. אַלץ איז מיט אַ סדר פאַרשריבן געוואָרן אין אַ רייסטער פון 15 בויגן פּאַפּיר, און לויטן חשבון האָט אָנגעטראָפן דער היזק פון די אידן אין אונזער שטאָט ש׳ אַלפים פּוילישע גילדן. דער ראָזינער רייסטער איז אָנגעשריבן געוואָרן אין דריי קאָפּיעס און געחתמעט געוואָרן דורך די דערמאָנטע פּריצים אַלס עדות און דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

איין קאָפּיע האָבן מיר אַוועקגעשיקט קיין לוואָוו צו דער אַדמיניסטראַציע פון די געטראַנק־שטייערן, וואוהין מ׳פלעגט פון באָלעכאָוו צאָלן יערליך העכער פינף הונדערט פּוילישע גילדן; ווען די ראָזיגע כתבים זיינען אָנגעקומען צו דער אַדמיניסטראַציע קיין לוואָוו, האָבן זיי רחמנות געהאַט אויף אונזערע איינוואוינער די נשרפים און באַראַבעוועטע, און מ׳האָט מותר געווען אויף פינף יאָר דעם ראָזינגן יערליכן אָפּצאָל פון פינף הונדערט גילדן, מיר האָבן קיין איין פּרוטה ניט געצאָלט. די צווייטע קאָפּיע פון די כתבים האָבן מיר געשיקט קיין בראָד צו די ראשי מדינות פון פּוילן דורכן אַלוף ר׳ אַריה ליב בר׳ קלמן כ״ץ ע״ה און מיר האָבן אים מיט־געגעבן אויך בריף, וואָס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן נאָך לאַנגע באַראַ־טונגען און מיט גרויס קענטעניש אויף לשון קודש מיט דער גאַנצער געשיכטע פון די חורבנות און היזקות פון דער קהלה דורך די גזלנים און דער שרפה. יענע האָבן געענטפערט, אַז מ׳וועט דער קהלה געבן אַן הנחה, איינינגע האָבן חוזק געמאַכט און געזאָגט: „מיט אַזאַ שלעכטן בריף מעג מען זיצן באַם טויער פון בית־עלמין און בעטן צדקה“. ר׳ ליב ב״ר קלמן כ״ץ האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין באָלעכאָוו אָהן אַ קלאָרער תשובה. די דריטע קאָפּיע האָבן די אַלופים און פּירערס געשיקט קיין ריישא[1] דורך ר׳ אַברהם חרמ״ט (ר׳ מיכל טריינעס איידעם), וועלכער איז געפאָרן, רייטנדיג אויף אַ פערד, און געקומען צו אונזער פּריצה דער פירשטין מיט אַ סופּליקע, ד. ה. אַ גרויסע בקשה מיט רחמים אויפן ביסל אידן, וואָס איז פאַרבליבן נאָך דער גזילה און שרפה אין באָלעכאָוו. די פּריצה די פירשטין האָט זיך דערבאַרימט אויף די איינוואוינער פון אונזער שטאָט. מ׳האָט אָנגעשריבן אַ בריף מיט גרויס התנצלות פאַר אונזערט־וועגן צום קרוין־פּאָרסקאַרבניק[2] דעם פינאַנץ־מיניסטער פון אַלע מלוכהשע הכנסות אין פּוילן. ר׳ אַברהם איז אַוועקגעפאָרן רייטנדיג קיין

---

1) Rzeszow — א שטאָט אין גאַליציע.

2) Podskarbi koronny האָט געהייסן דער פינאַנץ־מיניסטער אין פּוילן.

פילו צום פינאַנץ־מיניסטער דעם שרה וועסעל[1]) און אים איבערגעגעבן דעם בריף פון אונזער פּריצה, וואָס איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויס מליצה, און געבעטן רחמים אויף באָלעכאָווער איינוואוינער. און דער ראָזינגער שר[2]) האָט געענטפערט דער פירשטין: „וואָס זאָל איך אָבער טון, אַז די שאַצמייסטערס האָבן שוין אָפּגעשאַצט און די אַסיגנאַציעס[3]) זיינען שוין פונאַנדערגעטיילט געוואָרן דורך די ראשי מדינות, וועלכע זיינען זיך צונויפגעפאָרן אויף אַ גרויסער אַסיפה מיט גרויסע הוצאות, ס׳איז אוממעגליך זיי צונויפזאַמלען נאָך אַמאָל. פאַר באָלעכאָווער קהל בלייבט נאָר בעטן באַ די נאָהענטע באַקאַנטע קהלות, זיי זאָלן מסכים זיין צו מגרב זיין און מוסיף זיין אויף זיך זעלבסט אַ געוויסן סכום, כדי צו פאַרלייכטערן פון דער ראָזינגער אָפּגעברענטער קהלה דעם אָפּצאָל פונם מלוכה־שטייער.

און דער פאַרוואַלטער טינעצקי האָט אין נאָמען פון אונזער פּריצה אין רייּשא געענטפערט די אַלופים פון באָלעכאָווער קהל בזה הלשון: „לויט דער תשובה פונם שר דעם פינאַנץ־מיניסטער וועסעל, וואָס ער האָט געענטפערט דער פירשטין, בלייבט אייך איצט ניט קיין אַנדער וועג צו פאַרלייכטערן, ווי נאָר בעטן באַ די נאָהענטע קהלות, זיי זאָלן אויף זיך נעמען באַצאָלן אַ געוויסן סכום פאַר אייך; איר האָט ניט געאיילט זיך צו שיקן אַ מענשן בשעתן צונויפפאָר פונם ועד ארבע ארצות, און איצט האָט איר געשיקט אַ מענשן, וואָס איז ווי אַ קאַלב, ניט קיין געלערנטער און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן דעם מיניסטער און זיך מתנצל זיין פאַר דער פאַרשפּעטיגונג פון אייער בקשה“. אונזער קהל איז געבליבן זעהר צעטומלט און דערשראָקן, טעראָריזירט דורך די שטראָפן און עקזעקוציעס, ווייל מ׳פלעגט שיקן איבער אַלע אידישע קהלות אַלערליי חיל מיט קאַוואַלעריע איינמאָנען דעם אָפּצאָל פונם מלוכה־שטייער, היינו דעם קאָפּ־שטייער פון אַלע אידן; אחינו בני ישראל האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ איסור, ווייל ס׳האָט שוין געטראָפן מיט דוד המלך ע״ה, וועלכער האָט דערפאַר באַקומען אַן עונש, האָט חרטה געהאַט און זיך דאַריבער מתורה געווען.

אין דער הויפּט־שטאָט וואַרשע פלעגט מען בשעת די זיצונגען פונם סיים מאַכן מיט דער קרוין און מיט די סענאַטאָרן אַן אויסגלייך, און די אַלופים

[1]) טעאָדאָר וועסעל, דער באַזיצער פון פּיליצא (Pilica אין ראַדאָמער באַצירק), איז געווען פּאָדסקאַרבי אין 1761, די דאָזיגע מעשה איז אָבער פאָרגעקומען 1759, ווען פּאָדסקאַרבי איז געווען קאַרל סיעדלניצקי. דער טעות דאַרף אונז אָבער שטאַרק ניט חידושן, ווייל ווי מיר ווייסן, האָט דער מחבר געשריבן די „זכרונות“ אין זיינע עלטערע יאָרן און האָט זיך אָפּט טועה געווען.

[2]) ער האָט געהייסן רזעוואוסקי.

[3]) Asygnacya האָט אין פּוילישן אדמיניסטראַטיוון רעכט געהייסן אַ אינסטרוקציע צו צאָלן געלט אין דער מלוכה־קאַסע.

און פירערס פון די מרינות און באַצירקן אין פוילן האָבן זיך מתחיב געווען אָפּשאַצן די גאַנצע קהלה און באַשטימען, וויפיל ווער ס׳קאָן געבן יערליך. דערצו פלעגט מען שיקן פוילישע סאָלדאַטן, זיי זאָלן איינמאָנען דעם ראָזינן אָפּצאָל פון יערער קהלה, ווי כ׳האָב שוין אויבן דערציילט.

דער גרויסער גאָט פאַרגעסט אָבער ניט זיינע קינדער ישראל און פאַר־לאָזט ניט זיין פאָלק. בשעת קאָנטראַקטן, ווען איך בין געווען אין לוואָוו, קומט צו מיר אַ באַקענטער פריץ און דערציילט מיר ווי אַ בשורה, אַז ער האָט אַן אַסיגנאַציע פונם פינאַנץ־מיניסטער אויפן שטייער, וואָס קומט פון באָלעכאָווער קהל אויף אַ סכום פון צוויי טויזנט און הונדערט פוילישע גילדן. „און, — זאָגט ער, — איך וועל זיין באַ אייך אין שטאָט און וועל זיך באַקענען אויך מיט אייער חשובער פרוי“, ווי דער שטייגער פון די פריצים צו ריידן מיט חניפה. האָט ראָס מיך זעהר געאַרט. אין לוואָוו זיינען דאַמאָלס געווען איינינגע סוחרים זאַלץ־הענדלערס פון אונזער קהלה, האָב איך זיי געשיקט רופן, און ס׳זיינען געקומען דער אַלוף ר׳ זאב ע״ה און דער קצין ר׳ ישראל ר׳ נחמנס ע״ה. זיי האָבן אויך דערהערט די ראָזינע בשורה און האָבן אַרויסגעזעהן, וואָס די פירערס פון אונזער קהלה האָבן אָפּגעטאָן דורכן אויבן־דערמאָנטן שליח ר׳ אַברהם חרמ״ט, וועמען זיי האָבן געשיקט קיין ריישא און צום מיניסטער קיין פילז, ווי כ׳האָב אויבן אַלץ באַשריבן.

און דער ראָזינער פריץ האָט אויך זיי דערציילט, אַז ער האָט אַן אַסיג־נאַציע אויף באָלעכאָווער קהל אויף 2100 פוילישע גילדן לויט ס׳האָבן אָפּגעשאַצט די אויסגעקליבענע דורך די ראשי המרינות שאַצערס. זיי האָבן אָנגעהויבן שטאַרק מתנצל זיין זיך פאַרן פריץ, דערציילט פונם גרויסן חורבן אין אונזער שטאָט דורך די גזלנים און דורך דער שרפה און ס׳איז ראָרטן ניטאָ ניט קיין פירערס און ניט קיין שמשים, ווייל איינינגע זיינען דורך זיי געהרגעט געוואָרן, און קיין אַנדערע אויף זייער אָרט זיינען ניט באַשטימט געוואָרן און מ׳איז געבליבן אָהן אַ שום ראש און מנהיג, אַז פון דער קהלה איז געבליבן זעהר ווייניג איינוואוינער, ווייל אַ סך האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון באָלעכאָוו און באַזעצט זיך אין אַנדערע קהלות, וואו זיי וועלן קאָנען געפינען פרנסה. דער פריץ האָט געענטפערט, אַז ס׳אַרט אים זעהר דער גרויסער חורבן פון באָלעכאָוו, „נאָר, — זאָגט ער, — מ׳קאָן גאָרניט טון סיידן גיין צום ראַכמייסטער פון אונזער רעגימענט דעם פריץ פון ראַזראַל, וואָס ער איז דער קרוין שרייבער, און באַ אים געפינט זיך די ראָזינע אַסיגנאַציע; אים זאָלט איר דערציילן פונם גרויסן חורבן אין אייער שטאָט, אפשר וועט ער באַווילינגן צו העלפן אייך“. ר׳ יוסף און ר׳ ישראל האָבן מסכים געווען צו גיין צום ראָזינן שררה בתּנאי, אַז איך

זאָל אויך גיין מיט זיי. מיר זיינען געקומען צום שרה און דערציילט אים וועגן חורבן פון אונזער שטאָט. דער שרה האָט געזאָגט, אַז ער וועט אויסוואַרטן מיטן אָפּצאָל ביזן קומענדיגן חגא יאַן. בשעת מעשה גיט ער אַזוי אַ קוק אויף מיר און פרעגט: „איז דער ראָזינער סוחר אויך פון באָלעכאָווער תושבים?“ ר׳ ישראל ר׳ נחמנס האָט געענטפערט, אַז איך בין אַ ווייןֿסוחר פון באָלעכאָוו און פאַרקויף אונגאַרישע וויינען שטענדיג אין לוואָוו. דאַן האָט דער שרה געזאָגט: „איך וועל וואַרטן ביז חגא יאַן, און אויב איר וועט ביזן טערמין ניט באַצאָלן דעם אָפּצאָל, וועלן זיינע וויינען געהערן צו אונז“. ס׳האָט מיך זעהר פאַרדראָסן אויף ר׳ ישראלס רייד, און כ׳האָב אים געזאָגט, צי וואָס האָט אים געטויגט דאָס זאָגן דעם ראָזינגן שר, וועלכער איז אַזאַ גזלן און באַנעמט אומברחמנותדיג טאָג טעגליך די איינוואוינער פון זיין שטאָט, ווי ס׳איז באַוואוסט פון ראַזדאַל און אַנדערע שטעט זיינע, לייגט אַרויף שווערע שטייערן און דורך פאַרשיידענע שקרים און בלבולים שטראָפט ער און מאָנט גרויסע אָפּצאָלן. איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן צום הימל און געקלערט: פון וואַנען וועט קומען מיין הילף און מיך אַרויסראַטעווען פון בייזע אָנשיקענישן. און די זאַך איז שטיל געבליבן ביזן טערמין פון צאָלן, ביז דעם ראָזינגן חגא יאַן.

נאָך פסח תק״ך האָב איך מיך אומגעקערט פון דער היים קיין לוואָוו, כדי צו פאַרקויפן דאָרט אונזערע וויינען. מיין ברודער אַריה ליב ע״ה האָט שוין אָנגעהויבן אויפבויען זיין הויז און איבערן ווינטער איז אָנגעגרייט געוואָרן דאָס נאַנצע געהילץ פאַר דער שטוב; נאָך דעם, ווי ס׳זיינען אָפּגעברענט געוואָרן מיין ברודערס און מיין שטוב, האָבן מיר ביידע גענומען זיך אַריינֿציהען צום טאַטן אין שטוב אַריין און וואוינען מיט אים צוזאַמען; צו דעם צוועק האָבן מיר אויף אונזערע הוצאות פון דער אייגענער קעשענע צורעכט געמאַכט די דעכער, וואָס זיינען אין גרעסטן טייל צעבראָכן געוואָרן איבער דער סכנה פון דער שרפה, און אויף ר״ה תק״ך האָבן מיר זיך ביידע אַריינגעקליבן. דער ברודער האָט איינגעלאַדן דעם טאַטן ע״ה אויף ראש השנה און זיך געזעצט באַם ערשטן טיש נעבן דעם טאַטן און מיט זיי איז אויך געזעסן מיין ברודערס ווייב רחל ע״ה; איך מיטן ווייב און קינדער זיינען געזעסן באַם צווייטן טיש. דעם ערשטן טאָג ר״ה אינמיטן דער אינדערפריהענדיגער סעודה איז דער טאַטע ע״ה אויפגעשטאַנען פון זיין טיש, האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אונז באַ אונזער טיש און געענדיגט מיט אונז די סעודה; פון דאַמאָלס אָן איז ער אין משך פונם גאַנצן ווינטער מער ניט געגאַנגען צום ברודערס טיש, און הגם דער ברודער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט אונז און מיטן טאַטן ע״ה, האָט דער לעצטער ניט פאַרזוכט נאָרניט פון דעם, וואָס מיין ברודערס ווייב רחל ע״ה פלעגט קאָכן, און

איז פאַרבליבן ביזן טויט באַ מיין טיש. דאַריבער האָט דער ברודער ע״ה געמוזט גיך אויפבויען זיין הויז, ווייל ער האָט אַרויסגעזעהן, אַז דער טאַטע האָט קיין חשק ניט צו וואוינען מיט אים צוזאַמען; ער האָט געבעטן זיין ווייב די צנועה ע״ה, זי זאָל אָפּגעבן כּבוד דעם טאַטן, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ חשובן זקן, ווי ער, וואָס איז דאַמאָלס אַלט געווען 87 יאָר. דאָס איבעריגע וועגן מיינע עסקים מיטן טאַטן בנוגע דעם פאַרקויפן מיר זיין הויז וועל דערציילן און באַשרייבן אינגיכן אַלץ אויף זיין אָרט. לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער ענין. איך בין געווען געצוואונגען צו איבערלאָזן דאָס ווייב מיט די קינדער באַם טאַטן אין שטוב און מיין ברודער ר׳ אריה ע״ה איז פאַרבליבן אין שטאָט, כּדי צו בויען זיין הויז.

איך בין געקומען אַליין קיין לוואָוו פאַרקויפן אונזערע איבעריגע וויינען. איינמאָל גיי איך אין שטאָט און באַגעגן ר׳ יוסף ר׳ זלמנס פון אונזער קהלה, וועלכער האָט געבראַכט צו פאַרקויפן עטליכע פורן זאַלץ; איז אונז אָנגעקומען אַקעגן דער אויבן־דערמאָנטער פּריץ, וועלכער האָט געהאַט די אַסיגנאַציע אויפן שטייער פון 21 הונדערט פּוילישע גילדן. דער פּריץ האָט אונז דערקענט און פרעגט אונז, וואָס קלערן מיר טון: „אָט קומט שוין באַלד דער חגא יאַן, און כ׳וועל מוזן גיין מיט אַ סך חיל אויף פערד און באַוואָפנט מיט געווער אין אייער שטאָט, כּדי איינצומאָנען דעם דאָזיגן שטייער“. איך האָב תּיכּף געענטפערט, אַז מיך גייט דאָס ניט אָן, ווייל איך בין שוין מער ניט קיין באָלעכאָווער תּושב און האָב צוליב די בקשות פון די אַלופים און פירערס פון ביידע לוואָווער קהלות[1]) זיך באַזעצט דאָ אין לוואָוו, ווי איך וועל ווייטער דערציילן.

דאַן האָט דער פּריץ געזאָגט: „אויב ס׳איז אמת, וויל איך גיין צו מיין נוטן ברודער אַהיים און זיך באַקענען אויך מיט זיין חשובער פרוי“. און האָט זיך געלאָזט גיין מיט אונז. כ׳האָב תּיכּף געשיקט מיין משרת דעם בחור ישראל פון טאלצשווע, וועלכער איז היינט אַן אָנגעזעהענער קצין און מפורסם אין אונגאַרן און וועלכער איז שוין אין דער יוגנט געווען אַ קלוגער און פאַרשטאַנדיגער מענש. ער איז אַוועק צום ווייב פון מיין שכן ר׳ אבלי ר׳ שבתילס פון סטרי, וועלכע האָט געהייסן חולע, און האָט איר איבערגעגעבן אין מיין נאָמען, אַז זי זאָל קומען צו אונז אין שטוב אַריין און אויפנעמען דעם פּריץ אויף פּויליש, ווי דער שטייגער פון די פּריצים, כּדי ער זאָל גלויבן באמת, אַז זי איז מיין ווייב. און די דאָזיגע פרוי איז געקומען צו מיר אין שטוב אַריין און האָט אים אויפגענומען; זי האָט געהייסן ברייגגען

[1]) אפשר געפינט זיך דאָס אין צוזאַמענהאַנג מיטן פראַנקיסטן־דיספּוט, וואָס איז פאָר־געקומען אין 1759, און אין וועלכן בער באָלעכאָווער האָט געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָליע, ארייגפיר ז. 31.

פאַר זיינעטטוועגן אַ פלאַש גוטן ווײַן, דער פּריץ האָט געטרונקען און געגלײַיבט, אַז דאָס איז מײַן ווײַב. דאָס אַלץ האָב איך געמוזט טון, ווײַל כ'האָב מורא געהאַט פאַרן שר רזעװאוסקיס רייד, וועלכער האָט נאָך דעם, ווי ר' ישראל ר' נחמנס האָט אים מגלה געווען, אַז איך האַנדל מיט אונגאַרישע ווײַנען אין לוואָוו, געזאָגט, אַז ער וועט צונעמען די ווײַנען, אויב מיר וועלן דעם קאָפּ־שטײַער ניט באַצאָלן צום טערמין. ר' יוסף האָט אָנגעהויבן מתנצל זײַן זיך און דערציילן וועגן די גרויסע חורבנות, וואָס זיינען געשען דורך די גזלנים און דער שרפה; איך האָב נאָך בכפל כפלים ממלא געווען זיינע רייד און דערקלערט, אַז הגם איך בין שוין פון דאָרט אַרויס, פונדעסטוועגן רייסט מיר דאָס האַרץ אויף מיינע קרובים און גוטע פריינט, וועלכע זיינען געבליבן דאָרט נאַקעט און אָרים, אין הונגער און גרויסער נויט, זיי האָבן ניט קיין דירות, ווײַל זייערע הייזער זיינען פאַר־ברענט געוואָרן, און זיי וואַלגערן זיך ממש אויף די גאַסן, אַז ס'איז זעהר כדאי צו רחמנות האָבן אויף זיי און ווי אַזוי קאָן מען מאָנען בײַ זיי אַפּילו אַ פּרוטה. דאַריבער, — האָב איך פאַרענדיגט, — בין איך מנדב צו באַצאָלן פאַר זיי דעם פּריץ צען דוקאַטן רענדלאַך, אויב ער וועט זיך משתדל זיין אַראָפּצונעמען פון זיי דעם אָפּצאָל פונם דאָזיגן חוב. דער פּריץ האָט זיך געמאַכט שווייגנדיג, האָט אויסגעהערט אַלע אונזערע התנצלותן, ניט געענטפערט גאָרניט און איז זיך אַוועקגעגאַנגען.

אין איינעם טאָג אַרום איז קיין לוואָוו געקומען אַ דייטש, וועלכער איז געפאָרן פון אונגאַרן קיין מאָסקווע; ער איז געווען דער פאַרוואַלטער פונם מינץ־הויף אין דער שטאָט קערמעטש־באַניא, פון וואַנען ס'קומען אַרויס די בעסטע גאָלדענע מטבעות, אַ גוי אַ גרויסער עושר און זעהר אַ געלערנטער. אַזוי־ווי ער האָט ניט געקענט קיין איין וואָרט פּויליש, האָט ער געמוזט פאַרפאָרן צו מיר אין שטוב אַריין, כדי איך זאָל פאַרשטיין זיין שפּראַך; ער האָט גענעכטיגט בײַ אונז אין שטוב אין אַ באַזונדער חדר. אויף מאָרגן האָט ער מיך געבעטן גיין מיט אים אין שטאָט אַריין, ווײַל ער וויל קויפן איינגע זומער־סחורות. צוריקקומענס באַגעגענען מיר אַ פאַעטאָן, אין וועלכן ס'איז געזעסן דער פּריץ, וואָס האָט די אַסיגנאַציע אויפן קאָפּ־שטייער. ער האָט מיך צוגערופן, און ווען איך בין צוגעגאַנגען, זאָגט ער מיר: „גייט מיר נאָך ביז אונזער מויער, וועל איך מיט דיר איבעררייידן". כ'האָב מיך זעהר דערשראָקן און מורא געהאַט, טאָמער וויל דער דאָזיגער גוי אונז פאַרהאַלטן פאַרן חוב פון באַלעכאָווער קהל, נאָר פונדעסטוועגן האָב איך געהאַט בטחון אין גאָט און נאָכגעגאַנגען נאָכן פאַעטאָן. אַרויסגייענדיג פונם פאַעטאָן, האָט דער פּריץ אָנגענומען די פּריצה אויף זי אַריינצופירן אין שטוב אַריין, און צו מיר האָט ער געזאָגט, איך זאָל שטיין און וואַרטן

ביז ער וועט אַרויסגיין. כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז כ'האָב מער ניט וואָס מורא צו האָבן, וויבאַלד ער רופֿט מיך ניט צו זיך אין שטוב אַריין. ער איז אַרויסגעגאַנגען צו מיר און זאָגט: „אַט ווערט אונזער ענין איינגעלאַרעט". מיט די ווערטער נעמט ער אַרויס אַ בריף פֿונם אויבן־דערמאָנטן פּריץ רזעוואוסקי און לייענט, ווי דער פּריץ באַפֿעלט ניט טשעפּען די באָלעכאָווער אידן ביזן וער, ר. ה. ביזן צונויפֿפֿאָר פֿון די ראשי מדינות, וואָס דאַרף אינגיכן זיין. און ער זאָגט צו מיר: „איך מוז פֿאָרן קיין באָלעכאָוו און זעהן, אויב ס'זיינען אמת אייערע התנצלותן, וועט איר געוויס זיין פּטור פֿון באַצאָלן דעם קאָפּ־שטייער. שרייב דאַריבער אָן תּיכּף אַ בריף צו די פֿירער פֿון אייער קהלה, מ'זאָל מיר געבן די צוגעזאָגטע צוועלף דוקאַטן, וועל איך שוין נעווים טון, וואָס מעגליך, כּדי צו מציל זיין אייך פֿונם דאָזיגן אָפּצאָל". כ'בין תּיכּף אַוועקגעגאַנגען און געשריבן צו מיין ברודער אריה ליב ע"ה און צו קהל, מ'זאָל זעהן ווי ווייט מעגליך גוט אויפֿנעמען דעם גוי. מיך האָט אָבער זעהר געאַרט, וואָס ער וועט פֿאָרן אַהינצו, ווייל מ'האָט שוין געבויעט דאָרטן אַ סך הייזער שענערע פֿון די פֿריהערדיגע, און כ'האָב אים געבעטן, ער זאָל אַהינצו ניט פֿאָרן דערקלערנדיג, אַז ס'איז דאָרטן ניטאָ קיין ראש הקהל און קיין שמש, דאָס יאָר איז דאָרט קיינער ניט אויס־געקליבן געוואָרן, און ס'איז ניטאָ קיין שום פּאַסנדע שטוב, וואוהין ער זאָל פֿאַרפֿאָרן. ער האָט מיר אָבער געענטפֿערט: „איך מוז פֿאָרן, ווייל איך קאָן ניט משנה זיין דעם באַפֿעל פֿונם שר רזעוואוסקי, איך וועל אָבער ווי ווייט מעגליך זעהן אייך טון אַ טובה". דער פּריץ איז אַוועקגעפֿאָרן, געקומען קיין סטרי און געטראָפֿן דאָרט מיין ברודער אריה ליב ע"ה, האָט מיט אים אַ סך גערעדט, און זיי זיינען געגאַנגען אין שיינק אַריין צום קצין ר' צבי הירש ר' מרדכים ע"ה, וועלכער האָט דאַמאָלס געהאַלטן דאָרטן אַ שיינק פֿון אונגאַרישע וויינען. מיין ברודער האָט געהייסן דערלאַנגען אויך פֿאַרן פּריץ גוטן וויין צו טרינקען, און דער פּריץ איז מרוצה געוואָרן מיטן ברודער ניט צו פֿאָרן קיין באָלעכאָוו; דער ברודער האָט אים אָנגע־שריבן אַ בריף צו מיר, איך זאָל אים באַצאָלן די צוועלף דוקאַטן, און ער האָט זיך אומגעקערט קיין לוואָוו. ווען ער איז געקומען, האָט ער גענומען באַ מיר דאָס געלט, די צוועלף דוקאַטן, לויט דעם ווי ס'איז געשריבן אין בריף. איך האָב מיט אים אונטערהאַנדלט אויף וואָסער אַן אופֿן אים געבן דאָס געלט, און ער האָט מסכּים געווען מיר אַרויסגעבן אַ כּתב, בפֿירוש אָנגעשריבן, „אַז אויב באָלעכאָווער קהל וועט באַצאָלן די צוויי טויזנט הונדערט פּוילישע גילדן פֿון קאָפּ־שטייער, וואָס מ'האָט זיי אָפּ־געשאַצט, וועט זיי אומגעקערט ווערן די צען דוקאַטן, וואָס כ'האָב פֿון זיי מקבּל געווען". צוויי דוקאַטן האָט ער געשיינקט מיר פֿאַר מיין טרחה און

מליצה פאַר באָלעכאָווער קהל, גלויבנדיג, אַז כ'האָב מיך באַזעצט דאָ אין לוואָוו. דער פריץ האָט מודיע געווען זיין שררה רזעוואוסקי וועגן דעם גרויסן חורבן פון באָלעכאָוו, וועגן דער אָרימקייט פון די איינוואוינער און אַז מ'קאָן בשום אופן ניט איינמאָנען באַ זיי. דער דאָזיגער שררה האָט אומגעקערט די אַסיגנאַציע צום פינאַנץ־מיניסטער, דעם קרוין־סקאַרבניק, און יענער האָט אים אויסגעצאָלט במזומן 2100 גילדן. בשעת דער ערשטער אַסיפה האָבן די אלופים די ראשי מדינות געמוזט אומקערן דעם פינאַנץ־מיניסטער דעם דאָזיגן סכום פון הוצאות. צוליב דער דאָזיגער מעשה איז בנוגע דעם אָפּצאָל פונם שטייער אַרויס פאַר אונזער קהלה אַ טובה אויך אויף די קומענדיגע יאָרן, ווי כ'וועל ווייטער אויף זיין אָרט דערציילן. לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער ענין מכּח דעם וויין־מסחר.

אין יאָר תּק"ך בין איך מיט מיין ברודער אריה ליב ע"ה געפאָרן קיין אונגאַרן קויפן וויין; מיר זיינען געקומען קיין טאליע[1]) און געקויפט דאָרט גוטן מאַשלאַש־וויין, 28 פאַס פאַר 280 דוקאַטן, ד. ה. יעדע פאַס צו צען דוקאַטן; מיר האָבן אויך געקויפט פופצען אַנטאַלן, יעדער אַנטאַל צו אַכט דוקאַטן; אין טערצאָל האָבן מיר געקויפט פון די קיניגליכע וויינען הונדערט פאַס אָרדינאַרנע. מיר האָבן די וויינען געבראַכט, די פּשוטע זיינען פאַר־קויפט געוואָרן, די מאַשלאַשן זיינען אָבער געבליבן שטיין, און מיר האָבן ניט געקאָנט צונויפזאַמלען געננוג געלט אויף איינקויפן וויין, וויפיל מיר דאַרפן. און נאָך אַן אַנדער סבה איז געווען, פאַרוואָס אונזער געלט איז דאַמאָלס ווייניגער געוואָרן.

ווען די ראשי מדינות האָבן דערזעהן, אַז מ'רופט זיי זעהר פאַרן קאָפּ־שטייער, וואָס זיי האָבן אַרויפגעלעגט אויף באָלעכאָוו און זיי האָבן געמוזט אַליין פון זייער קאַסע באַצאָלן דעם אָפּגעשאַצטן סכום, האָבן זיי דאַריבער באַשלאָסן, אַז דאָס בעסטע וועט זיין מאַכן אַ פּשרה. בשעת זיי זיינען זיך צונויפגעפאָרן אַלע קיין בראָד, האָבן זיי אָנגעשריבן אַ בריף צו די מנהיגים פון באָלעכאָווער קהלה, זיי זאָלן שיקן מענשן זיך אויסגלייכן מיט זיי מכּח'ן קאָפּ־שטייער. ס'איז געקומען די צייט פונם יוריעווער יריד אין בראָד, און אונזערע קהלה־לייט, היינו דער אלוף ר' זימל און דער צווייטער ר' יצחק ר' נתנס איידעם, האָבן זיך געגרייט פאָרן אַהינצו אויפן יריד, האָט מען אָנגעשריבן און געחתמעט אַ בריף פון קהל צו די ראשי מדינות, אַז די דאָזיגע צוויי מענשן זיינען דעלעגירט צו מאַכן אַ פּשרה מכּח באָלעכאָווער קאָפּ־שטייער. זיי זיינען געקומען קיין בראָד, איבערגעגעבן דעם בריף די ראשי מדינות און אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מכּח דער פּשרה, האָבן אָבער ניט געוואוסט, וואָס צו טענען און ניט געקאָנט קומען

[1]) Talya — אַ שטעטל אין אונגאַרן.

צו קיין אויסגלייך. די ראשי מרינות זיינען געווען געצוואונגען שרייבן נאָך אַמאָל אַ בריף קיין באָלעכאָוו בזה הלשון: „אויב איר ווילט מיט אונז זיך אויסגלייכן, זאָלט איר ווייטער שיקן בכבוריגערע מענשן פון די, וואָס איר האָט געשיקט". ראַן האָט די גאַנצע קהלה געבעטן מיין ברודער ר' אַריה ליב ע"ה, ער אַליין זאָל פאָרן אַהינצו און מאַכן אַ פשרה. מיין ברודער איז געפאָרן מיט זיין פור, האָט מיטגענומען מיט זיך אויך דעם נגיד ר' יצחק ר' משהס איירעם פון אונזער קהלה, זיינען געקומען אַהינצו און זיך אויס־געגלייכט מיט די ראשי מרינות אויף אויסצאָלן אין משך פון דריי יאָר צו 1300 פוילישע גילדן אַ יאָר. די ראשי מרינות האָבן דערקלערט: „אויב איר זענט מסכים צו געבן אונז במזומן 1200 גילדן פאַרן איצטיגן יאָר, וועט מען אייך אַרויסגעבן אַ קוויטונג און איר וועט האָבן אָפגעפטרט דאָס דאָזיגע יאָר". דערהערנדיג אַזאַ זאַך און וויסנדיג, אַז מיין ברודער ע"ה האָט מיט זיך מיטגענומען אַ סך געלט קיין בראָד, כדי אויסבייטן דאָס אויף עסטרייכיש געלט און דער עיקר אויף דוקאַטן, וואָס זיינען געשטאַנען דאַמאָלס 19 פוילישע גילדן, האָט דער נגיד ר' יצחק ר' משהס איירעם, וועלכער איז געפאָרן צוזאַמען מיטן ברודער, אָנגעהויבן אים איינרייד ן און איבערצייגן, ער זאָל באַצאָלן דעם קאָפּ־שטייער פאַר באָלעכאָווער קהל, כדי מ'זאָל מרויח זיין הונדערט גילדן. ר' יצחק האָט מקים געווען דעם פסוק: יעצנו רע[1]).

נאָך מיין ברודערס נסיעה קיין לוואָוו איז אָנגעקומען אַ באַפעל פונם נייעם לוואָווער בישאָף סיראַקאָווסקי און מ'האָט פאַרחתמעט די שול, וועלכע איז אַזוי געשטאַנען פאַרמאַכט פון פסח ביז שבועות. איך האָב די זאַך מתקן געווען פאַר צוואַנציג דוקאַטן, באַצאָלט פון מיין קעשענע און האָב גלייך אַרויסבאַקומען אַן ערלויבעניש, געשריבן און געחתמעט דורכן דאָזיגן בישאָף. ס'האָט זיך אויך געמאַכט, אַז אין אונזער שטאָט איז ניט געווען קיין וואָג, ווייל די אַלטע וואָג איז פאַרברענט געוואָרן בשעת די שרפות, האָב איך דאַמאָלס געקויפט אַ גרויסן אייזערנעם שטאַנג, וואָס האָט געוואויגן 125 בראַבאַנטער פונטן (די וואָג איז געווען אַ ריכטיגע); זי שטייט נאָך ער היום באַ קהל, און יעדער יאָר דינגט מען זי אָפּ און מ'צאָלט פאַר דער סחורה אַ פוילישן גראָשן פון יעדער געוויכט. די וואָג און מאָס פון האָניג געפינען זיך נאָך עד היום באַם נאמן פון דער אַרענדע; די חברה קדושה פון די קלייטניקעס האָבן זי פאַרריכט און חול המועד סוכות פלעגט מען זיך צונויפזאַמלען, אויסקלייבן גבאים, עלטסטע און אַנדערע פאָרשטייער פון זייער חברה און שמיני עצרת פלעגט מען מאַכן אַ גרויסע סעורה. דער

---

[1]) שלעכט געעצה'ט.

וואָנ־אָפּצאָל איז געווען פון יעדער געוויכט אַ האַלבן צל[1]) און פּאַר אָפּמעסטן האָניג אַ האַלבן צל פון יעדן טאָפּ; די וואָג מיט דער מאָס פלעגט מען אָפּדינגען אויף אַ יאָר לכל הפּחות פאַר 150 פּוילישע גילדן. און איך האָב פון מיין קעשענע בּאַצאָלט אין לוואָוו 15 רוקאַטן פאַר דער אייזערנער וואָג און פאַר דער קופּערנער מאָס צוויי דוקאַטן. צוליב די ראָזינע אַלע הוצאות איז געוואָרן ווייניגער דאָס מזומענע געלט, וואָס איז געליגן אָנגעגרייט בּאַ אונז אויף קויפן ווין אין אונגאַרן. די אַלופים פון קהל האָבן ניט געקאָנט אונז אומקערן אונזער געלט און ניט געאַכט אויף דער עולה, וואָס איז אונז געטאָן געוואָרן.

איינמאָל פאָרט דער אַלוף ר׳ ישראל ר׳ נחמן קצינס זון קיין אונגאַרן איינמאָנען אַ חוב, וואָס ער האָט געהאַט אין דער שטאָט נאָרבּאַניע פאַר אָקסענע פעלן; די ראָזינע פעלן האָבן זיינע שליחים געגעבן פאַר עטליכע הונדערט רוקאַטן אויף בּאָרג און איצט איז געקומען דער טערמין פון צאָלן, איז ער געפאָרן אַליין איינמאָנען זיין חוב. כ׳האָב געהערט, אַז ער האָט בּרעה אויך קויפן אונגאַרישע ווינען, האָב איך מיט אים גערעדט און פאָרגעלעגט, אפשר וועט ער מיך פאָלגן און קויפן דאָרט ווין; ער האָט מסכּים געווען און צוגעזאָגט טון אלץ, וואָס כ׳וועל זאָגן. כ׳האָב אים געהייסן פאָרן קיין טערצאָל, איינשטיין בּאַ אַ רייטשן אידן, בּאַם קצין ר׳ ענזל כּץ ע״ה אין שטוב און וואַרטן דאָרט אויף אונז בּיז זיבן טעג, דאַן וועלן מיר לויט אונזער פאַרשטאַנד קויפן די ווינען און ס׳וועט געוויס זיין אַ טובה פאַר אים. ר׳ ישראל האָט אַזוי געטאָן און געפאָרן רייטנדיג קיין טערצאָל. ווען ער איז געקומען אַהינצו, האָט ער בּאַגעגנט ר׳ הירש ר׳ אליס, וועלכן מ׳האָט גערופן ר׳ הירש קאָריסטאָווער און וועלכער איז געווען געשיקט פונם קצין ר׳ הירש ראָליבער פון סקאָלע איינקויפן די נייע ווינען. יענער האָט געקויפט בּאַם שררה פּאַטאַי הונדערט פאַס נייע ווינען און האָט אויסגענומען אַ תּנאי, מ׳זאָל פון די ווינשטאָקעס ניט אָפּרייסן די פאַרטרוקנטע טרויבן, וואָס זיינען זיס ווי ראָזשינקעס און מ׳זאָל זיי טרעטן און קוועטשן צוזאַמען מיט אַלע פייכטע טרויבן; די ראָזינע הונדערט פאַס האָט ער געקויפט פאַר 700 רוקאַטן בּתנאי, אַז ער אַליין זאָל שטיין און זעהן מיט זיינע אויגן, ווי די טמא׳נע גויים טרעטן און שווינקען זייערע בּאָרוויסע פיס אינם ווין, וואָס ווערט געמאַכט צום טרינקען פאַר מענשן אַזעלכע טמא׳נע, ווי זיי אַליין. ר׳ הירש ר׳ אליס האָט זיך אַליין בּאַרימט פאַר ר׳ ישראלן מיט זיין קויפן בּאַם ראָזיגן שררה די הונדערט פאַס ווין.

זאָגט ר׳ ישראל צו ר׳ הירשן, אַז ער וויל זעהר קויפן כּשרע ווינען און האַנדלען מיט יין נסך האָט ער כלל קיין חשק ניט, ווייל ער האָט אָנגעהויבן

[1]) עסטרייכישער קרייצער.

זיך פירן פרום. דערהערט אָט דאָס, זאָגט ר׳ הירש: „דאָ איז פאַראַן אַ איד מיטן נאָמען ר׳ ליב דאָבראָמילער און אַ צווייטער ר׳ בער טערקל אויך אַן עושר“. ר׳ ישראל האָט געענטפערט, אַז ער קען דאָ איינעם אַ דייטשן אידן ר׳ ענזל און דאַרף מיט אים ריידן. מ׳האָט תיכף געגעבן צו וויסן ר׳ ענזל כ״ץ, און אַלע דריי, ר׳ ענזל, ר׳ ליב און ר׳ בער, האָבן געמאַכט שותפות און פאַרקויפט ר׳ ישראלן דרייסיג פאַס נייע ווײַנען, יערע פאַס צו אַכט דוקאַטן, בתנאי, אַז צו יעדער פאַס זאָל מען צוגעבן איין פוט[1]) טרוקענע ווײַנטרויבן. אין דעמזעלבן טאָג פון זיין אָנקומען האָט ר׳ הירש אונטערהאַנדלט, זיך אויסגעגלייכט מיטן מקח און געגעבן זיי אויף אַן אַדרויף אַכציג נייע באַניער[2]) דוקאַטן פרישע פונם פרעס אין באַניע, וואו זיי זיינען געמאַכט געוואָרן; דאָס איבעריגע געלט, וואָס ס׳קומט נאָך — הונדערט זעכציג דוקאַטן — וועט ער באַצאָלן בשעתן נעמען דעם ווײַן, ווייל דער ווײַן איז דאָך נייער און מ׳קאָן אים ניט פירן, מחמת בשעת ער שטייט אויף זויער צו ווערן רינט שטאַרק פון די פעסער, דאַריבער וועלן זיי בלייבן שטיין אויף זייער אָרט אין די קעלערס, ביז זיי וועלן געלויטערט ווערן פון די הייוון, און דאַן וועט זיין גוט זיי צו פירן. איצט קאָן מען פאַרשטיין, וויפיל נאַרישקייטן דער דאָזיגער ר׳ ישראל ר׳ נחמנס האָט אָפּגעטאָן מיט דער קניה פונם ווײַן לויט דער עצה פון ר׳ הירש ר׳ אליס, וועלכער האָט אים אַראָפּגעפירט פונם וועג. ער האָט נעקויפט הונדערט פאַס ווײַן, וואָס צו זיבן דוקאַטן איז אויך געווען שטאַרק טייער, ווי כ׳וועל ווייטער דערציילן, אַז מיר האָבן געקויפט פון די קירה׳שע נערטענער און אויך באַ אַנדערע שררות, וואָס די גערטענער זיינען אין די בערג און זיינען זעהר גוט, אַ סך בעסערע ווײַנען, און מיר האָבן ניט געצאָלט קיינעם מער פון פיר—פינף דוקאַטן אַ פאַס; ר׳ הירש אָבער האָט באַצאָלט פאַר פייכטע טרויבן זיבן דוקאַטן אַ פאַס, איבערגעצאָלט דעם מקח כמעט אַ העלפט, און ר׳ ישראלן האָט ער אַרויפגעפירט צו באַצאָלן דריי פערטל אומזיסט, ווייל ער האָט געקויפט, וואָס האָט ווערט אין בעסטן פאַל צוויי גילדן, און געצאָלט אַכט גילדן; די כשרע ווײַנען, וואָס ער האָט באַ זיי געקויפט, זיינען אַלע פון די אָרימע גויים, וועמענס ווײַנגערטענער געפינען זיך אין די נידעריגע טאָלן, ניט אויף אַ באַרג, דאַריבער זיינען די טרויבן ניט זיס און ווערן ביליג פאַרקויפט. דער פּרייז פון אַ פאַס אַזעלכן ווײַן איז פינף אונגאַרישע גילדן, ד. ה. פופצען מאַרק, אין העכסטן פאַל זיבן וואנש[3]), ד. ה. איין און צוואַנציג מאַריאַשין. מ׳זעהט קלאָר אַרויס

1) Put — אַזאַ מאָס.

2) דוקאַטן פון Kremnitz אָדער Kőrmoczbanya.

3) די ריכטיגע דערקלערונג פונם וואָרט „וואנש“ איז אונז ניט באַוואוסט.

זיין טעות, אַז ער האָט דריי פּערטל איבּערגעצאָלט, ווייל דאָס, וואָס האָט ניט דעם ווערט צוויי רוקאַטן, האָט ער געצאָלט אַכט רוקאַטן.

נאָך דעם, ווי ס׳איז שוין פאַרענדיגט געוואָרן מיטן מקח פון די ראָזינגע כּשרע ווײַנען, בּין איך אָנגעקומען מיט מיין בּרודער ליבּ ע״ה קיין טערצאַל, און ר׳ ישראל איז מבויש געוואָרן, וואָס ער האָט אונז ניט געפאָלגט, ניט געוואַרט אויף אונזער קומען און געקויפט ווײַן ניט ווי ס׳דאַרף צו זיין. די אַלופים די שותּפים, וואָס האָבּן אים פאַרקויפט דעם ווײַן, זיינען געקומען צו אונז און געבּעטן מיך, איך זאָל ניט מבייש זיין ר׳ ישראלן פאַרן מקח, לויט וועלכן ער האָט געקויפט בּאַ זיי די ראָזינגע ווײַנען און צוגעזאָגט געבּן אונז דריי פאַס גוטן כּשרן ווײַן. זיי האָבּן מיר גלייך געגעבּן דריי פאַס פון די בּעסטע ווײַנען, וועלכע כ׳האָבּ תּיכּף פאַרחתמעט. ר׳ ישראל האָט געריינקט, וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט אין לוואָוו בּשעתן קויפן די אָקסענע פעלן בּאַם גוי סאָלסקי; ווען כ׳האָבּ אים אויסגעפּועלט דעם בּאָרג און אויך מיטגעהאָלפן אינם מקח, האָט ער מיר צוגעזאָגט פאַר מיין טרחה אַ גאָלדענע מטבּע, וואָס װעגט פינף רוקאַטן; איצט האָט ער זיין וואָרט מקיים געווען און געגעבּן מיר די מטבּע פון פינף אונגאַרישע רוקאַטן, ער האָט מיר אויך געגעבּן אַ מתּנה צוויי קליינע שיינע פּיסטוילן. בּשעת דער ראָזינגער מעשה האָבּ איך מיך דערמאָנט דעם מאמר, וואָס די חכמים האָבּן געזאָגט: „הלוקח מקח רע מהשוק הישבחנו או יגנו לפניו[1], בּעסער מיר זאָלן שווייגן און מקבּל זיין דריי פאַס גוטן ווײַן, וואָס איז ראוי אויף קידוש און הבדלה“.

און דאָס ראָזינגע יאָר תּקכ״א איז געווען זעהר געבּענשט, די ווײַנשטאָקן האָבּן געגעבּן אַ סך פּרוכט און די ווײַנען זיינען געווען אַ סך און גוט. מיר האָבּן ניט געקאָנט קויפן קיין ווײַנען, וואָס טויגן ניט גלייך צום טרינקען, ווייל מיר פאַרקויפן אונזערע ווײַנען לאחרים, און די נייע ווײַנען זיינען אָבּער שטאַרק זיס און קיינער קאָן זיי ניט טרינקען בּיז זיי ווערן ניט אַלט. אַלטע ווײַנען זיינען זעהר ווייניג פאַראַן און מ׳קאָן זיי ניט קריגן, און כ׳האָבּ מורא געהאַט, טאָמער וועלן זיי שטאַרק טייער ווערן. מיר האָבּן דערווייל ניט געהאַט אויף דער האַנט גענוג געלט אויף צו קויפן בּמזומן, וויפיל מיר בּאַדאַרפן ווײַן, כּדי צו פאַרקויפן זיי אין לוואָוו. ווי ווייט מעגליך האָבּ איך געדאַוונט אויפדערנאַכט און אינדערפריה מיט כּונה און געטראַכט: מ׳מוז זיך פאַרלאָזן אויף גאָט, און ער מיט זיין רחמים וועט אונז העלפן פונם הימל. טרעפט זיך, אַז דורכן טערצאַלער מאַרק בּאַגעגן איך

---

[1]) ווער ס׳קויפט אין מאַרק לויט א שלעכטן מקח, דאַרף מען אים לויבּן אָדער מבייש זיין, כתובות $17^{a}$. דער מחבּר ענדערט, ווי זיין שטייגער איז, די ציטאַט. דעם סוף: הוי אומר ישבחנו בעיניו — לאָזט ער דורך.

דעם גוי מאַרזי[1]), וועלכער איז געווען אַמאָל אַ פּאַרוואַלטער באַם גראַף בּוטלער אין שטוב אין דערוועלבער שטאָט; ער איז געווען מיינער אַ גוטער באַקאַנטער און פריינט, ווייל מיר פלעגן אַ סך מאָל קויפן וויין פונם דאָזיגן גראַפס קעלערס. און דער דאָזיגער גוי דערציילט מיר, ווי ער איז איצט גרויס און איז באַשטימט פאַרן פּאַרוואַלטער פון די מלוכהשע גיטער, און אַלע קעלערס פון די מלוכהשע וויינען זיינען אונטער זיין האַנט; ער רעדט מיט מיר און פרעגט, צי איז דאָ פאַראַן אויך מיין ברודער ר׳ אַריה ליב, זאָג איך אים, אַז מיין ברודער איז אויך דאָ. זאָגט ער צו מיר: „אויב איר ווילט קויפן גוטן פאַראַיאָריגן וויין, אין פאַראַן אין אונזערע קעלערס 280 פאַס גוטער וויין״. איך בין מיט אים תּיכּף געגאַנגען אין די קעלערס, פאַרזוכט די וויינען און דערזעהן, אַז זיי טויגן פאַר אונז צו קויפן, האָב איך געגעבן צו וויסן דעם ברודער, און ער איז תּיכּף געגאַנגען צום פּריץ דעם אינספּעקטאָר קויפן פון זייערע וויינען; כ׳האָב אים געזאָגט, אַז מ׳דאַרף קויפן און אויסקלייבן פון זיי הונדערט פאַס גוטן וויין. איך בין געגאַנגען צום אינספּעקטאָר דעם פּריץ קענגליר, און ער איז מושוה געוואָרן אויפן מקח 350 דוקאַטן פאַר הונדערט פאַס וויין; מיר האָבן אויפן אָרט באַצאָלט 100 דוקאַטן און 250 דוקאַטן זיינען מיר געבליבן שולדיג ביז חנוכּה יאַן פונם יאָר תּקכ״ב, וואָס פאַלט אום תּמוז. נאָך האָבן מיר געקויפט צוואַנציג פאַס טייערן אַלטן וויין באַם גרעק, וואָס איז געווען אַ סוחר און געהאַט אַ געוועלב אין טערצאַל, פאַר 60 דוקאַטן. אַחוץ דעם האָבן מיר געקויפט פופצן פאַס טייערן וויין פאַר 45 דוקאַטן באַם דאָרטיגן גוויאישן פעלדשער. אָט אַזוי האָבן מיר מיט גאָטס ב״ה חסד געקויפט פאַרן קליינעם ביסל געלט, וואָס מיר האָבן געהאַט, אַ היפּשע צאָל וויין, וויפיל מיר האָבן באַדאַרפט. מיר האָבן געבראַכט די וויינען קיין לוואָוו און זיי זיינען אויספאַרקויפט געוואָרן צו אַ הויכן פּרייז, ס׳איז נאָר געווען היזק אויף די מטבעות, ווייל אַ גאָלדענער דוקאַט איז אויסגעביטן געוואָרן פאַר 27 פּוילישע גילדן. די 250 דוקאַטן, וואָס מיר זיינען געבליבן שולדיג, האָבן מיר באַצאָלט אין דער צייט און צום טערמין אויף חנוכּה יאַן דורך אַ ספּעציעלן שליח, וואָס מיר האָבן געשיקט קיין טערצאַל.

אין דעמזעלבן יאָר תּקכ״א האָב איך אַ שידוך געטאָן מיט מיין זון דעם בּחור יוסף נ״י און גענומען אַ בּתולה זיין ערשטן זווג, וואָס פאַסט פאַר אים. די כּלה חנה איז געווען דעם באַוואוסטן למרנס ר׳ יוסף׳ס אַ טאָכטער, און דער דאָזיגער ר׳ יוסף איז געווען דעם קצין ר׳ יעקב קאָפּלס ע״ה אַ זון.

מיין מחותּן ר׳ יוסף׳ס ווייב איז געווען אַ טאָכטער פונם מאָנאַסטרישטשער רב ר׳ יצחק ז״ל, וועלכער איז געווען דעם באַוואוסטן קצין און ראש מדינה פון

[1]) ניט פארשטענדליך. אפשר א פען־טעות און ס׳דארף הייסן „מאגיאר״ — אן אונגאר.

טיסמעניץ ר׳ אַברהם ר׳ קלמנס איידעם, איז אויפֿגענומען געוואָרן פֿאַר רב און רבי אין טיסמעניץ, געפֿירט די רבנות אין משך פֿון ניין יאָר און איז דאָרטן געשטאָרבן.

אין יאָר תּקכ״ב בין איך מיטן ברודער ע״ה געקומען קיין טערצאַל און געטראָפֿן דאָרט באַ די דאָזיגע דריי אָנגעזעהענסטע און חשובסטע פֿון די טערצאַלער תושבים 90 פֿאַס ווײַן אַ סך אַ בעסערן פֿון די, וואָס ר׳ ישראל ר׳ נחמנס פֿון באָלעכאָוו האָט באַ זיי געקויפֿט פֿאַראיאָרן, בשעת דער ווײַן איז נאָך געווען אין די טרויבן צו אַכט דוקאַטן אַ פֿאַס, ווי כ׳האָב שוין אויבן דערציילט. מיר האָבן באַ זיי געקויפֿט 40 פֿאַס ווײַן בתנאי אויף אויסקלייבן פֿון זייערע 90 צו 5 דוקאַטן אַ פֿאַס. נאָך דעם האָבן מיר געקויפֿט אויך די איבעריגע 50 פֿאַס ווײַן צו 4 דוקאַטן אַ פֿאַס.

נאָך דעם, ווי די טערצאַלער שותּפֿים האָבן אונז פֿאַרקויפֿט זייער ווײַן, האָבן זיי באַלד געקויפֿט באַ אַן אונגאַרישן פּריץ אַ פּאַרטיע ווײַן פֿון 140 פֿאַס גוטע טײַערע ווײַנען, און די אַלופֿים די שותּפֿים האָבן מיך געבעטן, איך זאָל גיין אין די קעלערס און אַליין אויסקלייבן די ווײַנען, וואָס זיי האָבן געקויפֿט באַם פּריץ; איך האָב פֿון 200 אויסגעקליבן די 140 פֿאַס בעסערן ווײַן און די ערגערע האָב איך איבערגעלאָזט.

דערווײַל באַגעגנט מיך דער פּריץ מאַרזי, דער פֿאַרוואַלטער פֿון די מלוכהשע קעלערס, באַ וועמען מיר האָבן פֿאַראיאָרן געקויפֿט די הונדערט פֿאַס אַלטן ווײַן, און זאָגט מיר: „פֿאַרוואָס קומט איר ניט צו אונז פֿאַר־זוכן דעם ווײַן פֿון די מלוכה־קעלערס, ס׳שטיין דאָך באַ אונז 500 פֿאַס זעהר גוטער ווײַן, צווישן זיי כּמעט הונדערט פֿאַס מאַשלאַש״. כ׳בין מיט אים געגאַנגען און דערזעהן, אַז די קעלערס זײַנען פֿול מיט זעהר טײַערע ווײַנען, האָב איך מודיע געווען מײַן ברודער אַריה ליב ע״ה און דערמאָנט אים אָן די רייד פֿונם גלח וויעניאַוווסקי, וועלכער איז דאַמאָלס געווען אונזער פּריץ, געהאַלטן באָלעכאָווער גיטער און פֿלעגט שטענדיג אים זאָגן: „אויב גאָט וועט שײַנקען נאָך אַזאַ גוט יאָר אויף ווײַן, וועל איך אַליין פֿאָרן קיין אונגאַרן קויפֿן ווײַן״. מיר זײַנען געגאַנגען צום אינספּעקטאָר קעגליר, וועלכער איז געווען מײַן ברודערס אַ באַקאַנטער און פֿרײַנט און דעם גלח וויעניאַוווסקיס אַ גוטער ברודער; מיר האָבן מיט אים געשמועסט, אויף וואָסערע אופֿנים מיר קאָנען לויט דער הסכּמה פֿון זײַן גוטן ברודער דעם גלח וויעניאַוווסקי קויפֿן פֿון די מלוכה־ווײַנען, און דער פּריץ קעגליר מיט דער הסכּמה פֿון די איבעריגע פֿאַרוואַלטערס איבער די מלוכה־גיטער האָט זיך מיט אונז אויסגעגלײַכט, מיר זאָלן קויפֿן אויף דיזעלבע אופֿנים, דהיינו: אויסקלייבן פֿון אַלע ווײַנען 200 פֿאַס ווײַן, פֿאַרחתמענען זיי מיט אונזער שטעמפּל און אין צוויי חדשים אַרום וועלן מיר שיקן הונדערט דוקאַטן

מיט אַ קאָנטראַקט, נעחתמעט פון אונז אָדער פונם ראָזינן גלח, אויף 200 פאַס וויין פאַר 1000 רוקאַטן; ראַן וועלן מיר נעמען באַלד הונדערט פאַס וויין און אין אַ האַלב יאָר אַרום וועלן מיר שיקן נאָך 500 רוקאַטן און נעמען די איבעריגע הונדערט פאַס וויין. בלייבן שולדיג פאַר זיי 400 רוקאַטן און ביז אין אַ האַלב יאָר אויסצאָלן איננאַנצן.

אין יענער צייט איז אונזער שוואָגער ר' אהרן ע"ה מיט זיין איידעם רעם אלוף ר' אליעזר פון זשוראוונע[1]) געווען אין מישקאָלץ און ניט געקריגן ראָרט פאַסנרע ווײנען צו קויפן; האָבן זיי געשיקט אַ שליח און געשריבן צו מיר, איך זאָל זיי מוריע זיין, צי וועלן זיי אויך קאָנען קויפן אין טערצאַל גוטן וויין. איך האָב זיי געענטפערט רעם אמת, אַז ס'איז דאָ פאַראַן אַ סך גוטע ווײנען, און זיי זיינען ביידע געקומען קיין טערצאַל און געקויפט גוטן וויין, וויפיל זיי האָבן באַראַרפט. זיי האָבן געפירט די ווײנען צוזאַמען מיט אונז און זיינען אונז געבליבן שולדיג, איינער זעקס רוקאַטן און דער צווייטער פינף רוקאַטן, און ער היום האָבן זיי ניט באַצאָלט רעם חוב, ווי ס'זאָגט עדות זייער קוויטונג, וואָס געפינט זיך באַ מיר.

מיר זיינען געקומען מיט די ווײנען קיין מונקאַטש, און אונזער ברודער זאב וואָלף איז אונז אָנגעקומען אַקעגן און געבראַכט אונז קרוב צו צוויי הונדערט רוקאַטן אויף אַרויסנעמען די ווײנען; ער האָט אונז דערציילט, אַז אונזער פריץ רער גלח וויעניאַוווסקי איז געשטאָרבן. איך האָב געמוזט שרייבן אַ בריף דורך אַ ספּעציעלן שליח צו די טערצאַלער שותפים און עצהנען, זיי זאָלן ווי ווייט מעגליך קויפן די ווײנען, וואָס כ'האָב צוגעקליבן אין די מלוכה־קעלערס און האָב זיי שטאַרק מזהיר געווען, זיי זאָלן ניט טון בשום אופן אַנדערש; זיי האָבן געפאָלגט און געקויפט די ראָזינע ווײנען נאָך רעם, ווי זיי האָבן מוריע געווען דעם אינספּעקטאָר קעגליר וועגן טויט פון זיין פריינט רעם גלח וויעניאַוווסקי; זיי האָבן געמוזט דורכקומען מיט די שררות און נעמען אַ העלפט פון די ווײנען, וואָס זיינען געווען אין יענע קעלערס, הייגו 250 פאַס וויין, מיט אַן הוספה פון הונדערט רוקאַטן אויף אונזערע מקחים, ווי ס'איז צו זעהן פונם ענטפער־בריף, וואָס די אלופים די שותפים האָבן מיר ראַמאָלס געשריבן. אַ חוץ די ראָזיגע ווײנען האָבן די שותפים געקויפט אַ סך אַנדערע ווײנען, ווי כ'האָב אויבן דערמאָנט, אַז זיי האָבן רעם ראָזיגן מסחר געפירט בשותפות אין משך פון דריי יאָר. צום סוף איז מיר אַליין אויסגעקומען איבערקוקן זייערע חשבונות און כ'האָב בורק געווען זייערע האַנדלס־ביכער, ווי כ'וועל מיט גאָטס הילף באַשרייבן אין זיין צייט.

---

[1]) Zurawno — א שטעטל אין גאליציע.

און מיר האָבן געבראַכט אַ היפּשע צאָל ווײַנען, מער פון הונדערט פאַס, קיין לוואָוו און פּערציג פאַס זיינען געבליבן אין סטרי. די ווײַנען האָט געזעהן דער פּריץ דעשערט און געקויפט באַ אונז פיר פאַס ווײַן. דער ראָזינגער פּריץ האָט דאַמאָלס נאָכן טויט פונם גלח וויעניאַווסקי געהאַלטן די באַלעבאָווער גיטער. איך האָב מיט אים געשמועסט וועגן דעם מסחר מיט אונגאַרישע ווײַנען, ווי דאָס האָט געגלוסט דער גלח, ווייל ער האָט מרויח געווען אינם ראָזינגן מסחר אַ היפּשן סכום; דער פּריץ דעשערט האָט מסכים געווען מיט מיינע רייד און געוואָלט דאָס טון דורך מיר. האָט אָבער סענרער דער שמש פון סטרי, וואָס איז געווען אַ מעקלער און פלעגט אַריינגיין צו אים אין שטוב אַריין, דערהערט וועגן דעם און דערציילט דעם נגיד ר׳ יצחק חר״מ פון אונזער קהלה; יענער איז תמיד געווען אומזיסט מיינער אַ שונא גמור נאָר מחמת קנאה, און ער האָט געטאָן אַלע פעולות, כּדי צעשטערן דעם פּריצעס מחשבה וועגן דעם מסחר מיט ווײַן. אין יענער צייט זיינען די ראָזינגע ווײַנען, הגם זיי זיינען געווען זעהר גוט, געווען ניט ראוי צום פאַרקויפן, ווייל זיי האָבן געשטאַמט פון אַ גוט יאָר, געווען שטאַרק זיס און מ׳האָט זיי ניט געקאָנט טרינקען. און נאָך אין דעמזועלבן יאָר איז געווען אַ סך ווײַן אומעטום און ס׳איז ניט געווען קיין קונים. אינם ראָזינגן יאָר האָב איך געבויעט מיין הויז און אויך ר׳ אריה ע״ה האָט פאַרענדיגט זיין בנין, וואָס ער האָט געבויעט פון פאַראַיאָרן, און האָט דאַרויף אויסגעגעבן אַ סך געלט. דערווייל איז געקומען די צייט פאָרן קיין אונגאַרן נאָך ווײַן, און מיר האָבן ניט געהאַט גענוג געלט צו באַצאָלן דעם נשאר פון אונזערע פאַראַיאָריגע חובות פאַר די ווײַנען, וואָס שטייען אין לוואָוו און סטרי. גאָט האָט אָבער רחמנות געהאַט אויף אונז און געשיקט אונז די רפואה פאַר דער מכה.

פון די ווײַנען, וועלכע ס׳האָט געקויפט ר׳ ישראל דעם קצין ר׳ נחמנס זון, איז שוין דאָס דריטע יאָר גאָרניט פאַרקויפט געוואָרן, ווייל ער האָט זיי געקויפט זעהר טייער. האָט ער געזוכט אַן אויסוועג און אָנגעהויבן האַנדלען מיט בייטן געלט, וואָס דער פלאַץ דערפון איז געווען באַניע אין אונגאַרן. וועגן דעם ראָזינגן מסחר האָט ער זיך דערוואוסט דורך מיר בשעת זיין נסיעה אין יאָר תקכ״א קיין באַניע איינמאָנען זיין חוב פאַר די אָקסענגע פעלן, און כ׳האָב מיט אים דאַמאָלס גערעדט, ער זאָל פאָרן קיין טערצאל און ער האָט מיר צוגעזאָגט. דאַמאָלס האָב איך מיך דערמאָנט אָן מיינע מעשים פון דער יוגנט: בשעת איך בין אין דער יוגנט געזעסן אין טיסמעניץ, האָב איך אָנגעהויבן האַנדלען מיט זילבער און גאָלד, ווייל כ׳האָב דאַמאָלס געהאַט נעבן דער שווינגערס שטוב אַן איבער־נעגעבענעם שכן אַ גאָלדשמיר מיטן נאָמען ר׳ יוסף ר׳ ישעיה דעם טיס־

מעניצער חונס זון, וועלכער איז אויף דער עלטער אַליין געוואָרן חזן אין טיסמעניץ, און ער האָט געוואוסט, ווי אַזוי גוט רייניגן דאָס געלט און אויסטיילן דאָס גאָלד; מיר האָבן אויסגעביטן אַלע אַלטע גילדן און אַנדערע גוטע מטבעות, פלעגן זיי שיקן קיין ברעסלוי, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון עסטרייך און מ׳האָט אין קיניגליכן מינץ־הויף שטענדיג זיי אָנגענומען אויף נאמנות אָהן שום חשר. דאַן האָט ר׳ ישראל מיך געפּאָלגט, גענומען מיט זיך פופציג פון אַלערליי בעסטע מטבעות, ווי זיי פלעגן דאַמאָלס הייסן קעפּלאַך, פינטלאַך, היטלאַך, פונוואר[1]) און אַנדערע נעמען, וואָס מ׳האָט גערופן די מטבעות, וועלכע האָבן געהאַט מער ריינזילבער. ווען ער איז געווען אין באַניע, האָט ר׳ ישראל געוויזן די מטבעות, וואָס ער האָט געהאַט, די דייטשע בעלי־מלאכות די גאָלדשמידן, אָבער ר׳ ישראל האָט זיי ניט פאַרשטאַנען און זיי האָבן אים ניט פאַרשטאַנען, און ער האָט גאָרניט פועל געווען מיטן עסק פון די מטבעות, ביז כ׳האָב אַליין געמוזט אָנשרייבן אויף דייטש די סימנים פון יעדער סאָרט מטבע, און מ׳האָט געשיקט מיין בריף מיט די מטבעות דורך ר׳ בנימין ר׳ קלמן כ״ץ׳ס זון פון אונזער קהלה צו די מינץ־מייסטערס פון באַניע. יענער האָט געבראַכט אַ קלאָרע תשובה, וואָס האָט גענוי דערקלערט דעם ווערט פון יעדן סאָרט מטבעות. פון דאַמאָלס אָן האָבן אַ סך פון אונזערע אירן אָנגעהויבן נאָזוכן און צונויפ־קלויבן די בעסערע מטבעות. ניט נאָר ר׳ ישראל, נאָר אויך ר׳ איציק חר״מ איז צו אים צוגעשטאַנען צום דאָזיגן חילוף־געשעפט, און זיי האָבן אויסגעגעבן פון זייער קעשענע גרויסע סכומים. אָט די דאָזיגע שותפים די חלפנים האָבן מסכים געווען אונז אויסלייען 446 רוקאַטן ביז די קאָנטראַקטן אין לוואָוו, וואָס איז אויסגעקומען טבת תקכ״ג.

איך בין אַליין געפאָרן קיין אונגאַרן, און דער ברודער ע״ה איז געבליבן אין לוואָוו איינמאָנען די חובות און פאַרקויפן די ווייגען, וואָס זיינען פאַר־בליבן אין לוואָוו און סטרי. אונזער משרת יוסף ר׳ שמואל לוקוויצערס איז געפאָרן רייטנדיג קיין באַניע צו מקבל זיין פון די חלפנימס שליחים די 446 רוקאַטן. איך אַליין בין געפאָרן, רייטנדיג אויף אַ גוטן פערד, און אַ גוי פונם דאָרף סקאַלע האָט געריטן נאָך מיר און געפירט מיין צווייטן פערד מיט דער האַנט, ווייל כ׳האָב געהאַט צוויי גוטע פערד, וואָס כ׳האָב געקויפט באַ אַ פריץ; כ׳בין געקומען בשלום קיין טערצאַל, וואו אַלע האָבן זיך דערפרייט מיט מיין קומען, ווייל כ׳האָב אין וועג געקויפט און געבראַכט

[1]) מיר האָבן אין דער נומיזמאַטישער ליטעראַטור פונם XVIII. יאָרהונדערט די נעמען פון אַזעלכע מטבעות ניט געפונען.

צוויי גרויסע העכטן, אַז אַלע האָבן זיך געחידושט און געזאָגט, אַז די פיש זיינען זעהר מולדיג.

ווען די טערצאָלער שותּפים האָבן זיך דערוואוסט, אַז איך מוז דאָ אויסוואַרטן ביז ס׳וועט קומען מיין משרת ר׳ יוסף מיטן סכום געלט, האָבן זיי באַשלאָסן מיך בעטן זיך זעצן איבערקוקן זייערע חשבונות פון די וויין־מסחרים, ווענן וואָס כ׳האָב אויבן דערציילט; יעדער פון די שותּפים האָט געבראַכט זיינע ביכער און רייסטערס, אַנידערגעלעגט אויפן טיש בײַ מיר אין שטוב, אַז דער גאַנצער טיש איז געוואָרן פול, און כ׳האָב מיך אַנידערגעזעצט לייענען און אויפזוכן אַלע זייערע און יערערנס באַזונדער עסקים פון קויפן, הוצאות און פאַרקויפן פון די וויינען. נאָך פינף טעג זיצן און גריבלען זיך אין זייערע ביכער האָב איך געפונען אַ פּאַסנדע פאָרם, ווי אַזוי צונויפשטעלן זייער חשבון מיט אַ געוויסן סדר. אַזוי ווי זיי האָבן געפירט דעם מסחר שוין דריי יאָר, איינגעקויפט העכער 1000 פאַס וויין, וועלכער איז געשטאַנען אין צוואַנציג קעלערס און איז פאַרקויפט געוואָרן לאחרים אין פאַרשיידענע סכומים, האָב איך זיי אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל, וואָס איז כולל אַלע וויין־קניות, די צאָל פעסער, זייערע פּרייזן, סאָרטן, בײַ וועמען אַ גוי מ׳האָט געקויפט און אין וואָסער קעלער מ׳האָט דעם וויין אַוועקגעשטעלט אָדער אָפּגעלעגט. אַ צווייטער פּראָטאָקאָל האָט באַשריבן די מכירות — צו וואָסער אַ קונה, אין וואָסער צייט און וואָסער אַ סכום. כ׳האָב אויך אַריינגעשריבן אַלע הוצאות פון ברייגגען די וויינען אויפן אָרט און וויפיל ס׳האָט געפעלט יעדן חודש צו דער מאָס פון די פעסער — איין פאַס אויף הונדערט פאַס, ווי דער שטייגער איז בײַ אַלע וויין־סוחרים. נאָך די אַלע הוצאות האָבן נאָך געפעלט צוואַנציג פאַס וויין, און קיינער פון זיי האָט ניט געוואוסט, ווער ס׳האָט זיי גענומען אָדער אויסגעגאָסן. נאָכן מנכה זיין די אַלע גרויסע היזקות און הוצאות איז די שותּפים געבליבן ריינער ריוח 2100 רוקאַטן, וועלכע זיינען צעטיילט געוואָרן צווישן די דריי שותּפים, יעדערן זיבן הונדערט רוקאַטן. זיי האָבן מיר באַצאָלט שכר טרחה פאַרן אָנשרייבן אַלע חשבונות אין אַ קלאָרן סדר צוויי פאַס כשרן מאַשלאַש־וויין.

בײַ די דאָזיגע שותּפים האָב איך געקויפט פופציג פאַס מאַשלאַש־וויין און בײַם גויאישן סוחר דעם גרעק האָב איך דאַמאָלס געקויפט 45 פאַס גוטן וויין. כ׳האָב געזוכט אַלטן וויין און געפונען צווישן 80 פאַס אין די קעלערס פונם גראַף בוטלער זיסע מאַשלאַש־וויינען; דער פּרייז איז לויט דער דערקלערונג פונם פאַרוואַלטער איבער זיין טערצאָלער הויז געווען ניט ווייניגער פון 25 רוקאַטן יעדע פאַס, אַ חוץ צען פאַס אַלטן וויין, וועלכער האָט פאַרלוירן זיין זיסקייט, קאָן ער פאַרקויפן צו 16 רוקאַטן

אַ פּאַס. כ׳האָב געזאָגט דעם פאַרוואַלטער, אַז אויב דער גראַף וויל פאַרקויפן די ערגערע ווײַנען, קאָן איך בײַ אים קויפן. דער פאַרוואַלטער האָט אים גלייך אָנגעשריבן, און דער גראַף איז געקומען קיין טערצאָל, גערעדט מיט מיר און מיר האָבן זיך אויסגעגלייכט מיטן מקח — זיבן פּאַס פאַר 70 רוקאַטן. ווייל כ׳האָב אויסגעגעבן מײַן הויפּט־געלט אויף די קניות פון די פריהערדיגע ווײַנען, האָב איך געמוזט באַצאָלן דעם גראַף מיט שוה כסף, היינו: ער האָט אָנגענומען די צוויי פערד, וואָס כ׳האָב געהאַט, אין 30 רוקאַטן, און פאַר די פערציג רוקאַטן האָב איך אים באַצאָלט מיט גאַלאַנטעריי־סחורה, ווי פאַרשיידענע סאָרטן זילבערנע און גאָלדענע זייגערלאַך, שיינע טאַבאַקערקעס און טייערע בראַבאַנטער שפּיצן.

אין יענער צייט האָב איך געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט אַ גרויסן פראַנצויזישן סוחר ראַנסאַנעט, וועלכער איז געווען מפורסם אין גאַנץ אייראָפּע. דער דאָזיגער סוחר האָט זיך מתחיב געווען צושטעלן דעם קיניג פון פּוילן און פירשט פון זאַקסן אַווגוסט דעם צווייטן אַלערליי סאָרטן ווײַן פון אַלע אייראָפּייאישע מלוכות און לענדער און מיט מיר האָט ער געמאַכט אַ קאָנטראַקט, לויט וועלכן כ׳האָב מיך מתחיב געווען אים צושטעלן אַנטאַלן טאָקאַיער ווײַנען, אויסבראַך[1]) אָדער סוכייאַגאָר פון די ווײַנען, וואָס מ׳נעמט דאָרטן קיין ווין אינם עסטרייכישן הויף אַריין. כ׳האָב געקויפט פאַר ווײַנטעווענען אין טאָקאַי אויך צען אַנטאַלן גוטן ווײַן, געבראַכט זיי קיין לוואָוו און פון דאָרט האָט מען זיי געשיקט קיין דרעזדן. דערמיט האָב איך אָפּגעסילוקט דעם דאָזיגן סוחר זײַן גאַנצן חוב, וואָס ס׳איז אים געקומען פאַר יענע סחורות, וועלכע ער האָט מיר געגעבן אַלס אַן אדרויף בשעתן דערמאָנטן קאָנטראַקט.

אונזערע ווײַנען האָבן מיר ווי שטענדיג פאַרקויפט. אין יענער צייט איז קיין לוואָוו איבערגעפירט געוואָרן אויך דער טריבונאַל, וועלכער איז אַ סך הונדערטער יאָרן געווען אין לובלין. דאָס איז געווען דער העכסטער געריכט־אַנשטאַלט פון אַלע באַצירקן און קאַנטן פון פּוילן; פון יעדער באַצירק אָדער פּאָוויאַט פלעגט מען אויסקלייבן און שיקן פריצים פון די רייכסטע און געלערנסטע אין הלכות געזעצן, וועלכע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָט וואַרשע און דאָרט פלעגט דורכן סיים אויסגעקליבן ווערן פון צווישן די דאָזיגע באַצירק־דעלעגאַטן די פיינסטע און גאָטספאָרכטיגע מענשן, ערליכע און נקי־כפּים׳ניקעס, וועלכע מ׳האָט געשיקט קיין לובלין, זיי זאָלן דאָרטן זיצן אינם טריבונאַל[2]). איז דער

[1]) אַ באַוואוסטער סאָרט טאָקאַיער ווײַן.

[2]) די דאָזיגע אויספירונגען פונם מחבר זיינען גאַנץ ריכטיג. אויפן קאָנוואָקאַציאָנס־סיים (דער סיים, וואָס פלעגט צונויפגערופן ווערן פאַרן אויסוויילן אַ נייעם קיניג) אין 1764 איז

ראָזיגער גאַנצער טריבונאַל געבראַכט געוואָרן קיין לוואָוו און ס'זיינען זיך צונויפגעפאָרן אַלע שררות, יעדער פון זיין פּאָוויאַט אָדער באַצירק מיט דער הסכּמה פון אַלע פּריצים אין זיין באַצירק, ווייל לויטן פּוילישן געזעץ האָט איינער געקאָנט מעכּב זיין, און יעדע קלענערע אָדער גרעסערע זאַך איז באַשלאָסן געוואָרן מיט אַלעמענס הסכּמה, איבערהויפּט בּאַ די ענינים פון משפּט, וואָס דאָס איז דער קיום פון דער גאַנצער מדינה. זיינען אַלע דעלעגאַטן, די גרעסטע און אָנגעזועהענסטע שררות, געקומען קיין לוואָוו. און דער דעלעגאַט פון לובלינער באַצירק, זעהר אַ רייכער פּריץ, האָט זיך אָפּגעשטעלט אינם מויער פון די קאַרמעליטער גלחים, וואו מיר האָבן געוואוינט; ער האָט פאַרזוכט פון אונזערע ווײנען, האָט פאַר זיך אויסגעקליבן איין פאַס פון די ווײנען, וואָס כ'האָב געקויפט באַם גראַף קוטלער אין טערצאַל, און באַצאָלט מיר 35 אונגאַרישע רוקאַטן פאַר דער אויבערשטער העלפט פאַס מיטן לויטערן וויין; אונז איז געבליבן דער וויין פון דער אונטערשטער העלפט מיט די הייוון. נאָכן אָפּגיסן פון דער פאַס דעם אויבערשטן לויטערן וויין האָב איך זי דערגאָסן מיט גוטן וויין און פאַר־קויפט דער פּריצה קאָסאַקאָווסקע, דער קאַמינסקער סטאַראָסטע, וועלכע האָט באַצאָלט פאַר איר פערציג רוקאַטן. דער איבעריגער אַלטער וויין, וואָס כ'האָב געקויפט באַם גראַף, איז אינגאַנצן אויספאַרקויפט געוואָרן לאחרים, פלאַשנווייז, צו אַ גאָלדענעם רוקאַט פאַר אַ קוואָרט. 180 פלאַש וויין האָב איך פאַרקויפט דעם פּריץ שינאַל, דעם מיליטער־אָנפירער און קאָמענדאַנט פון לוואָוו; ער איז געווען אַ פראַנצויז, אַ גרויסער מבין אויף אַלע סאָרטן וויין און באַ אים אין די קעלערס האָט זיך שטענדיג געפונען פון אַלע סאָרטן אייראָפּייאישע ווײנען. אַז ער מיט אַ סך שררות, וואָס ער האָט איינגעלאַדן צו דער סעודה, האָבן געטרונקען פון די ראָזיגע פלעשער, האָט מען זיך ניט געקאָנט אָפּחידושן פונם ראָזיגן וויין, וועלכער האָט אויסגעצייכנט גוט געשמעקט. ער האָט מיך געשיקט רופן צו זיך אַהיים, און ווען איך בין געקומען, האָט ער מיך אַרייַנגענומען אין זיינע חדרים און זאָגט צו מיר: „גוטער ברודער סוחר, זאָג מיר נאָר, וואָס האָסט דו אַזוינס געטאָן מיט די ראָזיגע פלעשער וויין, וועלכע האָסט מיר פאַרקויפט און זיי

באַשלאָסן געוואָרן צעטיילן דעם לובלינער טריבונאַל אין צוויי סעקציעס: איין טריבונאַל פאַר גרויס־פּוילן און איינער פאַר קליין־פּוילן. די זיצונגען פונם לעצטן פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן אַמאָל אין לובלין און אַמאָל אין לעמבערג, וואָס האָט געדויערט ביז 1768. ז. St Kutrzeba, Historya Ustroju Polski (געשיכטע פון דער פּוילישער קאָנסטיטוציע) 1905, 277. דער מחבר שילדערט גענוי דעם פּראָצעס פון די וואַלן פון די דאָזיגע ריכטער. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז זיין באַמערקונג וועגן דעם, אַז די מיטגלידער פונם טריבונאַל זיינען באַשטימט געוואָרן דורכן סיים פונם צאָל קאַנדידאַטן, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אויף די סיימיקעס.

שמעקן אַזוי אויסגעצייכנט גוט". איך האָב אים געענטפערט: „גלויב מיר, פּריץ, אַז איך ווייס נאָרניט ווי אַזוי צו פאַרבעסערן וויינען, ווי איך קויף דעם ווייַן, אַזוי פאַרקויף איך אים; אויך דעם ראָזינגן ווייַן, ווי כ'האָב אים געקויפט אין די פעסער, אַזוי האָב איך צעגאָסן אין די פלעשער און אַזוי פאַרקויף איך אים אָהן אַ שום אַנדער פעולה". אויף אַזאַ אופן האָב איך מיך אויסגעדרייט פון זיינע שאלות און בין אַרויס בשלום פון זיין שטוב. דעם פּריץ האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס כ'האָב אים ניט מגלה געווען דעם סוד.

די מעשה איז געווען אַזוי. דער גוי אָרנאַלט, דער בוכהאַלטער פונם פראַנצויזישן סוחר ראַנסאָנעט פון דרעזדן, בשעת ער איז געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין לוואָוו און געבראַכט אַלערליי סאָרטן ווייַן, האָט ער מיר געוויזן שפּאַניער ווייַן אין קליינע פלעשלאַך צו אַ האַלבע קוואָרט, ווי פּראָוואַנס בוימל; כ'האָב פאַרזוכט דעם ראָזינגן ווייַן פונם פלעשל און — ער שמעקט אויסגעצייכנט גוט. כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ ריח וועט זיין גוט פאַר די פלעשער אונגאַרישן ווייַן און האָב אַלע מאָל געקויפט פון די ראָזינגע פלעשער שפּאַניער־ווייַן און אַריינגעגאָסן אַ האַלב קעלישיק אין יערער פלאַש אָדער קוואָרט אונגאַרישן ווייַן. דער פּרייז פונם ראָזינגן שפּאַנישער ווייַן איז געווען — פיר קליינע פלעשער צו אַ האַלבער קוואָרט פאַר איין גאָלדענעם דוקאַט.

אין יענעם יאָר תקכ"ר האָב איך אַ שידוך געטאָן מיט מיין זון יוסף און גענומען פאַר אים זיין זיווג אַ מיידל פון עלף יאָר מיטן נאָמען חנה פון טיסמעניץ, ווי כ'האָב שוין אויבן דערציילט. איר זיידע ר' יצחק ז"ל, דער רב און דין אין מאָנאַסטרישטש און דערנאָך אין טיסמעניץ, האָט זי געבראַכט צו מיר אין שטוב אַריין ר"ח ניסן פונם דערמאָנטן יאָר און מ'האָט געמאַכט די חתונה מיט גרויס שמחה און שיינקייט; דער באַוואוסטער גאון, דער רב ר' חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט זצ"ל, האָט געשיקט דעם חתן כּאַר אַ מתּנה אַ דרשה, געשריבן און געחתמעט מיט זיין הייליגן כּתב יד, וועלכע איז אָנגעקומען צו אונז פאַר דער חופּה. מיין מחותּן, דער רב ר' יצחק ז"ל, מיין כּלהס זיידע, האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם אַלעם, זעהענדיג מיין התנהגות; ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין פון פיינע מענטשן און האָט געראַנקט און געלויבט גאָט, וואָס זיין אייניקל דאָס מיידעלע איז אַריינגעגעבן געוואָרן צו ערליכע מענטשן.

אין יענער צייט האָט פרידריך־ווילהעלם,[1] דער קיניג פון פּרייסן, פאַר־נומען די מדינות פון שלעזיע, וואוהין די סוחרים פון פּוילן ברייגגען די בעסטע זילבערנע מטבעות, וואָס האָבן זיך באַ זיי געפונען פון די

[1] ריכטיג: פרידריך דער צווייטער.

פריהערדיגע מלכים, און אויך די גילדנס, וואָס זיינען אַרויס אין דער צייט פון אַווגוסט דעם צווייטן, דעם קיניג פון פוילן און קורפירשט פון זאַקסן. די פוילישע סוחרים האָבן געמוזט שטענדיג קומען קיין שלעזיע האַנדלען פאַר מזומן געלט מיט אַ סך מינים סחורות, וואָס געפינען זיך אין ברעסלוי און פראַנקפורט. ווען דער דאָזיגער פרייסישער קיניג האָט זיך דערוואוסט, אַז פון פוילן ווערט געבראַכט אַ סך געלט, האָט ער גלייך געהייסן מאַכן פוילישע גילדנס מיט דערזעלבער פאָרם און צייכנס פונם פוילישן קיניגס נאָמען, און מ׳האָט אַזעלכע געמאַכט אין די שטעט פון זיין לאַנד פרייסן. די געלטער, וואָס מ׳האָט גענומען בײַ די פוילישע פאַר די פיל סחורות, וועלכע זיינען יערן טאָג פאַרקויפט געוואָרן, זיינען גלייך איבערגעגעבן געוואָרן צו די גאָלדשמידן, איבערגעשמעלצט געוואָרן און מ׳האָט געמאַכט פון זיי נייע גילדנס.

די גילדנס אָבער, וואָס מ׳האָט געמאַכט אויף ס׳ניי לויטן באַפעל פונם פרייסישן קיניג, האָבן געהאַט דעם ווערט ווערליג דעם זילבער, וואָס זיי האָבן געהאַט, זיבן מיט אַ האַלבן צל; איינינגע, וועלכע מ׳האָט צולעצט געמאַכט, האָבן ניט געהאַט קיין זילבער אַפילו אויף פינף צל, דאַן ווען די פוילישע גילדנס האָבן געהאַט דעם ווערט שטענדיג 19 צל. איבער דעם זיינען די רוקאַטן טייער געוואָרן, און מ׳האָט געמוזט אויסבייטן און קויפן די רוקאַטן צו 27 פוילישע גילדן, אַלע סחורות אין פוילן זיינען טייער געוואָרן, אויך ווייַן איז טייער געוואָרן און אַ פאַס אָרדינאַרנע, וואָס איז אַמאָל פאַרקויפט געוואָרן העכסטנס פאַר 15 רוקאַטן, האָט געקאָסט 18 רוקאַטן. דאָס אַלץ איז אָבער געווען אַ גאָרניט קעגן דעם היזק אויף גאָלדענע מטבעות, וועלכע מ׳האָט געמוזט קויפן צו טייערע פרייזן.

אין תקכ״ד זיינען מיר געקומען קיין אונגאַרן און געקויפט אין טערצאל אינם גראַף קאָראָלים קעלערס אַכטציג פאַס אָרדינאַרן ווייַן צו פינף רוקאַטן אַ פאַס, אַחוץ אַנדערע ווייַנען, וועלכע מיר האָבן געקויפט איינציג־ווייַז צו טייערע פרייזן, ווייל אין אונגאַרן זיינען שוין אויספאַרקויפט געוואָרן די גוטע מאַשלאַש־ווייַנען, און די, וואָס זיינען פאַרבליבן, זיינען טייער געוואָרן. מיר זיינען געקומען קיין לוואָוו און האָבן פאַרקויפט, וויפיל מיר האָבן נאָר געקאָנט, אַ סך ווייַן איז אָבער פאַרבליבן, און דער ברודער אריה ליב ע״ה האָט געמוזט זיצן אין לוואָוו, כּדי צו פאַרקויפן די איבער־געבליבענע ווייַנען.

איך בין אַרויסגעפאָרן חשון־צייט תקכ״ה צוזאַמען מיטן ברודער ר׳ זאב וואָלף ע״ה קיין אונגאַרן. מיר זיינען געקומען קיין טערצאל און ניט געטראָפן דאָרט קיין שום גוטע מאַשלאַש־ווייַנען, אויך די פשוטע ווייַנען

פון די מלוכה־קעלערס זיינען שוין אויספּאַרקויפט געוואָרן; האָב איך געמוזט קויפן אַזעלכע ווײַנען אין די קעלערס פונם פריץ פּאַטאַי און גראַף קאַראָלי בערך אַכטציג פּאָס. דעם איבעריגן ווײַן האָב איך געקויפט בײַ אַנדערע גויים און האָב געמוזט שיקן דעם ברודער זאב קיין מישקאָלץ, אפשר וועט ער דאָרטן קויפן אַביסל גוטן מאַשלאַשן־ווײַן. ער האָט געקויפט דרייסיג פּאַס, וועלכע זיינען אָבער ניט געווען בעסער פון די, וואָס מיר האָבן געקויפט דאָ אין טערצאל...

...און ער האָט געהאַלטן אַ זאַק פול מיט געלט, כ׳האָב אָנגעכאַפּט דעם זאַק און אים גענומען צו מיר אין די הענט נאָך איידער כ׳האָב געכאַפּט דעם גנב, אַרויסגעלעגט דאָס געלט פון מיינע הענט, אָנגענומען אים מיט ביידע הענט און נערופן אונזערע בני־בית, וועלכע זיינען אַלע געשלאָפן. דאָן איז אויפגעשטאַנען דער שומר דער גוי, אָנגעצונדן אַ ליכט, און אַלע זיינען אויפגעשטאַנען. דער גנב האָט אָנגעהויבן בעטן, איך זאָל אים ניט איבערגעבן אין די הענט צו די גויים, וואָס זיינען דאַמאָלס געשטאַנען בײַ אונז אין שטוב (אַ פּריץ מיט אַ סך רינערס); כ׳האָב באַשלאָסן בײַ־שטראָפן אים מיט מלקות דערפאַר, וואָס ער האָט עובר געווען אויף לא תגנוב און האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן כפל, לויט די דינים פון אונזער הייליגער תורה, און כדי מיר זאָלן ניט מביש זיין אונזערע אידן פאַר די גויים. מיין ברודער האָט אויך מסכים געווען צו אַזאַ מין פּסק, מ׳האָט אים אַנידערגעלעגט אויף דער ערד, צוויי פון די יונגען האָבן אים צוגעהאַלטן פאַר הענט און פיס, און איך האָב אים געגעבן 39 מלקות מיטן קאַנטשיק (אַ רצועה פון אַ קאַלב). ער איז באַלד אַנטלאָפן פון לוואָוו און האָט זיך מער ניט אומגעקערט צו זיך אַהיים קיין דאָלינאַ. ער היום האָט מען פון אים גאָרניט געהערט. ווען ס׳האָט זיך פאַרגרעסערט דער פּדיון און ס׳איז אַריינגעפאַלן אַ גרעסערער סכום געלט פאַרן ווײַן, וואָס מיר האָבן געקויפט, האָבן מיר באַשלאָסן פאָרן קיין אונגאַרן קויפן ווײַן.

אין אדר תקכ״ה בין איך אַרויסגעפאָרן פון באָלעכאָוו, בין געקומען נאָהענט צו פּסח קיין טערצאל און איינגעשטאַנען באַם אויבן־דערמאָנטן ר׳ ענזל כ״ץ אין שטוב. ס׳איז אָבער ניט געווען פון די טייערע ווײַנען און די פּשוטע זיינען אויך אינגאַנצן פון טערצאל אויספּאַרקויפט געוואָרן. דערווייל איז געוואָרן ערב פּסח און צו ר׳ ענזל כ״ץ איז געקומען פונם דאָרף סערענצש[1]) זיין שוואָגער דער אלוף ר׳ יחזקאל ע״ה מיט זיינע

¹) Szerencs — אינם קאָמיטאַט זעמפּלען, אין אונגאַרן.

קינדערס מלמד ר׳ אייזיק פון פּרזעוואָרסק[1]) און מיך שטאַרק אָנגעהויבן בעטן, איך זאָל פאָרן צו אים האַלטן יום־טוב, כּדי צו מלה זיין באַ אים אַ זון רעם צווייטן טאָג פּסח אויפן אַכטן טאָג פון זיין געבורט.

ר׳ ענזלען מיטן ווייב האָט שטאַרק געאַרט, וואָס איך וועל ניט זיין באַ זיי אויף יום־טוב און נאָר בעל־כּרחם האָבן זיי מסכּים געווען, איך זאָל פאָרן מלה זיין איר שוועסטערס קינד, ווייל ר׳ יחזקאלס ווייב איז ר׳ ענזלס ווייבס שרהלעס אַ שוועסטער, און ר׳ יחזקאל האָט קיין אַנדער בּרירה ניט געהאַט: ער איז שוין געווען אין דער שטאָט מאַרע[2]), קיינער פון די דאָרטיגע מוהלים האָט אָבער ניט געוואָלט פאַרלאָזן די בני־בית איינער אַליין אויף די סדרים; האָט ער דאַריבער געמוזט קומען קיין טערצאַל, בעטן מיך און שטאַרק בעטן רעם שוואָגער ר׳ ענזל מיטן ווייב. מיר זיינען מיט אים געפאָרן אין מיין פור און פיר פערד מיטן גוי און אויך להבדיל מיין משרת יוסף ע״ה זיינען מיטגעפאָרן. ער האָט אונז געשפּייזט און אויסגעהאַלטן אונז מיט די פערד גאַנצע פיר טעג; ווען מיר זיינען געקומען אַהינצו, האָט ער געזאָגט מיין משרת יוסף, ער זאָל גיין אין קעלער און זאָל אויסקלייבן אַ פאַס גוטן ווין פאַר מיינעטוועגן צו טרינקען. מיר זיינען דאָרט פאַרבליבן אויף די ערשטע צוויי טעג פּסח און שבת רעם ערשטן טאָג חול־המועד; רעם צווייטן טאָג חו״ה זיינען זיך צונויפגעפאָרן אַלע שכנים פון די נאָהענטע שטעטלאַך און דערפער, העכער פינף מנינים חשובע אָנגעזעהענע אידן, און ער האָט געמאַכט די סעודת בּרית מילה אויפן דריטן טאָג נאָכן מלה זיין. איך האָב אויך געמוזט זיצן מיט זיי אַ גאַנצן טאָג באַ דער סעודת מצוה.

דער ראָזינגער ר׳ יחזקאל, וועלכער האָט דאַמאָלס געהאַלטן אָט דאָס דאָרף סערענצש, איז געווען ר׳ יצחק אייזיקס רעם קאַלאָווער רבס פאָטער. בשעת כ׳האָב געהאַלטן יום־טוב באַ זיין פאָטער אין שטוב, איז זיין זון ר׳ אייזיק געווען אַ קליין אינגל, יונג און שיין, געקענט זינגען מיט אַ שיינער שטים. ווען ער איז אויסגעוואַקסן, איז ער באַוואוסט געווען צווישן די חסידים, ווי אין פּסוק שטייט: שירו לד׳ שיר חרש תהלתו בקהל חסידים[3]). ער האָט חתונה געהאַט צום ערשטן מאָל מיט זיין שוועסטערקינד ר׳ ענזל כּ״ץ טאָכטער, דער מוטערס שוועסטערס אַ טאָכטער. ער האָט געהאַט אַ שם מיט זיין חסידות, איז געווען אַ מתמיד און געלערנט פּוסקים און איז אויפגענומען געוואָרן פאַר רב. ער היום איז ער נאָך רב אינם אויבן־דערמאָנטן קאַלאָוו.

---

[1]) Przeworsk – אין גאַליציע.

[2]) Mad – אינם קאָמיטעט זעמפּלען.

[3]) זינגט צו גאָט אַ נייעם שיר, זיין לויב איז צווישן חסידים. תהלים, קמ״ט, א.

נאָך יום־טובֿ אין סוף חודש ניסן האָט מען מיר נעגעבֿן צו װיסן, אַז אין דאָרף מאָניק[1]) איז בײַם דאָרטיגן פּריץ פֿאַראַן צו פֿאַרקויפֿן אַכטציג פֿאַס טײערן װײַן. דערװײַל איז געװאָרן פֿריהלינג און ס׳האָט באַדאַרפֿט זײַן ר׳ ענזל כ״ץ׳ס זונס חתונה; דער בחור יעקבֿ האָט גענומען די בתולה, די יתומה דעם קצין ר׳ יהודא ליבֿ קאַלאָװערס טאָכטער, און די חתונה האָט באַדאַרפֿט פֿאָרקומען בײַ איר פֿעטער דעם בײַװאוסטן קצין ר׳ אײַזיק קאַלאָװער ע״ה אין שטובֿ. דער דאָזיגער ר׳ אײַזיק האָט געהאַלטן די אַרענדע פֿונם אויבֿן־דערמאָנטן דאָרף מאניק, װאו ס׳האָבֿן זיך געפֿונען אָט די אַכטציג פֿאַס װײַן. כ׳האָבֿ געמוזט פֿאָרן מיט זײ אין מײַן פֿערד־און־װאָגן אויף דער חתונה. קומענדיג אַהינצו, האָבֿ איך תּיכּף פֿאַרזוכט דעם װײַן און געקויפֿט פֿון אים זעכציג פֿאַס. כ׳האָבֿ אויך געקויפֿט נאָך פֿערציג פֿאַס טײערן װײַן בײַם סערענצשער פּריץ אַלמאַשי. דעם איבֿעריגן װײַן האָבֿ איך געקויפֿט אין טערצאל און געבֿראַכט אַלע 120 פֿאַס װײַן קײן לװאָװ.

אינם דאָזיגן יאָר האָט זיך אין לװאָװ אָנגעהויבֿן דער צװײטער טריבֿונאַל, ס׳זײַנען שוין אָבֿער ניט געקומען די רײַכע שררות, װי בײַם ערשטן טריבֿונאַל, װען זײ און די ריכטערס האָבֿן זיך אָנגעטאָן אין קלײדער פֿון נעאַפּאָליטאַנישן זײד; בײַם צװײטן טריבֿונאַל האָבֿן זיך אַלע אָנגעטאָן אין פּשוטן גראדעטור[2]), דאַריבֿער האָט מען אויך געפֿאָדערט פּשוטן װײַן אויף טרינקען. בײַם דריטן טריבֿונאַל זײַנען זײ געװען געקלײדט אין פּשוטער מאַטעריע פֿון װאָל און פֿלאַקס, זעהר אָרים. אין אַ קלײנער צײַט האָבֿן די געריכטן אויפֿגעהערט, מחמת דעם אויפֿשטאַנד פֿונם פּוילישן פֿאָלק קעגן דעם קיניג פּאָניאַטאָװסקי, װי ס׳װעט װײַטער אַבּיסל אויף זײַן אָרט דערמאָנט װערן.

אינם דאָזיגן יאָר תּקכ״ה זײַנען די באָלעכאָװער גיטער פֿאַרקויפֿט געװאָרן דעם פּריץ יאָאַכים פּאָטאָצקי, דעם ליטװישן פּאַרצשאשע[3]), פֿאַר 1200 טויזנט פּוילישע גילדן. פֿאַרקויפֿט האָט זײ דער פֿירשט פּאָנסקי[4]) אונזער פֿריצעס פֿירשט לובאָמירסקים אײדעם, װעלכער איז געשטאָרבֿן אין דעם־זעלבֿן יאָר, װאָס ס׳איז אומגעקומען אין רײשא דער קדוש ר׳ משה ע״ה, װי ס׳איז אויבֿן באַשריבֿן; נאָך אים האָט די באָלעכאָװער גיטער געירשנט זײַן עלטסטער זון, דער באָהוסלאַװער סטאַראָסטע, און ס׳האָט ניט גערוי־ערט קײן יאָר איז ער אויך געשטאָרבֿן. איז דעם אַלטן פֿירשטס װײַבֿ, אַ רײטשקע, געװאָרן די אַפּוטרופּסת איבֿער די דאָזיגע גיטער, און אַז אירע זין די פֿירשטן זײַנען אויסגעװאַקסן, האָט מען צװישן זײ צעטײלט די גיטער,

1) ריכטיג מאָנאָק, אינם קאָמיטאַט זעמפּלען.

2) זײד פֿון טור (אַ שטאָט אין פֿראַנקרײך), Gros du Tour.

3) שר המשקים.

4) ריכטיג פּאָנינסקי.

און באָלעכאָוו איז אַריינגעפאַלן צו איר זון דעם פירשט אַראָלף. דער ראָזינער אַראָלף איז אין וואַרשע זיך צונויפגעגאַנגען מיט די פּריצים, וואָס שפּילן אין קאָרטן, און פאַרשפּילט אַ גרויסן סכום — ש׳ אַלפים פּוילישע גילדן — און האָט אונטערגעשריבן דעם, וואָס האָט בײַ אים געוואונען, אַן היפּאָטעק אויף באָלעכאָווער גיטער. דאַן האָט זיין שוואָגער פירשט פּאָנינסקי באַצאָלט דעם חוב, די ש׳ אַלפים, און אָפּגעקויפט בײַ אים בקנין גמור באָלעכאָווער גיטער. ער האָט געשיקט קיין באָלעכאָוו פאַר קאָמיסאַר איינעם הארזיעוויץ, וועלכער האָט צונויפגעשטעלט אַ רייסטער פון אַלע הכנסות פון דער שטאָט און פון די דערפער מיט די זאַלץ־גרובן, וואָס האָבן ביז יענער צייט ניט אַרייַנגעטראָגן מער פון 50 טויזנט גילדן, און דער ראָזינער קאָמיסאַר האָט צונויפגעשטעלט אַ רייסטער אויף 74 טויזנט פּוילישע גילדן אַ יאָר הכנסה פון באָלעכאָווער גיטער. ער האָט געבראַכט אַזאַ מין רייסטער קיין לוואָוו און איבערגעגעבן זיין פּריץ דעם פירשט פּאָנינסקי; דער ראָזינער פּאָנינסקי איז געווען זעהר אַ פאַלשער מענש, ער האָט אָפּגעזוכט אין לוואָוו דעם גראַף יאָאַכים פּאָטאָצקי און פאַרקויפט אים באָלעכאָווער גיטער פאַר צוויי מאָל אַזויפיל געלט, ווי זיי זיינען פריהער פאַרקויפט געוואָרן דעם שר פּאָניאַטאָווסקי און דעם פירשט לובאָמירסקי, יעדער מאָל פאַר 600 טויזנט פּוילישע גילדן, איצט האָט ער זיי פאַרקויפט פאַר 1200 טויזנט.

אַז דער שררה פּאָטאָצקי האָט דערזעהן, ווי טייער ער האָט באַצאָלט פאַר די גיטער, האָט ער געשיקט זיין קאָמיסאַר באָבראָווסקי קיין באָלעכאָוו, ער זאָל זעהן מאַכן דאָרט אַ חקירה ודרישה, ווי אַזוי מ׳קאָן פאַרגרעסערן די הכנסה פאַרן פּריץ וועגן. מיין ברודער ר׳ אריה ליב איז דאַמאָלס געזעסן מיט מיר אין לוואָוו און זיך פאַרנומען מיט פאַרקויפן דעם וויין; איך בין אויך מיט אים געווען אין לוואָוו, און ווען דער ראָזינער קאָמיסאַר איז געקומען אַהערצו, האָט ער געוואָלט ריידן מיט עמיצן פון די אידן, אַ קלוגן מענשן, וואָס זאָל אַלץ פאַרשטיין. נאָט האָט געוואָלט שטראָפן איינינע פון אונזער קהלה דורכן ראָזינן קאָמיסאַר. איינער אַ איד מיטן נאָמען חיים ר׳ יהושעס ע״ה, אַן אָרימאַן אַ בעל־קנאה און אַ שונא זיינע אייגענע ברידער, אַז ער האָט זיך באַקאַנט מיטן קאָמיסאַר און געזעהן, אַז ער וויל נאָר גזלנען, האָט ער פאַר אים אָנגערעדט און געזאָגט, אַז באָלעכאָווער איינוואוינער זיינען אַלע גבירים אַדירים און פאַראַן צווישן זיי העכער צוויי הונדערט פאַמיליעס קאַמאָרניקעס, וואָס וואוינען בײַ יענעם אין שכנות, וועלכע זיינען אָבער אַלע גרויסע גבירים, און דער קלענסטער פון זיי פאַרמאָגט צוואַנציג טויזנט פּוילישע גילדן. דער קאָמיסאַר האָט אים געגלויבט און ס׳איז אים אַרויפגעקומען אַזאַ מחשבה: אַזוי ווי זיין

פּריץ האָט טאַקע לויט אָט דעם ראָזינגן קאָמיסאַרס עצה געקויפט שטאַרק טייער אַ סך דערפער, ווי די קורראַנער גיטער נעבן דער שטאָט בּרוזאָן, האָט ער מוריע געווען דעם פּריץ וועגן די ראָזינגע קאַמאַרניקעס, און זיי האָבן באַשלאָסן אַלע אַריבּערפירן און זיי בּאַזעצן אין דאָרף ווּיסאָקע[1]), אויס־בּויען זיי הייזער, און ווען די שטאָט וועט פול ווערן מיט איינוואוינער, וועט זיי געגעבן ווערן אַ גרויסע פּריווילעגיע, ווי דער שטייגער איז פאַר אַ שטאָט. ווען אונזערע איינוואוינער האָבן וועגן דעם זיך דערוואוסט, האָט קיינער ניט געוואָלט זיך אַרויסציהען פון זיין געבּורט־שטאָט, וואו ער איז אויס־געוואַקסן געוואָרן.

לכתּחילה האָט ער זיי איינגערעדט מיט ווייכע רייד און מיט גרויסע הבטחות, ווען ער האָט אָבער אַרויסגעזעהן, אַז מ׳פאָלגט אים ניט, האָט ער אָנגעהויבן כאַפּן און צווינגען, איינינע פון זיי זאָלן אַרויסנעמען פון דער איינענער קעשענע עטליכע הונדערט פּוילישע גילדן און אויסגעבּן אויף בּויען הייזער אין דער ראָזינער נייער שטאָט. אייניגע פון אונזערע אידן זיינען אויס־געשטאַנען אַ סך צרות, און קיינער פון אונזער גאַנצער קהלה האָט זיי ניט געהאָלפן, קיינער פון זיי האָט ניט געקענט און ניט פאַרשטאַנען, ווי צו ריידן אויף פּויליש און אויפקלערן גוט, ס׳זאָל קלאָר ווערן די מסירה און שקרים, וואָס די רשעים די חניפהניקעס האָבן אָנגערעדט די פּריצים, מ׳זאָל נולנען דאָס פאַרמעגן פון אחינו בּני ישראל.

דאַן איז צום קאָמיסאַר בּאָבּראָווסקי געקומען אויך דער אַלוף ר׳ אַברהם ר׳ מיכלס פון נאַוואַריע, אונזערער אַ תושב, וועלכער האָט שוין נאָך אַמאָל פון דאָסניי זיך אויפגעבּויעט בּאַ אונז אין דער קהלה, און זאָגט צום ראָזינגן קאָמיסאַר : „איך וועל לויט מיין אייגענעם ווילן זיך בּאַזעצן דאָרט אין דער נייער שטאָט פּאָדוויסאָקע, נאָר בתנאי, אַז זאָלסט הייסן, פּריץ, מיר אויסבּויען דאָרט אַ נייע דירה אַזאַ ווי מיין היגע“. דער קאָמיסאַר האָט איינגעשטימט און אים צוגעזאָגט אויף זיין וואָרט, אַז ער וועט אויס־בּויען אַ שיינע דירה, אָדער אפשר וועט אים געפעלן ווערן איינע פון די אויסגעבּויעטע דירות, וועט ער זיין דער ערשטער און מ׳וועט אים געבּן די דירה. ר׳ אַברהם האָט אַזוי געטאָן און איבּערגעלאָזט זיין בּאַלעבאָוועו דירה דעם פּריצעס פאַרוואַלטונג. ער איז איבּערגעפאָרן אין דער ראָזינער נייער שטאָט, האָט דאָרטן גענומען אַ דירה און געזעסן דאָרט אַ סך יאָרן מיטן וויבּ און זייער בּן יחיד ר׳ מיכל.

ווען דער קאָמיסאַר האָט דערזעהן ר׳ אַברהם׳ס חשק, האָט ער אָנגעהויבּן איינריידן אונזערע תושבים, זיי זאָלן מרוצה ווערן זיך איבּערקלייבּן און זיך בּאַזעצן דאָרט אין דער נייער שטאָט מיט ר׳ אַברהם׳ן. ווער ס׳האָט ניט

[1]) ריכטיג פּאָדוויסאָקי.

געפּאָלגט, האָט ער געהייסן כאַפּן, פּייניגן, אָנטון שווערע עקזעקוציעס און צווינגען, ביז אַ סך פון זיי האָבן געמוזט געבן פון דער אייגענער קעשענע אַ סך הונדערטער גילדן אויף צו בויען הייזער אין דער ראָזיגער שטאָט. פונדעסטוועגן האָט דער קאָמיסאַר זיך נאָך ניט באַגענוגנט און האָט זיך אַריינגעצויגן אין שטאָט אַריין צו מיר אין שטוב. ער האָט אויך בטל געמאַכט די שול, וואָס כ׳האָב געמאַכט פאַרן טאַטן ר׳ יהודא ע״ה, וועלכער איז שוין אַלט געווען נײַנציג יאָר און איז אויף דער עלטער קראַנק געוואָרן אויף די פיס און ניט געקאָנט גיין יעדן טאָג דאַוונען אין שול אַריין, האָב איך די ערשטע דריי צימער פון מײַן אויבערשטן שטאָק מנדר געווען פאַרן מנין, וואָס זאָל דאַוונען מיט מײַן אַלטן טאַטן; כ׳האָב אויך זיך משתדל געווען באַם לוואָווער בישאָף סיראַקאָווסקי. בשעת ער האָט געגעבן פאַר דער קהלה דעם כתב אויף דער שול, האָט ער אויך געגעבן אויפן פּאָטערס נאָמען אַן ערלויבעניש צו דאַוונען במנין בפרהסיא באַ זיך אין שטוב אין אַ באַזונדער חדר. דער קאָמיסאַר באָבראָווסקי האָט ניט געקוקט דאַרויף און געשטערט דעם מנין דאָרט דאַוונען און געמאַכט פון די צימער אַ תפיסה פאַר די, וואָס ווילן ניט פאָלגן און גלויבן זײַנע פאַלשע רייד: יעדערער קאָן זיך משער זײַן, וואָסערע גרויסע צרות און דאגות, וואָסער צער און טרויער אונזערע איינוואוינער האָבן געליטן, ווען מ׳האָט זיי געצוואונגען פאַרלאָזן זייער געבורט־שטאָט, וואָס איז קעגן דער נאַטור, ווי אין פסוק שטייט: חן מקום על יושביו[1]). און אין משך פון אַ גאַנץ האַלב יאָר האָבן זיי אַזוי געליטן, ביז דער ברודער ר׳ אריה ליב ע״ה איז געקומען צו זיך אַהיים אויף פסח און זיך דערוואוסט פון די אכזריותדיגע עוולות און רשעות, וואָס דער קאָמיסאַר טוט אונזערע אידן. אַזוי ווי ער האָט קיינעם פון אונזער משפחה קיין שלעכטס ניט געטאָן, אַדרבה ער האָט זיך שטענדיג אַרויסגעוויזן קעגן אונז ווי אַן אמתער גוטער פריינט, האָט מײַן ברודער ע״ה אים געזאָגט: „דערמאָן זיך נאָר, פריץ קאָמיסאַר, וואָס דו טוסט דעם פאָלק, וועט דען דעם שררה געפעלן, וואָס דו רירסט אָן דאָס פאַרמעגן און פרנסה פון די איינוואוינער אין זײַנע שטעט, וועלכע זײַנען אָרים, נאַקעט און אין גרויסער נויט; ס׳וועט דאָך צוליב דעם אויך קלענער ווערן די הכנסה פון די איינוואוינער, און מיר הערן דאָך שטענדיג, אַז מ׳שטרעבט צו פאַרגרעסערן די הכנסה פון די וועלדער, טייכן און וואַסערן, פון פעלדער און געוויקסן, אָבער ניט פון אונטערטעניגע מענשן, וואָס געפינען זיך אין נויט“. נאָך אַזוינע פאַרשטענדליכע רייד מיט חכמה און מוסר השכל האָט ער געזאָגט פונם טיפן האַרצן, ווילנדיג אַ טובה טון אונזערע אידן. דעם ברודערס רייד

[1]) דאָס אָרט באַשיינט די איינוואוינער.

זיינען אַריין דעם קאָמיסאַר אין קאָפּ אַריין, ער האָט אַראָפּגענומען די בייטש, אַלע זיינען אַרויס פון תּפיסה און מ׳האָט שוין מער קיינעם ניט געצוואונגען קענען זיין ווילן; קיינער האָט שוין אַהינצו זיך ניט אַריבער־געצויגן אַחוצן אויבן־דערמאָנטן אַלוף ר׳ אַברהם ר׳ מיכלס, וועלכער האָט ראָרטן געוואוינט אין אַ נייער דירה אין גרויס אָרימקייט אין משך פון אַ סך יאָרן.

זיין שטוב, וואָס ר׳ אַברהם האָט דאָ אין באָלעכאָוו איבערגעלאָזט דעם פריץ אויפן אָרט פון דער דירה, וואָס מ׳האָט אים געגעבן אין דער נייער שטאָט, איז תּיכּף פאַרקויפט געוואָרן ר׳ ליב נעניוווער[1]; דער דאָזיגער ר׳ ליב נעניוווער האָט זיך דאָ באַזעצט און געהאַלטן אַ חלק פון דער אַרענדע צוזאַמען מיט באָלעכאָווער שותּפים, וועלכע זיינען געווען געצוואונגען האַלטן די שטאָטישע אַרענדע פאַר אַ טייערן פּרייז. ר׳ ליב פונם דאָרף נעניוו איז אַריבער אין שטאָט, כּדי צו זוכן שוץ באַ אונזער שררה קענגן זיינע פּריצים; דאַריבער האָט ער געטאָן אַלץ, וואָס אונזער פּריץ האָט געוואָלט, און האָט געקויפט ר׳ אברהם׳ס דירה פאַר אַכטציג דוקאַטן. איידער ס׳האָט זיך נאָך געענדיגט דאָס יאָר פון ר׳ ליבס אַרענדע אין שטאָט, האָט ער זיך איבערגעבעטן מיט זיין פריהערדיגן שררה; ער איז דאַן אַרויס פון שטאָט ווי אַנטלאָפן, איבערגעלאָזט די שטוב, וואָס ער האָט געקויפט, און אויך אַ היפּשן סכום געלט מזומן, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן די שותּפים פון דער שטאָט־אַרענדע. נאָך דעם, ווי ער איז אַוועק פון באָלעכאָוו, האָבן די שותּפים פון דער אַרענדע געמוזט באַצאָלן דעם סכום אַכטציג דוקאַטן פאַר דער דירה, ווי כ׳האָב מיט מיינע אויגן געזעהן די קוויטונג, אַז מ׳האָט באַצאָלט פאַר דער דאָזיגער דירה מיט דער חתימה פונם שררהס שאַצ־מייסטער זאַרעמבאַ.

איצט רעכן איך, איז אפשר אַ מצוה דערציילן אַביסל פונם אויבן־דער־מאָנטן ר׳ אַברהם ר׳ מיכלס מעשים אַ סך יאָרן פאַר דער באַשריבענער געשיכטע. נאָך דער באָלעכאָווער שרפה אין תּקי״ט איז ר׳ אברהם געפאָרן קיין סטאַניסלאַוו, גערעדט מיט דער גרעפין קאָסאַקאָווסקי, דער פּריצה פון לישוויצער[2] זאַלץ־גרובן, און איר צוגעזאָגט אַ היפּשע הוספה; זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי איז כּלומרשט מסכּים. דורכפאָרנדיג דורך קאַלוש, האָט ער גערעדט מיט ר׳ צבי הירשן ע״ה, דעם באַוואוסטן קצין ר׳ יוסף׳ס איידעם, וועלכער איז נאָכדעם אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין באָלעכאָוו און אויף דער עלטער האָט ער פאַרנומען דעם כּסא הרבנות פון לוואָוו און אומגעגנט. באַרימט זיך פאַר אים דער דאָזיגער

1) Nyniow — אַ דאָרף אין גאַליציע.

2) אַ דאָרף אין גאַליציע, וואָס איז ביזן יאָר 1826 געווען באַקאַנט מיט זיינע זאַלצגרובן.

ר׳ אַברהם, ווי אַזוי ער האָט געפּועלט בּאַ דער גרעפין פון לישוויצער זאַלץ־גרובּן, זי זאָל דעם זאַלץ־גרוב פאַרדינגען, ווייל ער האָט אָפּגערערט מיט איר און געגעבּן אַ גוטע הוספה. ווען דער רב האָט דאָס אַלץ דערהערט פון ר׳ אברהם׳ס מויל, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז יענער איז נישט קיין בעל דרך ארץ און קיין לייטישער מענש, ווי ס׳פּאַסט פאַר אידן, און דער רב אַליין איז געפאָרן מיט זיינע פריינט קיין סטאַניסלאַוו, געשמועסט מיט דער גרעפין און אָפּגערונגען דעם לישוויצער זאַלץ־גרוב אָהן ר׳ אַברהם׳ס ידיעה.

דאַמאָלס איז געקומען דער סוף פונם קצין ר׳ נחמן, וועלכער האָט געהאַלטן דעם לישוויצער זאַלץ־גרוב, וואָס ער האָט אויסגערונגען דורך פאַלשקייט. ער האָט אָפּגעמאַכט תקיעת־כף מיט די סטריער איינוואוינער, דעם אלוף ר׳ יוסף און זיין ברודער ר׳ פישל ע״ה, וועלכע האָבן פריהער געהאַלטן דעם דאָזיגן זאַלץ־גרוב, און ר׳ נחמן איז קעגן זיי אַרויסגעטראָטן, האָבן זיי מיט אים געמאַכט יד־אחת, ר׳ נחמן האָט אָבער עובר געווען אויפן אָפּמאַך און תקיעת־כף און האָט זיי אָפּגענאַרט: ער האָט אָנגערערט די גויים, זיי זאָלן צונגבענען זייערע פערד, און ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפריה, אַוועקגעריטן אויף זיין פערד צו דער פריצה און אויס־גערונגען דעם זאַלץ־גרוב פאַר זייער קומען. הגם ער איז דאָרט נתעשר און מפורסם געוואָרן, אָבער פאַר אונזער קהלה איז זיין עשירות געווען נאָר אַ צרה; ערשטנס, ווייל בשעת ס׳פלעגן זיך צונויפזאַמלען די ראשי מדינות און באַשטימען שאַצערס אויף אָפּשאַצן דעם מלוכהשן קאָפּ־שטייער, וואָס די אידישע קהלות דאַרפן צאָלן, האָט מען באָלעכאָוו געשאַצט פאַר גרויסע עשירים און מ׳האָט געזאָגט: „איר האָט אַ ר׳ נחמנען, וועלכער קאָן אַליין באַצאָלן דעם גאַנצן סכום, וואָס מ׳האָט אויף אייך אַרויפגעלעגט״. אַחוץ דעם איז די שרפה און גזלה פון אונזער קהלה אין יאָר תקי״ט געווים פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס ר׳ נחמן האָט געשמט מיט זיין עשירות. אַ יאָר פאַר דער שרפה זיינען עטליכע גויים געפאָרן מיט די פורן, איינגע־שפּאַנט אין אָקסן, דורך די גרויסע וועלדער נעבן דער שטאָט סאלאטווינע פון לישוויץ צום ראסאָלנער זאַלץ־גרוב, איז זיי אָנגעקומען אַקעגן גויים גזלנים מיט געווער, מיט ביקסן און העק און זיך מיט זיי פונאַנדערגערערט. זאָגן די גויים צו די גזלנים: „אויב איר ווילט, קומט צו אונז, ווייל באַ אונז איז פאַראַן אַ איד, וואָס האַלט דעם זאַלץ־גרוב, קאָן ער אָנפילן אַלע אייערע זעק מיט גאָלדענע מטבעות דוקאַטן, נאָר ער האַלט זיין געלט אין באָלעכאָוו אינם געמויערטן געוועלב, וואָס ער האָט דאָרט״. אין אַ יאָר אַרום האָבן זיי געוואָלט אָנפאַלן אויף דאָלינאַ, איז אָבער דאָרט געווען אַ גרויסע וואַך, דרייסיג מענשן באַוואָפנט מיט ביקסן, און אַלע איבעריגע

איינזאווינער זיינען די גאַנצע נאַכט געשטאַנען אויף דער וואַך. די גזלנים האָבן דאַריבער מורא געהאַט אָנצופאַלן אויף דאָלינאַ, זיינען נעגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט און געקומען קיין באָלעכאָוו גאַנץ פריה, ווי כ׳האָב אויבן דערציילט אויף דף...¹), וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין באָלעכאָוו, און אַלץ צוליבן קצין ר׳ נחמנס עשירות.

אינם יאָר תקכ״ה האָב איך אין לוואָוו באַשטעלט באַ די גאָלדשמידן, וואָס קענען גוט די קונסט־אַרבעט, כלי־קודש פון ריין זילבער פאַר ר׳ ענזל כ״צ׳ס ספר־תורה אין טערצאָל. ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער בלעך פון גוטן זילבער, פערצעגער פּראָבע, שיין אויסגעמאָלט און זעהר גוט פאַרגאָלדעט, איינגעפאַסט מיט טייערע שטיינער; דער פרייז פונם ראָזינן בלעך האָט אָנגעטראָפן אַכציג אונגאַרישע רוקאַטן. אויך צוויי זילבערנע עץ־חיים׳ס, שיין אויסגעמאָלט און באַדעקט מיט גאָלד, וואָס האָבן אָנגעטראָפן פופציג רוקאַטן, אויך איז געמאַכט געוואָרן אַ זילבערנער יד, זעהר אַ שיינער, וואָס האָט געקאָסט צוועלף רוקאַטן. אַ סך פון די מבינים אויף אַזעלכע אַרבעטן האָבן באַשטעטיגט, אַז מ׳האָט נאָך ניט געזעהן אין פוילן אַזעלכע כלי־קודש. דער באַוואוסטער נגיד און ראש מדינה, דער אַלטער ר׳ ליבוש מאַליש²) ע״ה, מיט אַנדערע לייט האָט דערזעהן די ראָזינע כלי־קודש און געזאָגט, אַז אַפילו בימי שלמה המלך עה״ש זיינען אַזעלכע זילבער־כלים געווען ראוי פאַרן בית־המקדש; דער ראָזינער ר׳ ליבוש מאַליש האָט זיך דאַמאָלס גערעכנט אין לוואָוו פאַר אַ גרויסן מבין אויף אַלע מלאכות.

אין חשון תקכ״ו בין איך געקומען קיין טערצאָל צו ר׳ ענזל כ״ץ און אים איבערגעגעבן אַלע כלי־קודש; ער האָט שטאַרק געהאַט הנאה פון זיי, און מיר באַצאָלט דאָס גאַנצע געלט, וואָס כ׳האָב אויף זיי אויסגעגעבן. ער האָט זעהר געוואָלט מיר געבן במתנה עפּעס אַ פאַס ווין פאַר מיין טרחה, האָב איך אָבער דערקלערט, אַז איך וויל ניט קיין שום מתנות פאַר מיין טרחה לכבוד אונזער הייליגער תורה.

דאַמאָלס האָב איך געקויפט הונדערט פאַס ווין פון דער קיניגין מאַריע טערעזאַס קעלערס; כ׳האָב אויך געקויפט ווין באַם גריכישן סוחר אין טערצאָל, וועמענס דירה איז געווען געמויערט אויף זיין געוועלב אין דער שטאָט־גאַס, אַחוץ אַנדערע גוטע ווינען, וועלכע כ׳האָב אַלע געקויפט אין טערצאָל. מ׳האָט אָבער די ווינען ניט געקאָנט ברייננען פאַר קאָנטראַקטן קיין לוואָוו, ווייל כ׳האָב געמוזט דינגען די בעלי־עגלות, די שוואָבן³) פונם

¹) ז. אויבן זייט 74.

²) מסתמא דערזעלבער ר׳ ליבוש, וואָס ווערט דערמאָנט אין בובערס „אנשי שם“, ז. 131.

³) דייטשע קאָלאָניסטן אין אונגאַרן.

דאָרף רעקאמאו, וואָס געפינט זיך פון יענער זייט טייס אַקעגן דער שטאָט טאָקאַי, און זיי האָבֿן גענומען די וויינען פון טאָקאַי, געבּראַכט צום דאָרף נאָמן אויפן בּרעג טייס, און מ׳האָט ניט געקאָנט זיי אַריבֿערפירן איבֿערן טייך, מחמת ער איז געוואָרן פול מיט אייז און שניי, אַזוי אַז די שיף פון יענער זייט טייך איז צוגעפרוירן געוואָרן. די בּעלי־עגלות די שוואַבֿן האָבֿן געמוזט אַראָפּנעמען די וויינען פון די פורן און אָפּלייגן אינמיטן פעלד בּאַם בּרעג טייך, דערקלערנדיג, אַז אפשר וועט מען קאָנען אין אַ טאָג־צוויי אַרום, וועלן דאַן קומען בּעלי־עגלות פון יענער זייט טייך נעמען דעם וויין און אים אַריבֿערפירן.

ס׳האָט מיך זעהר פאַרדראָסן אויף די ראָזינגע שוואַבֿן, וואָס האָבֿן אַראָפּגעוואָרפֿן די וויינען פון די פורן און זיי האָבֿן זיך געוואַלגערט אין פעלד. כ׳האָבֿ געשיקט רופן די אָנגעזועהענסטע גויים פונם דאָרף נאָמן, זיינען זיי אַלע געקומען, און איך האָבֿ זיי דערציילט, וואָסער אַן עולה די בּעלי־עגלות טוען מיר, מיינע וויינען וואַלגערן זיך אין פעלד און געבּעטן, זיי זאָלן בּורק זיין די פעסער, צי זיינען זיי פול. כ׳האָבֿ געוואוסט, אַז איין נאַכט האָבֿן די בּעלי־עגלות גענעכטיגט און ניט געהאַט קיין וואַסער צו טרינקען, מעגליך, אַז זיי האָבֿן קאַליע געמאַכט עפּעס אַ פאַס. די דאָרפס־גויים האָבֿן געבּראַכט כּלים, געעפנט אַלע פעסער און געפונען אַ סך אָפּגעצאַפּט; זיי האָבֿן אָפּגעשאַצט דעם גאַנצן פּחת פון אַלע וויינען, און ער האָט אָנגעטראָפֿן 72 ריינישע גילדן, וואָסער סכום ס׳איז זיי אָפּגערעכנט געוואָרן פונם שכר־עגלה. די שוואַבֿן זיינען זיך אַוועקגעפאָרן און די גויים פון דאָרף נאָמן זיינען אַרויסגעפאָרן מיט זייערע שליטנס, גענומען אַלע פעסער נאָכדעם, ווי זיי זיינען דערגאָסן געוואָרן און כ׳האָבֿ זיי גוט פאַרחתמעט, פאַרפירט צו זיך אין שטוב בּיז דאָס וואַסער אין טייך וועט פאַרפרוירן ווערן. ניין טעג האָבֿ איך מיך דאָרטן פאַרהאַלטן און בּין איינגעשטאַנען בּאַ אַן אַלטן גוי פון אַכטציג יאָר אין שטובּ, וועלכער האָט זיך נוהג געווען, אַז אַ גאַנצן טאָג האָט געבּרענט אַ פייער אויפן אויוון, הגם מ׳האָט גאָרנישט ניט געקאָכט, נאָר יעדער פון זיין בּני־בּית פלעגט קומען און בּריינגען חזיר־פליישׁ מיט אַ קליינער אייזערנער שפּיז אויף צו בּראָטן איבּערן פייער און דאָרט געגעסן. אַ גאַנצע נאַכט פלעגט דער אַלטער שלאָפן, זיצנדיג נעבּן אויוון בּאַם בּרענענדיגן פייער, פאַר וועלכן ער האָט אָנגעגרייט האָלץ און ס׳האָט געבּרענט בּיסלעכווייז, ער האָט ניט געלאָזט ס׳זאָל פאַרלאָשן ווערן. דערפון האָבֿ איך אַרויסגעזעהן דאָס, וואָס כ׳האָבֿ געלייענט אין זייערע בּיכער וועגן די פייער־דינער, וואָס ווערן דערמאָנט אויך אין דער גמרא בּאַ די דואַליסטישע אמונות, וועלכע טייטשן, אַז דער, וואָס האָט בּאַשאַפן ליכט, האָט ניט בּאַשאַפן קיין פינסטערקייט. דערפון זעהן

מיר אַרויס, אַז דאָס אונגאַרישע פאָלק שטאַמט פון די נאַציעס מיט דואַליס־טישע אמונות, ווייל די לענדער פון וואַנען די דאָזיגע אונגאַרן קומען אַרויס, זיינען נאָהענט צו מדי און פּרס, וואו די דאָזיגע אמונה איז נעגרינדעט געוואָרן[1].

דער גרינדער פון דער דאָזיגער אמונה איז געווען גחזי אלישע הנביאס תּלמיד און משרת, וועלכער איז פאַרוואָגלט געוואָרן דורך זיין רבּין דערפאַר, וואָס ער האָט גענומען אַ מתּנה בּאַ נעמען דעם שר פון מלך ארם׳ס חיל, בּשעת יענער איז אויסגעהיילט געוואָרן דורכן דאָזיגן נביא פון זיין צרעת, ווי ס׳ווערט בּאַשריבּן אין מלכים ב׳, קאַפּיטל ה׳, פּ׳ כ״ד. ווען גחזי איז פאַרוואָגלט געוואָרן פון זיין רבּין, איז ער אַוועק אין אַן אָרט, וואו קיינער קען אים ניט. כ׳האָבּ איבּערגעזעצט פון זייערע ספרים אַלע זיינע מעשים אין די ענינים פון דת, ווי אַזוי ער האָט געטראָפן די דאָרטיגע איינוואוינער מיט זייער אמונה און וואָס זיי האָבּן זיך פון אים אָפּגעלערנט. ווען די דאָזיגע אמונה האָט זיך פאַרשפּרייט, האָבּן די גריכן זי גערופן מיטן נאָמען מאַגיער, און די אונגאַרן הייסן אויך דעמזעלבּן נאָמען מאַגיער. מוז מען זאָגן, אַז זיי זיינען פון די לענדער, וואו ס׳איז אָנגענומען געוואָרן די דאָזיגע אמונה, ווי כ׳האָבּ געזעהן בּאַם אויבּן־דערמאָנטן אונגאַרישן גוי, אַז ער האָט דאָס פייער ניט געלאָזט אויסלעשן לויט דעם, ווי ס׳האָט זיי מתקן געווען גחזי, אַז ס׳זאָל בּרענען שטענדיג פייער. גחזין האָבּן די גריכן גערופן מיטן נאָמען זעראָסטרית. איבּערהויפּט האָבּ איך געפונען אין די ספרים פונם מחבּר האָמפּריי פּריידאָ, אַ ענגלענדער פון לאָנדאָן, וועלכער שרייבּט אַ סך פונם דאָזיגן גחזי אינם ערשטן חלק פונם דערמאָנטן ספר זיינעם[2]. דער עיקר שרייבּט ער וועגן די מעשים פון אַלע שכנישע צו ארץ־ישראל־פעלקער, אויף וועלכע ס׳זיינען מקוים געוואָרן אַלע רייד פון די נביאים, אַלץ וואָס זיי האָבּן נביאות געזאָגט אויף יעדן פאָלק און לאַנד. כ׳האָבּ אַ סך איבּערזעצט אויף לשון־קודש. אויבּ גאָט וועט מיך מזכּה זיין, אַז די דאָזיגע כּתבים מיינע וועלן אָפּגעדרוקט ווערן, וועלן זיי געווים בּריינגען אַ סך ליכט פאַרן כּלל אידישע חכמים.

---

[1]) ר׳ בּערס דערציילונג ווייזט אונז, אַז די אַלטע טראַדיציעס פונם פייער־קולט זיינען נאָך אינם XVIII־טן יאָרהונדערט אין אונגאַרן ניט אויסגעשטאָרבּן. מיר טרעפן נאָך שפּורן פונם דאָזיגן קולט אינם שפּרינגען איבּער פייער אין דער יאָהאַן־נאַכט (24 יוני). ר׳ בּערס קאָמבּינאַציעס איבּערן צוזאַמענהאַנג צווישן פּאַרסיזם און דעם פייער־קולט בּאַ די אונגאַרן איז אַ קוריעזע זאַך. מיר וועלן גלייך זעהן, פון וואַנען ער שעפּט זיינע ידיעות.

[2]) וועגן דעם ספר און מחבּר האָבּן מיר שוין גערעדט אין דעם אריינפיר. ר׳ בּער ווייזט אָבּער אָן ניט ריכטיג, אַז דער דאָזיגער ענגלישער מחבּר רעכנט גחזי׳ן פאַרן גרינדער פון פּאַרסיזם. פּריידאָ בּריינגט נאָר פאַרשיידענע מיינונגען איבּער זעראָאַסטערס אָפּשטאַמונג און דערמאָנט אויך אַגבּ די השערה, אַז גחזי איז אידענטיש מיט זעראָאַסטער׳ן.

באַזונדערס בין מבטיח מיינע קינדער און קינדס־קינדער, אויב זיי וועלן גלוסטן לייענען די ראָזינגע צוויי ספרים פונם אויבן־דערמאָנטן ענגלישן מחבר האָמפריי סיי דעם אָריגינאַל אין דייטש און סיי די איבערזעצונגען, וואָס כ׳האָב געשריבן אויף לשון קודש, וועלן זיי געווים שעפּן אַ סך ידיעות; און ניט נאָר פון די הייליגע ספרים, נאָר ס׳וועט זיי אויך באַוואוסט ווערן אַ סך זאַכן וועלטליכע, וואָס אידן ווייסן זיי ניט, און מיר אידן דאַרפן אַלץ וויסן, ווי אין פסוק שטייט: „כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים[1]); הגם אונזערע חכמים האָבן מפרש געווען דעם ראָזיגן פּסוק אַקעגן אונזער הייליגער תּורה, אָבער זיי האָבן אויך געזאָגט: „ס׳איז גוט תּורה מיט דרך ארץ צוזאַמען“, און יעדער קלוגער און פאַרשטענדליכער איד דאַרף וויסן די מעשים פון אַנדערע פעלקער, צוליב וואָס ער וועט קאָנען, ווען ס׳וועט זיך מאַכן אַמאָל ענטפערן, ווי ס׳דאַרף צו זיין אויף זייערע שאלות קעגן דער אידישער אמונה. ווענן אַזעלכע פראַגן איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן מיט זייערע גרולים און גלחים און כ׳האָב דאָס רוב געפונען אַ תּשובה, ווי יעדערער ווייסט, אַז תּמיד האָב איך מיט מיינע תּשובות מנצח געווען.

לאָמיר זיך אומקערן צום ענין פון אונזער מסחר. כ׳בין געקומען מיט די ווייַנען קיין לוואָוו, און מיר האָבן זיי פאַרקויפט אין גלייכן מקח, נאָר ממש וואָס אַ טאָג פלעגן ווערן די זילבערנע מטבעות מער געפעלשט, די געוויכט־פולע דוקאַטן זיינען טייערער געוואָרן און דערגרייכט ביז 27 פוילישע גילדן. הגם די ווייַנען זיינען פאַרקויפט געוואָרן צו אַ גוטן פּרייז, ווייל פאַר יעדער פאַס האָט מען גענומען ניט ווייניגער פון 17—18 דוקאַטן, דער ריוח איז אָבער פאַרלוירן געגאַנגען באַם בייטן דאָס געלט. איבער דער ראָזיגער סבה האָבן מיר זיך ניט געאיילט איינמאָנען באַ די פּריצים די חובות פאַר ווין, אויך די פריצים די בעלי־חובות האָבן זיך ניט געאיילט איינמאָנען באַ אונז זייערע חובות, דערוויסנדיג זיך, אַז מ׳וועט דערוואַל־ווירן די גילדנס, וואָס גייען איצט אַרויס, ד. ה. מ׳וועט מאַכן אַ נייע רעדוקציע, ווי ס׳איז טאַקע געמאַכט געוואָרן אין קומענדיגן יאָר, וועגן וואָס איך וועל שפּעטער אויף זיין אָרט און אין זיין צייט מיט גאָטס הילף באַשרייבן אַלץ באמת.

איצט וויל איך דערציילן וועגן דעם גרויסן שינוי צו שלעכטס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פוילן בנוגע צו אידן און ס׳איז געמינערט געוואָרן דאָס ביסל כבוד, וואָס זיי האָבן שטענדיג געגאָסן, זינט זיי זיינען געקומען צו וואוינען אין פוילן שוין ניין הונדערט יאָר[2]) צוריק ביז ס׳איז געוואָרן קיניג פאָניאַטאָווסקי. די פּאָלאַקן האָבן דאַמאָלס געגלויבט, אַז די ראשי מדינות,

---

[1]) דברים, ד׳, ו׳. ווייל דאָס מאַכט אײך קלוג אין די אויגן פון די פעלקער.

[2]) די צאָל איז אַביסל אַ גוזמא.

די אידישע אלופים, וועלכע האָבן צוליב די ענינים פון צאָלן דעם קאָפּ־שטייער באַדאַרפט שטענדיג זיין אין וואַרשע בשעת די זיצונגען פונם גרויסן סיים, זיינען מבטל דעם סיים, וואָס ווערט צונויפגערופן מיט אַזעלכע גרויסע הוצאות; אין יעדן סיים זיינען געווען אַ סך שונאי־ישראל און אָנגערעדט אויף אידן, מ׳זאָל באַ זיי צונעמען די אַווטאָנאָמיע, וואָס זיי האָבן געהאַט פון לאַנג, פאַרבאָטן זיי די גוטע מסחרים מיט אָקסן, וויין און אַנדערע זאַכן. אַזוי ווי לויט די פּוילישע געזעצן האָט יעדער בירגער, אַ שליאַכטיטש, דאָס רעכט צו מעכב זיין, זאָגנדיג: „איך בין מיטן דאָזיגן פּונקט ניט מסכים“, האָבן די פּריצים געגלויבט, אַז די אידישע פירערס טוען דאָס און קויפן אונטער פאַר גרויס געלט שליאַכטיטשן, זיי זאָלן מבטל מאַכן דעם סיים. דעריבער האָט די רעגירונג געהייסן מבטל מאַכן די אידישע ראשי־מדינות און שיקן גוויאישע קאָמיסאַרן פון אַלע פּוילישע מדינות, זיי זאָלן אַליין ציילן די אידישע באַפעלקערונג, כּדי די אידן זאָלן צאָלן לויט זייער פאַרמעגן און זאָלן ניט דאַרפן באַשטימען איבער זיך פירערס „און מבטל מאַכן אַלע אונזערע געזעצן“.

אויף אַזאַ אופן האָט די רעגירונג מיט דער הסכּמה פון אַלע פּריצים און מיטגלידער פונם סיים אין וואַרשע באַשלאָסן מבטל מאַכן אויך דעם אויסגלייך, וואָס ס׳האָט אויסגעשתּדלנט דער ועד ארבע ארצות מכּח׳ן קאָפּ־שטייער פון דער אידישער באַפעלקערונג, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט יעדעס יאָר צאָלן דעם פינאַנץ־מיניסטער 300 טויזנט פּוילישע גילדן. די ראשי מדינות פלעגן צונויפרופן דעלעגאַטן פון אַלע אידישע קהלות אין פּוילן, פון צווישן זיי האָט מען אויסגעקליבן אָנגעזעהענע געלערנטע מענשן, זיי זאָלן שאַצן אַלע אידישע קהלות, אויך רבנים, גרויסע גאונים, פלעגן זיי צוזאַמען צונויפרופן, זיי זאָלן מתקן זיין נייע דינים אין די אידישע משפּטים, מ׳זאָל חלילה ניט דאַרפן אָנקומען צו די גוויאישע געריכטן; און וואָס איז ניט בפירוש דערקלערט געוואָרן אין די ספרים פון אונזערע פּוסקים, האָבן די רבנים און גאונים מפורש געווען. זיי האָבן צונויפגעשטעלט די תּקנות פונם ועד ארבע ארצות לויט די דינים פון אונזער הייליגער תּורה; די דאָזיגע תּקנות זיינען פונם גאַנצן אידישן פאָלק אָנגענומען געוואָרן אַזוי ווי די תּורה אַליין און מ׳האָט זיי גערופן „ספרי תּקנות ארצות“. כ׳האָב קינדווייז געזעהן אַזעלכע געדרוקטע תּקנות[1]). זיינען די רבנים און דיינים פון אַלע פיר לענדער געזעסן שטענדיג צוזאַמען נעבן די אלופים, די מדינה־פירערס. מיט יעדן משפּט, וואָס ס׳האָט זיך געטראָפן אין אַלע פּוילישע קהלות, פלעגט

[1]) פאַרשיידענע תּקנות זיינען דערהאַלטן געוואָרן אין רבנישע ספרים און אין פּוסקים ביז אונזער צייט. ז. L. Lewin, Neue Materialien zur Geschichte der Vierländer-synode I, III, Frankfurt a/M.

מען קומען צו זיי. דער דאָזיגער מנהג איז געווען דער בעסטער פֿאַר אידן אין משך פֿון העכער אַכט הונדערט יאָר, ס׳איז געווען אַ שטיקל גאולה און אַביסל כבוד פֿאַר אידן, וואָס גאָט האָט אונז מיט זיין רחמים און חסד ניט פֿאַרלאָזט, ווי אין חומש שטייט: „ואף גם זאת בהיותו בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותי להפר בריתי אתם כי אני ד׳ אלהיהם[1]).

איז אָבער בעוה״ר אויפֿגעשטאַנען אויף פּוילן אין תקכ״ג אַ נייער קיניג פּאָניאַטאָווסקי, וועלכער האָט תיכף, ווי ער איז געקרוינט געוואָרן, געהייסן מיט דער הסכמה פֿונם קאָנוואַקאַציאָנס־סיים[2]) (ווייל אַלע שררות זיינען דאַמאָלס געווען אין וואַרשע) ציילן די אידישע באַפֿעלקערונג דורך גוישע קאָמיסאַרן פֿון אַלע פּוילישע לענדער, און די אידן זאָלן באַצאָלן יערליך צוויי פּוילישע גילדן פֿון יעדן קאָפּ: אין חודש מערץ אָדער אָדר איין גילדן און אין חודש אלול איין גילדן פֿון יעדן אידישן נפש.

ווען די קאָמיסאַרן זיינען געקומען ציילן אונזער קהלה, איז דער עלטסטער געווען דער פֿריץ גראָמניצקי, מיינער אַ באַקאַנטער און גוטער פֿריינט. האָב איך זיך איינגעשטעלט און מזהיר געווען די קהלה־משרתים, זיי זאָלן ריידן פֿון אונזער קהלה, מ׳זאָל ווי וויט מעגליך פֿאַרלייקענען די צאָל קינדער; כ׳האָב מזהיר און מבטיח געווען אונזערע פּירערס, אַז ס׳וועט קיין שום רעה ניט אַרויסקומען פֿאַר אונזער קהלה, אויב זיי וועלן אַפּילו פֿאַרלייקענען אַלע אָרימע נפשות. און מ׳האָט געטאָן לויט מיין עצה. אין אונזער קהלה איז געווען מער פֿון דרייצן הונדערט אידישע נפשות, האָט מען פֿאַרלייקנט פֿאַר די קאָמיסאַרן די אמתע צאָל פֿון באַלעבאַטים און די אַרומיגע דערפֿער, און לויט דער ציילונג פֿון די קאָמיסאַרן האָט זי באַטראָפֿן אַכט הונדערט דריי און אַכציג אידישע נפשות. די קאָמיסאַרן האָבן אונז דערקלערט, אַז לויט אַ באַפֿעל פֿון וואַרשע זיינען צוויי פֿון די עלטסטע אידישע מנהיגים מחויב שווערן, צי האָבן זיי אָנגעגעבן די אמתע צאָל, און מיר האָבן געמוזט שיקן צוויי זקנים, איינער איז געווען ר׳ צבי הירש, דער פּוסקער רב ע״ה, און דער צווייטער ר׳ שלמה ר׳ גרשונס, אַ בכבודיגער זקן, וועלכע זיינען געפֿאָרן קיין זיראַצשוב[3]) און דאָרטן געשוואוירן. די

---

[1]) ויקרא, כ״ו, י״ד. אפילו אינם לאַנד פֿון זייערע פֿיינט האָב איך זיי ניט פֿאַרשטויסט, ניט פֿאַרניכטעט און ניט געבראָכן דעם אָפּמאַך מיט זיי, ווייל איך בין זייער גאָט.

[2]) קאָנוואָקאַציאָנס־סיים הייסט דער סיים, וואָס ווערט צונויפֿגערופֿן נאָכן טויט פֿון א קיניג, כדי צו באַשליסן וועגן צונויפֿרופֿן דעם עלעקציאָנס־סיים (וואַל־סיים). די פֿראַגע, ווי אזוי צו פֿאַרגרעסערן דעם שטייער פֿון אידן, איז באַהאַנדלט געוואָרן אין עטליכע זיצונגען פֿונם קאָנוואָקאַציאָנס־סיים אין מאַי און יוני 1764. דער ועד ארבע ארצות איז פֿונאַנדער־געלאָזט געוואָרן דורך דער גענעראַל־קאָנפֿעדעראַציע, וועלכע איז דורך די טשאַרטאָריסקיס צונויפֿגערופֿן געוואָרן אין יולי 1764.

[3]) א שטעטל אין גאַליציע.

קאָמיסאַרן האָבן אַזוי מקים געווען און אָנגענומען אונזער צאָל אין די אָפיציעלע מלוכה־אַקטן צו מאָנען יערליך דאָס געלט פאַר דער ראָזינער צאָל קעפּ. אָט אַזוי האָבן מיר געצאָלט זעקס ראַטעס אין משך פון דריי יאָר, ווי ס׳ליגן נאָך ער היום בּאַ מיר פאַר אַ ראָקומענט די קוויטונגען, געדרוקט אויף פּויליש, אַז מיר האָבן יערעס האַלבּ יאָר געצאָלט אַ ראַטע.

די ראשי מדינות און רבנים, ווי אויך אַלע אַנדערע אלופים און קצינים, האָבן דערלאַנגט אַ גרויסע בּקשה און געבּעטן בּאַ דער רעגירונג און סענאַטאָרן דין און רחמים, מ׳זאָל אָננעמען אַ בּאַשלוס מכּח זייערע גרויסע חובות, ווייל זיי האָבן פון דער אייגענער קעשענע אויסגעלעגט היפּשע סכומים תּמיד, ווען ס׳איז נויטיג געווען צו פאָרן צו די ועדים אָדער אויפן סיים קיין וואַרשע, זיי זיינען שולדיג גרויסע חובות און פון וואַנען זאָלן זיי בּאַצאָלן. די רעגירונג און סיים־שררות האָבן חסר געטאָן און אָנגענומען זייער בּקשה. און מיט אַלעמענס הסכּמה איז אַרויס אַ בּאַפעל, מ׳זאָל פון דער אידישער בּאַפעלקערונג איינמאָנען דריי ראַטעס, דהיינו, דריי פּוילישע גילדן פון יערן קאָפּ, כּדי מ׳זאָל קאָנען בּאַצאָלן אַלע חובות און טענות פון די מנהיגים.

ס׳זיינען גלייך געשיקט געוואָרן קאָמיסאַרן קיין לוואָוו, זיי זאָלן בּאַפעלן אין אַלע בּאַצירקן צאָלן די ראָזינע דריי ראַטעס פונם קאָפּ־שטייער און זיי האָבן אַרויסגעגעבּן אַ שטריינגען בּאַפעל אין אַלע שטעט, וואו ס׳זיינען פאַראַן אידישע קהלות, מ׳זאָל צווינגען די אידן שנעל אָפּשאַצן און אַריינטראָגן אין דריי ראַטעס דעם סכום פון דער צאָל נפשות. אַלע אידישע קהלות האָבן געמוזט מקים זיין דעם בּאַפעל, און מ׳האָט מיט גרויס שווערינקייט איינגעמאָנט פון דער קהלה, אויף קיינעם ניט רחמנות געהאַט, כּדי מ׳זאָל ניט אָנשיקן קיין שרעקליכע עקזעקוציעס, וואָס זיינען גורם אַ סך הוצאות. אויך די איינוואוינער פון אונזער בּאָלעכאָווער קהלה האָבן אונז געשיקט דעם סכום, וואָס קומט פון זיי, מיט זילבּערנע גילדנס, וועלכע האָבן דאַמאָלס בּאַטראָפן פופצען פּוילישע גראָשן אָדער זיבּן מיט אַ האַלבּ צלן קירה׳ש געלט.

די אלופים און ראשי מדינות זיינען אויך אַלע שנעל געקומען קיין לוואָוו, כּדי יעדער זאָל איינמאָנען זיין חוב, וואָס קומט אים. אַ סך פון זיי זיינען געווען מיין בּרודער ר׳ אריה ליבּס בּאַקאַנטע און פריינט, ווייל ער איז תּמיד געווען דער שליח פון אונזער קהלה אויף אַ סך אַסיפות, און אויפן ועד אין בּויבּעריק[1]) האָבן אַלע מסכּים געווען צו אויפנעמען אים פאַר ראש מדינה און זיין נאָמען איז אַריינגעשריבּן געוואָרן אינם פּנקס ארצות. ווען זיי זיינען אַלע געקומען אויפן ראָזינגן לעצטן ועד קיין לוואָוו, זיינען אַ סך פון זיי איינגעשטאַנען אין די שכנישע נעבּן אונז הייזער, ווי למשל,

[1]) Bobrka — אַ שטעטל צו דרום־מזרח פון לעמבּערג.

די בּראָדער אלופים און קצינים ר׳ ליבּוש, דעם רב און פּרנס ר׳ בּערישס ע״ה איידעם, ר׳ בּערישס אַ זון ר׳ ליבּוש[1]) דער זבּאָרישער רב ז״ל, וועלכער איז געוואָרן רב פון גאַנץ גאַליציע, זיין צווייטער זון ר׳ צבי הירש דער שניירערשער רב פון בּראָד, אויך אַ סך אַנדערע מנהיגים, וואָס זיינען מיט זיי געקומען פון בּראָד און אַנדערע קהלות, פון טיסמעניץ — ר׳ זיסקינד דעם ראש מדינה ר׳ קלמנס זון מיט זיינע מקורבים, — פון זשאָלקעוו[2]), אויך דער סווירזער[3]) רב מיט זיינע מקורבים. יעדן טאָג פלעגן זיי קומען גאַנץ פריה צו אונז אין שטוב אַריין איבּעררייידן מיטן בּרודער און זיך אַן עצה האַלטן מכּח די ענינים פונם ועד ארצות, ווי אַזוי צו ריידן מיט פּריצים און פּועלן בּאַ זיי, וואָס מ׳דאַרף. אַזוויי אונזער שטוב איז שטענדיג געווען פול מיט וויין און יעדערער קומט אָן צום וויינשיינקער, און ווי די חכמים זאָגן כּשנכנס יין יצא סוד[4]), האָבּ איך פאַרשטאַנען פון זייערע רייד, אַז די בּאַפעלקערונג בּריינגט איבּער געגנוג קאָפּ־שטייער אויף צו בּאַצאָלן די חובות פון די ראשי מדינות און ס׳בּלייבּן נאָך איבּער אַ סך סכומים. האָבּ איך געטראַכט, אפשר איז גלייכער, איך זאָל פאַר אונזער קהלה ניט בּאַצאָלן, וועט דאָס געלט בּלייבּן בּאַ אונז אין די הענט און אויס ראגה; טאָמער וועט מען אונזער קהלה בּאַשטראָפן, פאַרוואָס זיי האָבּן ניט אַריינגעשיקט לויטן בּאַפעל פון דער רעגירונג, וואָס ס׳קומט פון זיי, האָבּ איך אַלע מאָל געשיקט אונזערן אַ משרת צום קאַסיר; יענער איז שטענדיג געווען פאַרנומען מיט זיין אַרבּעט פון געבּן אָרער מקבּל זיין געלט, און דער משרת פלעגט זיך אַנידערשטעלן קעגן אים און זאָגן: „פּריץ, כ׳האָבּ געבּראַכט דאָס געלט פון בּאָלעכאָווער קהל״, פלעגט דער קאַסירער ענטפערן: „זעהסט דאָך, אַז כ׳האָבּ קיין צייט ניט, קום אַן אַנדערש מאָל״. מיר האָבּן אַזוי געטאָן עטליכע מאָל בּיז ס׳איז געשלאָסן געוואָרן די קאַסע.

נאָכדעם, ווי מ׳האָט אָפּגעסילוקט די חובות פון די אלופים רבּנים און ראשי מדינות, בּין איך אַליין געגאַנגען צום ראָזינגן קאַסיר זאַרעמבּאַ, וועלכער איז געווען מיינער אַ בּאַקאַנטער און גוטער פריינט, ווענענס בּרודער איז געווען מאַרשאַליק בּאַם פּריץ אין הויף, און זאָג צו אים: „פאַרוואָס האָסט דו, פּריץ, ניט געוואָלט נעמען דאָס געלט פון בּאָלעכאָווער קהל, כ׳האָבּ דאָך צו דיר געשיקט עטליכע מאָל און מ׳האָט דאָס געלט ניט

[1]) ר׳ ליבּוש בּערנשטיין איז געווען אין דער עסטרייכישער צייט אָבּערלאַנדסראַבּינער פון גאַליציע.

[2]) Zolkiew — א שטעטל צפון־זייט פון לעמבּערג.

[3]) Swierz — א שטעטל צו דרום־מזרח פון לעמבּערג.

[4]) עירובין, 65, a. אז ס׳גייט אריין דער וויין, קומט ארויס דער סוד; אויף אידיש זאָגט דאָס וואָרט אנדערש: „וואָס בּא א ניכטערן אויף דער לונג, איז בּא א שיכּורן אויף דער צונג״.

אָנגעגומען״. יענער האָט געענטפערט: „וואָס האָב איך געקאָנט טון, אייערע משרתים האָבן ראָך געזעהן, אַז כ׳בין באַשעפטיגט״. זאָג איך צו אים, אַז כ׳וויל, דער פריץ זאָל מיר אַרויסגעבן אַ כּתב פאַר אַן אמתן באַווייז, אַז כ׳האָב דאָס געלט געבראַכט און מ׳האָט דאָס ניט געקאָנט אָנגע־מען מחמת זיין גרויסער טרחה, וואָס ער האָט דאַמאָלס געדאַרפט מקבל זיין גרויסע סכומים פון אַ סך אידישע קהלות. ער אַליין פלעגט צעטיילן און באַצאָלן די אַלופים און ראשי מדינות יעדן זיין חוב, וואָס ס׳קומט אים. האָט ער מיר אָנגעשריבן מיט זיין האַנטשריפט און געחתמעט מיט זיין שטעמפּל, אַז כ׳האָב געבראַכט דעם סכום געלט פון באַלעכאָוו, נאָר ער האָט ניט געקאָנט דאָס מקבל זיין מחמת דעם דערמאָנטן טעם; ער האָט די ראָזינע צייגעניש זיינע באַשטעטיגט מיט זיין שטעמפּל לויטן געזעץ און ווי דער שטייגער איז אויף יעדער געלט־קוויטונג.

איך האָב תּיכּף אומגעקערט דאָס גאַנצע געלט אַזוי, ווי ס׳איז געווען פאַרחתמעט, און געשיקט דורך אַ ספּעציעלן שליח, דורך מיין ברודער ר׳ זאב וואָלף ע״ה, וועלכער איז דאַמאָלס געפאָרן אַהיים, רייטנדיג אויף אונזער פערד, האָט ער מיטגענומען דעם ראָזינגן זאַק, געבראַכט אים און אומגעקערט די מנהיגים אין די הענט אַריין אַזוי, ווי ער איז געווען פאַרחתמעט. אונזער פערד איז שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן אויפן רוקן פון דער שווערער משא ווייס־געלט, וואָס ער האָט געטראָגן; פריהער האָט ער דעם ווערט געהאַט מער פון צען דוקאַטן, איצט ווען ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן, האָט ער שוין ניט געטויגט צו קיין שום מלאכה. די באַלעכאָווער מנהיגים האָבן פונדעסטוועגן ניט געריינקט דעם חסר, וואָס כ׳האָב דאַמאָלס מיט זיי געטאָן און זיי מציל געווען אַ היפּשן סכום מזומן געלט, ווי פון צווישן דעם לייבס ציין אַרויסגעריסן. אייניגע פון די קהלה־לייט האָבן געוואָלט מיך רורפן, ווייל זיי האָבן געטראָגן אין האַרצן שנאה אויף מיר מחמת קנאה און איצט איז די קנאה נאָך גרעסער געוואָרן, הגם כ׳האָב געטאָן אַזאַ גרויסע טובה אונזער קהלה. אָבער דאָס, וואָס זיי האָבן געטראַכט צו טון אַ רעה, זאָל גאָט מיט זיין רחמים משנה זיין דאָס אויף אַ טובה פאַר מיר. מער האָב איך ניט וואָס צו דערציילן פון די מענשנס נאַרישקייטן.

נאָך דעם, ווי די אַלופים און ראשי מדינות האָבן פאַרלוירן זייער ביסל גרויסקייט און ס׳איז אויך בּאַ אידן צוגענומען געוואָרן דאָס ביסל כבוד, איז מקוים געוואָרן די נבואה „כּי לא אלמן ישראל ויהודה מאלקיו מד׳ צבאות[1]״, ווייל אין דערמעלבן יאָר אָרער אין קומענדיגן תּקכ״ז איז מקוים געוואָרן די נביאות פון יחזקאל כ״ה פּ׳ י״ד „ונתתּי את נקמתי באדום בּיד עמי

---

[1]) ירמיה, נ״א, ה׳. די אידן זיינען ניט פאַרלאָזט פון גאָט.

ישראלי[1]"; ס'איז פאַרשפּרייט געוואָרן די קאָנפעדעראַציע[2], ר. ה. דער אויפשטאַנד קעגן דער רעגירונג און סענאַט אין וואַרשע, דער רוב שררות איז אויפגעשטאַנען און דערקלערט איינער דעם אַנדערן: „די פּאָלאַקן, די שליאַכטע, זיינען פון תמיד אָן געווען פרייע בירגער, מיר האָבן קיין חלק ניט ניט אין פּאָניאַטאָווסקין און ניט אין זיין סענאַט אין וואַרשע". און זיי האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן אויפשטאַנד, אַלע האָבן געשלאָסן אַ פעסטן בונד און געגעבן היפשע סכומים דאַרויף. דער אייפשטאַנד איז געמאַכט געוואָרן לויט דער עצה פון די פראַנצויזן, ס'איז אַפילו פון פּאַריזש אַריינגעשיקט געוואָרן 200 טויזנט דוקאַטן, ווי כ'האָב אַליין געזעהן מיט מיינע אויגן, ווייל דער מיליטער־קאָמאַנדיר, וואָס האָט געפירט דעם ראָזינן סכום געלט, איז איינגעשטאַנען אַ מעת לעת באַ מיר אין שטוב[3]. אין גאַנץ פּוילן איז געווען אַ מהומה אין משך פון פינף יאָר, ס'איז ניט געווען קיין דין און משפּט אין אַלע לענדער פון פּוילן, כל דאלים גבר, אויף פּויליש האָבן די פּריצים אַ נאָמען געגעבן די ראָזינע צייט פּאָר קאַפּטור[4]). דאָס האָט אַזוי לאַנג געדויערט ביז אין יאָר תקל"ב[5]). איז די גאַנצע מדינה צעטיילט געוואָרן, ס'איז אָפּגעטאָן געוואָרן דער גאַנצער כבוד פונם פּוילישן פאָלק און זיין קיניג, און ס'איז מקוים געוואָרן דער פּסוק „ונתתי את נקמתי באדום", דאָס הייסן די קריסט־פּאָלאַקן ארום, „ביד עמי ישראל", דאָס מיינט מען, ווי אַזוי זיי האָבן געטאָן די אידן, אַזוי איז זיי געטאָן געוואָרן, ס'איז באַ זיי צוגענומען געוואָרן דער גאַנצער כבוד פון זייער לאַנד און זיינען געוואָרן קנעכט אויף אייביג, און אַזאַ סוף זאָלן האָבן אַלע אונזערע שונאים און מוסרים. און דאָס איז געגוג פאַר דעם, וואָס פאַרשטייט און קען די מעשים פון אונזערע אבות אין אַמאָליגע צייטן. אויב גאָט וועט מיר נאָך שיינקען יאָרן, וועל איך אייך באַשרייבן מער פונם לעבן פון אונזערע אבות אין ביטערן גלות מיט גאָטס רחמים.

לאָמיר זיך אומקערן צום ענין פון אונזערע מסחרים. אין יענער צייט, ווען ס'איז זעהר געמינערט געוואָרן דער ווערט פון די פּוילישע גילדנס

---

[1]) כ'וועל מיך נוקם זיין אין אדומען דורך מיין פאלק ישראל.

[2]) די קאָנפעדעראַציע פון באר (א שטעטל אין פּאָדאָליע) האָט זיך אָנגעהויבן אין אָנהייב 1768 און געדויערט בערך פינף יאָר.

[3]) פאַרגלייך Rulhière, Histoire de l'anarchie de Pologne, Paris, 1807, IV, 171. דאָרט ווערט מיטגעטיילט, אז פראַנקרייך האָט מסכים געווען צו שיקן מאָנאַטליך 6000 דוקאַטן.

[4]) Pod Kaptur האָבן געהייסן די אויסערארדנטליכע געריכטן. דער מחבר פאַרגלייכט די צייט פונם אויפשטאַנד מיטן פּעריאָד, ווען די פּוילישע מלוכה איז געווען אָהן א קיניג און ס'פלעגן געגרינדעט ווערן אויסערגעוויינליכע געריכטן.

[5]) אין יאָר 1772 איז פאָרגעקומען דער ערשטער צעטייל פון פּוילן.

און דאָס זילבער אין זיי האָט אָנגעטראָפן פינף קיר״ה׳שע צלן, איז יערן פוילישן סוחר שווער אָנגעקומען פאָרן האַנדלען אין אַנדערע מדינות, ווייל די רוקאַטן זיינען זעהר טייער געוואָרן און דערגרייכט ביז זיבן און צוואַנציג פולישע גילדן. מיין ברודער אַריה ליב ע״ה איז געפאָרן קיין בראָר אויסבייטן דאָרט די רוקאַטן, און בשעת ער איז דאָרטן געווען באַם זבאַרישער רב ר׳ ליבוש ע״ה, האָט ער באַ אים גענומען בהלואה אויף עיסקא דריי טויזנט פוילישע גילדן. ווען ער האָט זיך פון דאָרטן צוריקגעקערט, בין איך בשלום אַרויס:געפאָרן קיין אונגאַרן, געקומען קיין טערצאַל און געקויפט באַם פריץ פאַטאַי פופציג פאַס ווין צו פינף רוקאַטן יערע פאַס. כ׳האָב אויך געקויפט אין דער שטאָט מאַר באַם פריץ שעפעשי זעכציג פאַס מאַשלאַשן, וועלכע האָבן געהאַט אַ גוטן ריח, צו זעקס רוקאַטן. נאָך האָב איך געקויפט באַם קצין ר׳ יהורא ליב ע״ה אין טערצאַל פופציג פאַס פאַר הונדערט זעכציג רוקאַטן און, אַחוץ די אויסגערעכנטע ווייגען און אַנדערע, וואָס כ׳האָב פאַר אונז געקויפט, האָב איך געקויפט נאָך זעכצען פאַס ווין פאַרן שר מראָזאָוויצקי רעם סטענגיינסקער סטאַראָסטע, וועלכער האָט מיר געגעבן, בשעת כ׳בין געפאָרן קיין אונגאַרן, הונדערט פופציג רוקאַטן, און כ׳האָב אים געקויפט די ראָזינע זעכצען פאַס ווין, האָב זיי אים צוגעשטעלט קיין סאָקאָליווקע, וואָס איז נאָהענט צו דער שטאָט בויבעריק. נאָכן חשבון הוצאות פון די ווייגען, וואָס כ׳האָב אים געבראַכט און וואָס ער איז מיר שולדיג געווען פון פריהער, האָט דער חוב באַטראָפן אַכט און פופציג רוקאַטן. אַזוי ווי ס׳האָט באַלד אינם ראָזינגן יאָר אויסגעבראָכן די דערמאָנטע קאָנפעדעראַציע, איז אויך דער ראָזינער פריץ צוזאַמען מיט אונזער פריץ דעם פארצשאשע פאָטאָצקי אַוועק מלחמה האַלטן מיט די מאָסקוויטערי[1], ווייל דער פוילישער קיניג האָט קעגן זיי אַרויסגעפאָדערט פיר און צוואַנציג טויזנט מאָסקוויטער חיל; די ראָזינע מלחמה האָט געדויערט פינף יאָר, און דער שר האָט ניט באַצאָלט זיין חוב, ביז ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

און די ווייגען, וואָס כ׳האָב דאַמאָלס געבראַכט קיין לוואָוו, האָט מען ניט געקאָנט ־ ־זרקויפן, מחמת ס׳האָבן זיך געמערט די פאַלשע מטבעות, ווי ס׳איז אויבן דערציילט געוואָרן, און די סוחרים זיינען געווען געצוואונגען נעבן די קונים זייערע סחורות אויף באָרג, און בפרט אונגאַרישע ווייגען, וועלכן ס׳קויפן פריצים, האָט מען אויף אַן אַנדער אופן ניט געקאָנט פאַרקויפן, נאָר אויף באָרג, ווייל מ׳האָט באַ זיי ניט געקאָנט איינמאָנען אַפילו בשעתן טערמין פון צאָלן.

---

[1]) רוסיש חיל האט געקעמפט קעגן די באַרער קאָנפעדעראַטן.

דערװײַל איז געקומען די צײַט צו פֿאָרן האַנדלען װײַן אין אונגאַרן, און מיר האָבן ניט געהאַט גענוג געלט אויף צו באַצאָלן דאָרט אַלע אונזערע חובות. הגם מיר האָבן געהאַט גרויס נאמנות און קרעדיט בײַ די שררות און בײַ אַלע אידן און גוים להבדיל, אונזערע פֿרײַנט און באַקאַנטע האָבן זעהר געװאָלט אונז העלפֿן און בײַשטײן מיט עפּעס אַן הלואה, איבערהויפּט האָט דער פּריץ סקירמונט דער סואפּריטענדענט[1] פֿון אַלע צאָל־קאַמערן אין פּוילן געװאָלט לײַען אונז אײניגע הונדערט רוקאַטן, ער האָט אָבער ניט געקאָנט אַרויסשלעפּן אַזאַ סכום בײַ זײַנע בעלי־חובות, האָט אונז פֿאַר־האַלטן אין לװאָװ עטליכע װאָכן און פֿאַר אונז אין די אױגן געשיקט שריפֿטליך לײַען עפּעס אַ סכום געלט, נאָר אַלע האָבן געענטפֿערט, אַז זײ האָבן ניט.

מיר האָבן דאַמאָלס גערעדט אויך מיט אונזער שררה דעם קרוין־פֿאָר־צשאַשע; ער איז דאַמאָלס געװען אין לװאָװ, האָט אונז אויסגעהערט און געענטפֿערט: „מײַן בעסטע עצה איז, איר זאָלט פֿון איצט אָן ניט האַלטן אין לחאָװ קײן װײַן, װײַל כ׳װעל ניט זײַן אימשטאַנד צו שיצן זײ פֿון גזלה, װאָס קאָן פֿון איצט אָן אַ סך טרעפֿן דאָ. בעסער שטעלט אָפּ אײַערע װײַנען בײַ אײַך אין דערהײם אין באָלעכאָװ". כ׳האָב פֿאַרשטאַנען פֿון זײַנע רײד, אַז ס׳װעט זיך אָנהויבן די דערמאָנטע מלחמה, זײַנען מיר געפֿאָרן אַהײם, כ׳האָב גענומען דעם װײַן, װאָס מיר האָבן איבערגעלאָזט אין סקאָלע, און געבראַכט אַהײם. קײן לװאָװ אויף קאָנטראַקטן זײַנען מיר שוין ניט געפֿאָרן, װײַל מיר האָבן ניט געקאָנט עובר זײַן אויף אונזער פּריצעס הזהרה, װעלכער האָט אונז מתרה געװען, מיר זאָלן ניט אָפּשטעלן אין לחאָװ קײן סך װײַן.

אונזערע בעלי־חובות די פּריצים האָבן דערװײַל זעהר געהידורשט זיך, פֿאַר־װאָס מיר פֿאַרשפּעטיגן אויף קאָנטראַקטן, אָבער דער רוב פֿון זײ איז געװען זיכער אין אונזער יושר, אַז זײער חוב װעט געװיס באַצאָלט װערן אין דער צײַט, און קײנער פֿון זײ איז ניט געקומען צו אונז אַהײם מאָנען זײַן חוב, נאָר דער פּריץ גאָרזעװסקי, װעלכער איז דאַמאָלס געװען בעל־הבית פֿון דער שטאָט קאַלינדרזאָן[2], נאָהענט צו קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, איז אַלײן געקומען אַהערצו מאָנען זײַן חוב, דרײַ הונדערט רוקאַטן מיט פּראָצענט פֿאַר אַ יאָר.

אײניגע פֿון אונזערע שונאים האָבן זיך שוין געפֿרײט אין האַרצן, װײַל זײ האָבן אונז שטענדיג מקנא געװען. זײ האָבן איצט געזאָגט: „אָט איז

[1] שעף פֿון אלע צאָלקאמערן אין פּוילן.

[2] קאַלינדזאַן מוז זײַן עפּעס א טעות. אזא אָרט נאָהענט צו קאמענעץ־פּאָדאָלסק איז ניט באַקאַנט.

געקומען דער טאָג, אויף וועלכן מיר האָבן אַרויסגעקוקט צו זעהן די מפּלה פון דער משפּחה ברעזער[1]), וואָס זיינען שטענדיג מצליח; אַז דער ראָזינגער פּריץ וועט בּאַ זיי צונעמען זייער גאַנץ פאַרמעגן, וועלן זיי ווערן אָרימע לייט, ווי מיר". אויך זייערע ווייבער און קינדער האָבן זיך געפרייט אויף אונזער שלעכטן מזל, ווי כ'האָבּ אַליין געזעהן, אַז איינע פון די חשובע בעלי־בתּים'ס ווייבער איז אַרויסגעגאַנגען מיט אירע שנירן און זיינען מיט אַ כיון דורכגעגאַנגען נעבן מיין שטוב, ווי מ'זאָגט: „לאָמיר זעהן, וואָס דער ראָזינגער פּריץ טוט מיט זיי"!, וויל אין איר לעבן איז זי קיין מאָל ניט געגאַנגען מיטן ראָזינגן וועג. נאָך אַ סך בזיונות האָבן מיר געהערט פון אַ סך, וואָס זיינען אונז געווען שונאים, נאָר מחמת קנאה, וויל זינט מיר לעבן, האָבן מיר קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן, ס'איז ניט פאַראַן קיין איינער, ווער ס'האָט פון אונז קיין טובה ניט געהאַט, איבערהויפּט פון מיין בּרודער אַריה ליבּ ע"ה, וועלכער האָט שטענדיג געשטרעבט צו אידנס גליק און זיך מוסר נפש געווען פאַרן כלל פון דער קהלה, ווי כ'האָבּ אַבּיסל אויבּן בּאַשריבּן.

פונדעסטוועגן האָט זיך ניט אָפּגעטאָן גאָטס רחמים פון אונז און דער רבּש"ע האָט אַריינגעשיקט דעם ראָזינגן פּריץ אַ מחשבה, און ער איז מרוצה געוואָרן אָננעמען בּאַ אונז פאַר זיין חוב וועקסלען, וואָס מיר האָבן געהאַט פון אַנדערע פּריצים; ער האָט בּאַ אונז גענומען דאָס וועקסל, וואָס ס'האָט אונז געגעבּן דער פּריץ מאָראַווסקי, דעם בּאַוואוסטן פירשט ראַדזיווילס שוואָגער, און האָט אונז אַרויסגעגעבּן אַ קוויטונג אויפן חוב בתנאי, אַז אויבּ דער פּריץ מאָראַווסקי וועט אים בּאַצאָלן אָט דעם ראָזינגן חוב פון קרוב צו זיבּן טויזנט פּוילישע גילדן, דאַמאָלס איז מיין חוב, וואָס בּין שולדיג גאָרזעווסקין, בּטל. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין לוואָוו, און מיר זיינען געבּליבּן אין ספק, וויל אויבּ ער וועט ניט איינמאָנען, קאָן ער מאָנען בּאַ אונז. ווען אָבּער דער ראָזינגער גאָרזעווסקי איז געקומען קיין לוואָוו, האָט זיך געמאַכט, אַז אַן אַנדער פּריץ מיטן נאָמען טשאַיקאָווסקי מאָנט דעם פּריץ מאָראַווסקי, ער זאָל אים בּאַצאָלן צוויי טויזנט פּוילישע גילדן לויטן וועקסל, וואָס ער האָט געהאַט מיט אונזער חתימה; ער האָט אויך געוויזן אונזערס אַ צעסיע־כתבּ[2]), לויט וועלכן מיר האָבן איבּערגעטרעטן

---

[1]) ר' בער האָט אין דער עסטרייכישער צייט (בּאָלעכאָוו איז צוזאַמען מיט גאַליציע איבּערגעגאַנגען צו עסטרייך אין יאָר 1772) אָנגענומען דעם פאַמיליענאָמען בּירקענטאַל. ברעזער אָדער בּרעזיער שטאַמט פונם פּוילישן וואָרט "brzoza" (אויף דייטש בּירקע) אָדער פונם דאָרף "Brzozowa", וואָס ליגט אין די קאַרפּאַטן 19 קילאָמעטער פון בּאָלעכאָוו. בּכלל איז דאָ דאָס איינציגע מאָל, ווען מיר בּאַגעגענען אין די "זכרונות" דעם נאָמען בּרעזער.

[2]) Cessio — קבּלת קנין.

דאָס רעכט אויף מקבל זיין צוויי טויזנט גילדן פֿונעם גרויסן חוב זיבן טויזנט גילדן, וואָס קומט אונדז פֿונעם פּריץ מאָראַווסקי. יענער כתב איז אָבער געווען פֿאַלש, ווייל דער פּריץ טשאַיקאָווסקי איז משוגע געוואָרן און האָט אַליין אָנגעשריבן אויף זיין נאָמען די דאָזיגע צעסיע, האָט אָפּגעזוכט אין לוואָוו אַ אידן, וועלכער האָט אים געוויזן אונזער חתימה, וואָס אויף אַ וועקסל, און דער דאָזיגער איד האָט געחתמעט אונזער נאָמען אויפֿן צעסיע־כתב.

ווען דער פּריץ גאָרזעווסקי האָט דאָס דערזעהן, האָט אים שטאַרק פֿאַר־דראָסן, הגם ס׳איז געווען קלאָר, אַז דער גוי טשאַיקאָווסקי האָט זיין צעסיע נאָכגעמאַכט. ס׳איז פֿאַר אים קיין כבוד אויך ניט געווען, וואָס ער איז געקומען ווי אַ שליח פֿון אונדז איינמאָנען אונזער חוב דורך אַ פּלעניפּאָטענציע[1] און ניט מיט אַ צעסיע ווי דער צווייטער פּריץ. גאָרזעווסקי איז געווען געצוואונגען שיקן צו אונדז אַ גוי אַן אַדוואָקאַט, וואָס איז געווען בקי אין זייערע געזעצן, מיט אַ בריף, אין וועלכן ער האָט אונדז געבעטן געבן אים אַ צעסיע אויף מאָראַווסקיס גאַנצן חוב בקנין גמור, און ניט אַלס אַ שליח, ווי ער האָט פֿריהער געמיינט. כ׳האָב געמוזט פֿאָרן קיין זידאַצשוב אין גראַד־משפּט, וואו כ׳האָב אים איבערגעגעבן דעם פּריצעס אַלע כתבים, און ער האָט אונדז באַפֿרייט פֿון גאָרזעווסקיס גאַנצן חוב אויפֿן סכום 300 דוקאַטן, ווי ס׳איז באַשריבן אין די אַקטן פֿונעם זידאַצשובער גראַד־געריכט.

דעמאָלט איז אויך אינגאַנצן בטל געוואָרן דער חוב פֿון די צוויי טויזנט פּוילישע גילדן, וועלכער ס׳האָט געוואָלט בײַ אונדז מאָנען דער דערמאָנטער פּריץ טשאַיקאָווסקי, ווי כ׳האָב עד היום אַ קאָנווערט פֿול מיט כתבים און פֿאַרחתמעט מיטן שטעמפּל פֿונעם לוואָווער געריכט, וואו ס׳איז דערקלערט, אַז דער דאָזיגער חוב איז בטל ומבוטל.

איצט וועל איך אגב דערציילן דעם גרויסן נס, וואָס גאָט מיט זיין רחמים האָט אונדז געטאָן מיט איין פּריץ, וועלכער האָט געהאַט אונזערס אַ וועקסל אויף 5318 פּוילישע גילדן קרן און פּראָצענט פֿאַר אַכט יאָר. דער פּריץ האָט געהייסן אַבראַמאָווסקי, אַ געבוירענער אין ליטע, און ווען ער איז אין תק״ב געווען אין בראָד בעת דער ערשטער שׂרפֿה, וואָס איז דאָרט פֿאָר־געקומען, האָט ער באַקומען אָנגעראַבעוועטע האָב און גוטס און איז שטאַרק רייך געוואָרן; פֿון דעמאָלט אָן האָט ער געפֿירט געשעפֿטן מיט פֿאַרשיידענע פּריצים, ווער ס׳האָט באַדאַרפֿט האָבן מזומן געלט, האָט ער געליען פֿון זיין קעשענע און דערוואָרבן בײַ זיי גוטע דערפֿער, האָט אַ סך מרויח געווען בײַ פֿעלד־תּבֿואות פֿון די דערפֿער, אין וועלכע ס׳האָבן בײַ אים געאַרבעט פֿאַנטשינע־גוים. אויף אַזאַ אופֿן האָט ער אָנגעזאַמלט אַ סך געלט. אויף דער עלטער איז ער געקומען קיין לוואָוו, און ווייל ער איז געווען פֿון

[1]) Plenipotentia – פֿולמאַכט.

לאַנג אָן אונזערער אַ גוטער באַקאַנטער און פריינט, איז ער איינגעשטאַנען באַ אונז, האָט מיט אונז געוואוינט צוזאַמען עטליכע חדשים זומער־צייט און דערקענט אונז פאַר לייטישע מענשן. שפּעטער איז ער אַרויסגעפאָרן פון לוואָוו און זיך באַזעצט אין אַ דאָרף נאָהענט צו מאָסטישקע[1]. די גאַנצע צייט פון קאָנטראַקטן האָט דער ראָזינער פריץ פאַרבראַכט אין לוואָוו און אונז ניט געפונען, האָט ער באַלד, ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קי"רה'שער משפט, איבערגעגעבן אונזער וועקסל דעם ריכטער פון מאָסטישקע, ער זאָל איינמאָנען באַ אונז זיין חוב פון פינף טויזנט דריי הונדערט אַכטצן פוילישע גילדן קרן, אַחוץ עוסקא, וואָס ס'קומט אים פאַר מער פון זעקס יאָר.

אין דעמזעלבן יאָר בשעת קאָנטראַקטן האָב איך באַגעגנט דעם פריץ אַבראַמאָווסקי, און ער איז בלינד געוואָרן אויף ביידע אויגן; אַ קליין שיינעצל האָט אים געפירט. איך בין אָוועקגעגאַנגען אין זיין אכסניא צו ר' טוביה קאָמאַרנער, אַ לייטישער מענש, און גערעדט מיט אים מכח'ן ראָזינער בלינדן פריץ; ער האָט מיר דערציילט, אַז דער פריץ האָט דאָס וועקסל איבערגעגעבן דעם דערמאָנטן ריכטער.

כ'האָב גלייך געווענדט די אויגן און דאָס האַרץ צו גאָט, וועלכער האָט מיר ביז איצט געהאָלפן, און הלואי זאָל ער מיר פון איצט אָן און ווייטער אייביג העלפן. כ'בין אַליין געגאַנגען צום פריץ איבערריידן מיט אים. ער האָט זיך זעהר דערפרייט, דערהערנדיג מיין קול, האָט ער מיך געפרעגט, וואָס מאַכן ווייב און קינדער, און איך האָב געענטפערט אַלץ, ווי ס'דאַרף צו זיין, נאָר דערקלערט אים, אַז מיר קאָנען ניט אַרויסשלעפּן אונזערע חובות באַ אַ סך פריצים, וועלכע ווילן ניט, ניט דורכן געריכט און ניט על פי יושר באַצאָלן נאָרניט פאַר די גוטע וויינען, וואָס זיי האָבן באַ אונז גענומען פאַר זייערע צרכים; אַ סך זיינען גאָר ניט אימשטאַנד צו באַצאָלן זייער חוב. דאַריבער קאָנען מיר אויך ניט באַצאָלן אונזער גרויסע צאָל חובות, ווי אונזער שטייגער איז געווען פון תּמיד אָן צו באַצאָלן צום גענויעם טערמין. „דער פריץ אַליין, — זאָג איך, — ווייסט דאָך אויך גאַנץ גוט און מוז מיר מוחל זיין פאַר דעם, וואָס כ'האָב פאַרשפּעטיגט אָפּצאָלן דעם חוב, ווייל מיר האָבן דאָס ניט געטאָן מחמת אונזער בייזן ווילן אָדער פאַלשקייט, נאָר צוליב די טרויעריגע געשעהענישן און שלעכטער צייט זיינען אַ סך באַוואוסטע סוחרים געצוואונגען געווען אָפּשטעלן זייערע מסחרים און זיינען געוואָרן יורדים; פאַראַן קריסטן אַזעלכע, היינט וואָס זאָלן טון מיר אומגליקליכע אידן. גאָט ווייסט אונזערע ערליכע מחשבות". דער גוי איז אויפגערעגט געוואָרן, האָט געלאָזט טרערן און געזאָגט: „אמת,

[1]) Mościska — צו מערב פון לעמבערג.

כ׳וויס, אַז איר זענט ערליכע מענשן און תּמיד זיך באַגאַנגען גוט מיט יערערן. גאָט זאָל זיך אויף אייך דערבאַרימען". זאָג איך צו אים: „צו וואָס וויל דער פּריץ אָנהויבן זיך לאָרן מיט אונז, וואָס קאָן זיך ציהען אָהן אַן עק, און ס׳איז נאָך אַ ספק, ווער ס׳וועט דעם משפּט געווינען און ווער ס׳וועט דאַרפן באַצאָלן די גרויסע הוצאות". און נאָך אַזוינע מיושבדיגע רייד האָב איך מיט אים געטענעט. אויך ר׳ טוביה דער רערמאָנטער בעל־אכסניא האָט זיך פאַר אונז אַ סך מתנצל געווען, איבער־הויפּט האָט זיין ווייב אַ חשובע פרוי גערערט אַ סך, ביז דער גוי אַבראַמאָווסקי האָט מסכּים געווען אומקערן אומזיסט אָהן געלט דאָס גאַנצע וועקסל, איך זאָל אים נאָר געבן עטליכע דוקאַטן אויף דער הוצאה. מיר האָבן זיך אויסגעגלייכט פאַר צוועלף דוקאַטן אויף זיין הוצאה און אויך אַן אַנטאַל ווין. אַזוויוי אונזערע וועקסלען אויפן גאַנצן חוב זיינען ניט געווען באַ אים אין דער האַנט, ווייל ער האָט זיי שוין איבערגעגעבן דעם ריכטער אין דער שטאָט מאַסצישקע, ווי ס׳איז אויבן דערציילט, איז דער בלינדער פּריץ געגאַנגען מיט מיר צום סענדזיאַ[1]) און געבעטן באַם קאַנצעלאַריע־שרייבער פון וואָיעוואָרע־משפּט ראַגאַלסקי, ער זאָל אין אַבראַמאָווסקים נאָמען אָנשרייבן אַ קוויטונג און באַפרייען מיך פונם גאַנצן חוב, וואָס ס׳קומט אים פון מיר. דער בלינדער פּריץ האָט אַליין מיט זיין אייגענער האַנט געחתמעט אויף די אַקטן און ס׳איז דאָרט אָנגעשריבן געוואָרן די קוויטונג, ווי ס׳געהער צו זיין אויפן חוב 5318 פּוילישע גילדן מיט עיסקא, וואָס ס׳קומט פאַר עטליכע יאָר. כ׳האָב ראַמאָלס אַרויסגעזעהן בחוש גאָטס חסד מיט מיר, ווי איך בין ניצול געוואָרן פון אַזאַ גרויסן חוב. באַם דערמאָנטן ר׳ טוביה קאַמאַרנער, וואו ס׳איז געווען אָט דער בלינדער פּריץ, איז ראַמאָלס איינגעשטאַנען אויך דער אלוף ר׳ יצחק הינדה׳ס פון ....[2]), און ער האָט צוגעזעהן אַלע מעשים פון גאָט מיט מיר און אַ סך זיך געוואונדערט.

ווינטער, ווען כ׳בין געווען אין דערהיים און ס׳איז געקומען די צייט פון קאָנטראַקטן, ווען מ׳דינגט די אַרענדעס, האָט קיינער ניט געוואָלט נעמען די שטאָט־אַרענדע, ווייל די פריהעררדיגע אַרענדאַרן האָבן אין דעם עסק פאַרלוירן גרויסע סכומים, מחמת דער פאַרוואַלטער באַבראַאָווסקי פלעגט זיך נוהג זיין אויף אַזאַ אופן, אַז ער האָט געשטרעבט נאָר צו ראַבעווען און גזלנען אידיש האָב און גוטס; איינינע האָט ער געצוואונגען זיך באַזעצן אין דער נייער שטאָט פאָרוויסאָקי, ווי כ׳האָב דערציילט אויבן אויף זייט...[3]),

---

[1]) סענדזיא הייסט א ריכטער. ער מיינט אוראי די קאנצעלאריע פונם וואָיעוואָדע־משפּט.
[2]) דער נאָמען פונם אָרט פעלט אינם כּתב־יד.
[3]) די זייט פעלט אין כּתב־יד, די מעשה גופא איז אָבער גענוי דערציילט געוואָרן. ז. זייט 106.

איינינע זיינען געווען געצוואונגען צו האַלטן די באַלעכאָווער אַרענדע, כּדי זיי זאָלן ניט דאַרפן באַזעצן זיך אין דער נייער שטאָט.

אין פאָרינגן יאָר תּקכ״ז האָבן די אַרענדע געהאַלטן דער קצין ר׳ זימל ע״ה, ר׳ יהודא ליב ר׳ שניאורס, ר׳ דוד ר׳ רובער כּ״ץ׳ס זון, דער אלוף ר׳ נפתּלי הירץ ר׳ יוסף׳ס ע״ה און די איבעריגע שותּפים צום עסק, ניט כּדאַי זיי אויסרעכענען, ווי ר׳ ליב נעניזווער א. אַ. וו. זיי האָבן אַלע געמוזט דערלייגן אַ גרויסן סכום צו באַצאָלן די ראַטע, וואָס האָט אָנגעטראָפן מער פון אַכטצען טויזנט רוקאַטן, וועלכע האָבן דאַמאָלס געהאַט דער ווערט יעדער רוקאַט צו 27 פּוילישע גילדן.

אין דער דאָזיגער צייט האָט אונזער פריץ דער פאָרצשאַשע אָנגעהויבן מורד זיין קעגן דער פּוילישער קרוין, ווי מיר האָבן דערציילט אויבן. דער פאַרוואַלטער באָבראָווסקי אָבער האָט ניט געוואָלט צושטיין צו זיין פריץ און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע. דער פריץ איז געזעסן אַ גאַנצן ווינטער איינער אַליין פאַרבאַהאַלטן אין זיין גרויסאַרטינן פּאַלאַץ אין טרעמבאָווליע, האָט טאָג און נאַכט געשריבן בריוו צו אַלע זיינע באַקאַנטע פּוילישע פּריצים, זיי זאָלן זיין גרייט אַלע צוזאַמען צום אויפ־שטאַנד קעגן פיינט, ווען די קאָנפעדעראַציע וועט זיך אָנהויבן; די הכנסות פון אַלע זיינע גיטער זיינען געבליבן אויף דער השגחה פון דער פאַרוואַלטונג אין יעדער שטאָט באַזונדער. יעדער פון די עקאָנאָמען האָט צוגעזוינן אויך די אידישע אַלופים, זיי זאָלן אים העלפן געפינען אַ איש בּטוח אויף האַלטן די אַרענדע. דאָ אין באָלעכאָוו האָט קיינער ניט געוואָלט האַלטן די היגע אַרענדע אויס מורא פאַר היזק.

ווען די אלופים און דער פאַרוואַלטער להבריל האָבן געזעהן, אַז קיינער פון אונזער קהלה וויל ניט דינגען די אַרענדע, האָבן זיי אַלע זיך געווענדט צו מיר און אָנגעהויבן איינריידן, איך זאָל ווערן דער אַרענדאַר. אויך אונזער רב ר׳ צבי הירש זצ״ל האָט מיר געעצהט דערצו פאַר מיין טובה וועגן, זאָגנדיג, אַז דאָס וועט זיין אַ כּבוד קעגן אונזערע בעלי־חובות, ווייל אויך דער פריץ וועט מוזן אונז שיצן קעגן זיי. איבערהויפּט האָט מיר מבטיח געווען דער עקאָנאָם מאַיעווסקי, ווי ווייט מעגליך צו העלפן דאָס גאַנצע יאָר אין אַלע ענינים פון דער אַרענדע. ער האָט אויך געפּועלט אַן הנחה פונם פרייז, ווייל פאַראַיאָרן איז געווען אַכטצען טויזנט פּוילישע גילדן און איצט איז דער קאָנטראַקט געשריבן געוואָרן אויף זעכצען טויזנט פּוילישע גילדן.

באַזונדערס האָבן מיינע שכנים די אלופים ר׳ עזריאל זעליג ר׳ בער מנקרס זון, ר׳ אברהם ר׳ זאב וואָלף׳ס ע״ה און דער דריטער ר׳ דוד ר׳ שמואל מנקרס זון, וועלכע האָבן אַמאָל געהאַלטן די מיל און שטייער־

צאָל און זיינען געווען נעגיט אין די אַרענדע־עסקים, מיר מבטיח געווען באַניין זיך מיט מיר אָרנטליך און מיטהעלפן אין די אַרענדע־עסקים, ס׳זאָל אַלץ גוט זיין. זיי זיינען געווען קלאָר אין אַלע אופנים ווי צו מרויח זיין אין דער אַרענדע, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אַ סך יאָרן, און זאָגן צו מיר: „גוטער פריינט, צו וואָס דאַרפט איר האַלטן צום דאָזיגן עסק משרתים און נאמנים, וואָס זיינען גורם גרויסע הוצאות, בעסער ניט עפּעס די דאָזיגע שותּפים אַ חלק פונם ריוח. וואָס נאָט וועט געבן אי״ה צו פאַרדינען אינם עסק, און געווים וועלן אַזוינע מענשן טון געטריי, ווי בײַ זיך אַליין, ניט ווי משרתים, וואָס אויף זיי שטייט געשריבן: „מרבה עבדים מרבה גזל״[1]).

און כ׳האָב גענומען אויף זיך לויטן געזעץ די גאַנצע אַרענדע, געהייסן מאַכן איין קאַסטן פאַר דער קאַסע מיט זעקס אָפּטיילונגען פאַר די זעקס קליינע קעסטלאַך אינעווייניג, כּדי אַריינצוּוואַרפן אין זיי דאָס געלט פון די אַרענדע־הכנסות און דאָס געלט פון יערער הכנסה זאָל ליגן באַזונדער אין זיין קעסטל. ס׳זיינען אויך געמאַכט געוואָרן צוויי חשבונות־ביכער פון צוויי ליבּרעס פּאַפּיר, איינער — פאַר די שיינקען, דער צווייטער פאַר די מילן; די רייסטערס זיינען געמאַכט געוואָרן מיט גראַפּעס אויף די זייטן, כּדי יערע הכנסה זאָל פאַרשריבן ווערן מיט קליינער שריפט אויף איר זייט און ס׳זאָל זיין פאַרצייכנט פון וואָסער הכנסה, דורך וועמען און דער סכום געלט מיט אַ גענויעם סדר, אַלץ אויף זיין גראַפּע. כ׳האָב געטראַכט, אַז מיינע שותּפים וועלן זיין צופרידן דערפון, וואָס כ׳האָב געמאַכט אַ קלאָרן סדר צום פירן דאָס געשעפט. און זיי זיינען ווירקליך געווען דערפון צופרידן.

האָט זיך אָבער דערפון דערוואוסט מיינער אַ שונא און זאָגט צו די שותּפים: „צו וואָס דאַרפט איר טון אַזוי, ווי ער עצהט, און פירן אַזעלכע רייסטערס, וואָס קיין שום איר פירט ניט אַזוי די געשעפטן, ער וויל אַוודאי אייך באַנעמען. איר אַרבעט טאָג־טעגליך מיט די אַרענדע־עסקים, און ער וועט זיצן אין דערהיים און וועט מרויח זיין״. און נאָך אַנרייצנדע רייד האָט ער זיי אָנגערעדט, בּיז ס׳האָט זיך צו מיינע שותּפים אין האַרצן אַריינגעגנבעט שנאה אויף מיר. טרעפט זיך, אַז די ערשטע וואָך, וואָס כ׳האָב גענומען די אַרענדע פון בּראָנפן צו מיר אין שטוב אַריין, זיינען געקומען ממש אַלע גויים פון שטאָט מיט די ווייבער און קינדער מיט גרויס פרייד, וואָס איך האָב גענומען די אַרענדע, האָבן געטרונקען אַ סך פאַר מזומן געלט און ס׳איז געלייזט געוואָרן פאַר בּראָנפן אַ סך הונדערטער גילדן. נאָך דעם, ווי די שותּפים האָבן גוט איבּערגערעדט מיט מיין דערמאָנטן שונא, זיינען זיי געקומען און צוגענומען פון מיין שטוב דעם אַרענדאַר־בּראָנפן און איבּערגעפירט אין שטוב צו מיין שכן ר׳ בּרוך

[1]) פּרקי אבות, ב׳. ווער ס׳האָט אַ סך קנעכט, ווערט אַ סך באַגזלט.

פון צערקאָווגע, וועלכער איז געווען זייערער אַ קרוב. אָבער אין משך פון דער גאַנצער וואָך איז ניט געלייזט געוואָרן במזומן מער פון זיבעצן גילדן. דער חיין־פּאַרקויף איז ביסלעכווייז געוואָרן ווייניגער און ווייניגער, ביז מ׳האָט אויפגעהערט זעהן אַ מזומענעם גראָשן און נאָר געגעבן די גויים אויף באָרג. אויך אין די איבעריגע אַרענדע־עסקים, ווי די מיל און שטייער־צאָל, האָבן מיינע שותּפים געטאָן לויט זייער ווילן. אין אַ פערטל יאָר אַרום האָב איך אַריינגעקוקט אין די אַרענדע־חשבונות פון די רייסטערס און דער קאַסע, און ס׳האָט אַ סך געפעלט, אַפילו אַ העלפט פון דער ראַטע, וואָס מ׳דאַרף צאָלן פאַר אַ פערטל יאָר, האָט מען ניט געקאָנט געמען במזומנים. ס׳האָט מיך זעהר געאַרט, ווייל כ׳בין אַריין אין אַזאַ סכנה, וועלכע וועט מיר אפשר ברייגגען שאָדן מער פון אַלע צרות, וואָס כ׳האָב געהאַט ביז אַהערצו מיט די חובות פון די פּריצים, וואָס זיינען פון דערוויטנס. תּמיד קאָן אונזער שרה העלפן און מציל זיין סיי דורך אַ פּשרה צו אויסצאָלן איינציגווייז, סיי באַם לאָדן זיך אין זייערע געריכטן, אָבער ווער קאָן זיך לאָדן מיטן שרה אַליין, וואָס איז שטאַרקער פון אונז. כ׳האָב זעהר מורא געהאַט, ס׳האָט מיר באַנג געטאָן און כ׳האָב געווענדט די אויגן און דאָס האַרץ צו גאָט, זאָגנדיג, פון וואַנען וועט קומען מיין הילף א. אַ. וו.

איינמאָל איז אין שלאָס אַריינגעקומען זאַרעמבאַ דער מאַרשאַליק, ד. ה. דער עלטסטער דינער פון אונזער שרה דעם פּאַרצשאַשע מיט אַ באַפעל פונם פּריץ אַראָפּזועצן דעם עקאָנאָם מאַיעווסקי, אויף וועמענס אָרט ס׳איז באַשטימט געוואָרן איינער רעמבאָוויץ. דער ראָזינער רעמבאָוויץ האָט באַראַרפט אויך אַריינקוקן אין די עסקים פון דער הכנסה פון באָלעכאָווער גיטער. זאָגן מיר מיינע שותּפים: „אפשר וואָלטן מיר געבעטן באַם ראָזינגן ארון, ער זאָל אונז געבן איינצגע עצות צו פאַרבעסערן די אַרענדע־הכנסה“. האָב איך זיי געפאָלגט און געשריבן אַ בקשה לויט זייערע רייד, ווי זיי האָבן געבעטן, בין אַוועקגעגאַנגען צום ראָזינגן ארון, אים איבערגעגעבן די שריפט־ליכע בקשה און אָנגעהויבן ריידן מיט אים מינדליך, ווי דאָס האַרץ האָט נעגלוסט, זאָגנדיג: „ווי אַזוי קאָן אונזער פּריץ וועלן, מיר זאָלן האָבן היזק באַ דיין אַרענדע, אַ זאַך וועלכע כ׳האָב קיין מאָל ניט געפּרובט, זינט כ׳לעב ניט געהאַלטן און ניט מרויח געווען אַפילו אַ פּרוטה באַ קיין שום אַרענדע אין דער וועלט; פון דער יוגנט אָן בין איך אַ וויין־סוחר, צו וואָס די עלטערן האָבן מיך געלערנט און פינף און צוואַנציג יאָר זיך פאַרנומען מיטן ראָזינגן מסחר אין לוואָוו, ווי ס׳איז יעדערן באַוואוסט. איצט בין איך אַרויס פון לוואָוו און געבראַכט איינציגע ווינען אַהער קיין באָלעכאָוו, וואָס כ׳האָב געטאָן לויט דער עצה פון אונזער פּריץ, וועלכער האָט מיר אין לוואָוו נעזאָגט, מיר זאָלן מער ניט ברייגגען אַהינצו קיין ווין, ווייל ער וועט

ניט זיין אימשטאַנד צו באַשיצן זיי פון גזילות, וואָס קאָנען דאָ געשען, און בעסער מיר זאָלן האַלטן די וויינען באַ אונז אין דערהיים אין באָלעכאָוו״. אויסהערנדיג דאָס, זאָגט צו מיר דער ראָזיגער ארון זאַרעמבאַ: „גיי און הייס אָנשרייבן אַן אַנדער בקשה לויט דיינע רייד״. איך האָב צוגענומען באַ אים די בקשה, און מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען און אָנגעשריבן אַן אַנדער בקשה, געווענדט צום שררה, ער זאָל מיט זיין חסד באַטראַכטן, צי איז אַזוי דער יושר, „אַז איך, וועלכער האָט זיך פאַרנומען פון דער יוגנט אָן שוין העכער צוואַנציג יאָר מיט אַ מסחר, וואָס איז באַזאָוסט אין ווייטע לענדער און אין אַלערליי שטעט, און איצט בין איך געקומען אונטער זיין שוץ און האָב מסכים געווען צו האַלטן דעם פריצעס אַרענדע, ניט כּדי צו מרויח זיין, נאָר כּדי אָפּצוהיטן דעם פריצעס הכנסה זאָל ניט געמינערט ווערן. אָבער איצט מחמת די שלעכטע צייטן האָבן מיר אַ גרויסן היזק פון דער אַרענדע, וואָס מיר וועלן ניט קאָנען אַריבערטראָגן. וואָס וועט דערפון אַרויסקומען דעם פריצעס פינאַנצן, אויב איך, אַן אָרימאַן, וועל אינגאַנצן רואינירט ווערן נאָך דעם, ווי כ׳האָב איבערגעלאָזט אין לוואָוו אַ סך וויין אויף הפקר און אויך אַ סך פריצים האָבן באַ אונז צוגענומען גרויסע סכומים וויין אויף באָרג, און מ׳קאָן באַ זיי ניט אַרויסמאָנען. איבערהויפּט האָבן מיר געהאַט אַ סך היזק בשעת די רעוואַלוואַציעס פון די מטבעות אין די פאָריגע יאָרן. אַלע סוחרים האָבן פאַרלוירן, ווי באַוואוסט, גרויסע סכומים. און ווי אַזוי זאָל אונזער פריץ זיך ניט דערבאַרימען אויף אונז און זאָל וועלן פון זיינע אונטערטעניגע, וואָס זיינען אים שטענדיג טריי אינגאַנצן, מאַכן אַ תל״.

אַחוץ דעם האָב איך אָנגעשריבן אַ שיינע בקשה צום שררה אין נאָמען פון די קהל־אלופים מכּח דעם רבנות־אָפּצאָל, וואָס זיי האָבן געמוזט פון דער פלייש־טאַקסע צאָלן יערליך דער פריצישער קאַסע אַכטציג דוקאַטן. כ׳האָב דעם פריץ געגעבן צו פאַרשטיין, ווי אונזער קהלה איז זיך שטענדיג נוהג האַלטן גוטע רבנים און אויך איצט איז באַ אונז אויפגענומען געוואָרן זעהר אַ פיינער און מפורסמער רב, וועלכער קאָן אונז ניט געבן אַפילו אַ דריטל פון די אַכטציג דוקאַטן, וואָס מיר צאָלן אין דער קאַסע.

כ׳האָב אויך געשריבן אַ דריטע בקשה אין נאָמען פון דער גאַנצער קהלה וועגן דער אַרענדע פון קאַראַמזין־גאַרטלען, וויל פונם האַנדל מיט וואָלענע גאַרטלען איז געמאַכט געוואָרן אַ נייע אַרענדע פון אַכט הונדערט פּוילישע גילדן. דער ראָזיגער מסחר געפינט זיך באַ די אָרימע לייט פון אונזער שטאָט אין די הענט, וועלכע בעטן דעם פריצעס חסד פאַרלייכטערן זיי דעם אָפּצאָל־יאָך פונם ראָזיגן קבצנישן מסחר א. אַ. וו.

אויף די דאָזיגע אַלע דריי בקשות איז אונז אָנגעקומען אַ תשובה פונם שררה אַליין, וועלכער האָט אונז אַרויסגעוויזן גרויס חסר. א. — וועגן דער גרויסער אַרענדע, וואָס די ראַטע באַטרעפט אויף אַ האַלב יאָר אַכט טויזנט פוילישע גילדן, האָט דער שררה מותר געווען פופצן הונדערט גילדן, און מ׳זאָל אויף חנא יאָהאַן באַצאָלן 6500 פוילישע גילדן. ב — וועגן קהלס בקשה מכּחן רבנות־אָפּצאָל האָט ער מותר געווען 20 רוקאַטן. ג — אויך פון דער גאַרטלען־אַרענדע האָט ער מותר געווען 20 רוקאַטן.

בשעת כ׳האָב דאָס דערזעהן, האָב איך צונויפגערופן מיינע אַרענדע־שותפים און גלייך אַריינגעקוקט אין זייערע חשבונות און רייסטערס, מיר האָבן אויך בודק געווען די גאַנצע מזומענע קאַסע און מ׳האָט בשום אופן ניט געקאָנט אַרויסנעמען פונם גאַנצן אַרענדע־עסק אַפילו דעם סכום, וואָס מ׳דאַרף צאָלן שוין נאָך דער דערמאָנטער גרויסער הנחה. ס׳האָט מיך זעהר געאַרט זעהענדיג, אַז נאָך די השתדלות און דערגרייכונג פון אַזאַ היפּשער הנחה, איז שוין מער ניטאָ פון וואַנען צו וואַרטן אויף שטיצע, און וואָס וועלן מיר זאָגן, ווען דעם פּריצעס הכנסה וועט ניט אַריינגעטראָגן ווערן ביז חנא יאַן. דערצו נאָך זיינען מיר, ניט איך, ניט מיינע שותפים, קיין בטוחים אויף קרעדיט, ס׳זאָל אונז עמיצער לייען אַ סכום אויף באַצאָלן די דאָזיגע ראַטע, האָב איך אויפגעהויבן די אויגן צו גאָט און געזאָגט: „מאין יבוא עזרי מעם ר׳ עושה שמים וארץ״. דער אַלמעכטיגער גאָט פאַר־לאָזט אָבער ניט זיינע קינדער ישראל און הערט ניט אויף צו טון וואונדער און נסים צו העלפן זיי אין צרות. טרעפט זיך, אַז צווישן די גרויסע קצינים און אלופים, וואָס האַלטן די היגע באָלעכאָווער, ציסעווער[1]) און לישוויצער זאַלץ־גרובן, איז געוואָרן גרויס קנאה, ווען זיי האָבן דערזעהן, אַז מיר האָבן מיט אונזערע בריף געפּועלט גרויסע חסרים באַם פּריץ, און דער קצין און נגיד פון אונזער קהלה ר׳ יצחק חר״מ און ר׳ מענדל ברי״ל ע״ה פון סטרי, וועלכע האָבן געהאַלטן אונזער זאַלץ־גרוב, האָבן געבעטן מיך, איך זאָל אָנשרייבן אויך פון זיי אַ בקשה צום פּריץ. זיי האָבן געשיקט צו מיר ר׳ יוסף ר׳ זלמנס, וועלכער איז געווען אויסגעקאָכט צווישן די פּריצים און קאָן צונויפשטעלן דעם אינהאַלט פון זייער בקשה, און ער וועט מיר זאָגן די פּונקטן פונם אינהאַלט, איך זאָל אָנשרייבן ווי ס׳דאַרף צו זיין און ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ שררה. און דער דאָזיגער ר׳ יוסף זאָגט צו מיר: „די זעלצערס בעטן ניט קיין שום הנחה פונם פּריץ און ווילן באַצאָלן אינגאַנצן דעם סכום פון דער ראַטע, וואָס קומט פון זיי. נאָר צוליב די שלעכטע צייטן און דעם חורבן מיטן יקרות קאָנען זיי ניט איינמאָנען און אַרויסשלעפּן באַ די פּאַנשטשינע־גוּיים די חובות פאַר זאַלץ, וואָס יענע האָבן גענומען אויף

[1]) ריכטיג ציסאָוו (Cissow) – א דאָרף צו דרום־מזרח פון באָלעכאָוו.

באָרג באַ די זעלצערס; צו חגא יאַן איז אוממעגליך פאַר די דאָרפס־גוויים עפּעס צו באַצאָלן, ווייל ס׳איז נאָך פאַר דער נייער תּבואה, אַלע געפינען זיך אין וועג, געגאַנגען פאַרקויפן די זאַלצן, וואָס זיי האָבן גענומען באַ די זעלצערס. דאַריבער בעטן די זעלצערס: זאָלסט, פריץ, מיט דיין חסד הייסן, אַז מ׳זאָל אונז אָפּלייגן אַ טייל פון דער ראַטע פון חגא יאָהאַן אויף חגא מיכאַילע[1]), וואָס איז סוף זומער, און דאַמאָלס איז גוט איינצומאָנען פון די דאָרפס־גוויים די חובות; דאַן וועלן זיי לייכט באַצאָלן די איבעריגע ראַטע פון חגא יאָהאַן״.

כ׳האָב געשריבן זייער גאַנצער בקשה געטרי, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ שררה, און געטראַכט, אַז איצט איז פאַר אונז אויך גוט צו זוכן הילף אויף אַזאַ אופן; האָב איך אָנגעשריבן אַ בקשה צום שררה אינם נאָמען פון די אָרטיגע סטאַראָסטעס און קריסטליכער באַפעלקערונג, ווי אויך להבדיל פון קהל׳שע מנהיגים און דער אידישער קהלה, מיט אַזאַ נוסח: „מיר בעטן דעם שררהס חסד רחמנות האָבן אויף די אָרימע־לייט פון דער גוויאישער באַפעלקערונג און אידן להבדיל, וועלכע האָבן געמוזט אינם דאָזיגן יאָר בשעתן יקרות קויפן פון דער מיל אַ סך תּבואות, קאָרן, ווייץ און אַנדערע הצטרכותן צו שטילן זייער הונגער און איבער די שלעכטע צייטן זיינען זיי איצט זומער פאַר דער נייער תּבואה ניט אימשטאַנד באַצאָלן זייער חוב; מיר בעטן דעם פריצעס חסד הייסן די אַרענדאַרעס וואַרטן און אָפּלייגן דעם טערמין פון צאָלן ביז חגא מיכאַילע״. ס׳האָבן זיך געחתמעט דער ריכטער מיט די איבעריגע שטאָט־פירערס און פאַרחתמעט מיטן אָרטיגן שטעמפּל. אויך די אלופים און אייניגע פון קהל האָבן זיך געחתמעט אויף דער דאָזיגער בקשה...

...מיט זיינע אויגן. אַז ער האָט דערהערט מיינע שיינע רייד אין אַ ריינעם קלאָרן פויליש, האָט ער געזאָגט צו זיין מעקלער דעם אידן ר׳ איציק זוברי: „ווי קומט עס, וואָס איר אידן פון דער גרויסער שטאָט לוואָוו קאָנט קיינער ניט רעדן גוט פויליש, ווי דער דאָזיגער יונגערמאַן, וועלכער רעדט ריכטיג אַקוראַט ווי מיר״. ער האָט תּיכּף מיר געגעבן פינף האָלענדער דוקאַטן פאַר צען טעפּ וויין בתּנאַי, אַז איך טאָר ניט פאַרקויפן קיין וויין פון דער דאָזיגער פאַס, ביז ער וועט ניט נעמען די צען טעפּ, וואָס ער האָט געקויפט, און ער האָט רעכט צו נעמען נאָך פון דער דאָזיגער פאַס, אַפילו די גאַנצע פאַס קאָן ער נעמען פאַר מזומן געלט. און ס׳איז ווירקליך אַזוי געווען, אַז דער דאָזיגער פּריץ האָט אויסגעטרונקען אָט די גאַנצע פאַס און האָט נאָך גענומען אַנדערע וויינען. שפּעטער די גאַנצע

[1]) דער הייליגער מיכאל – 29־טער סעפּטעמבער.

צייט, וואָס מיר זיינען געווען אין לוואָוו, האָט ער ניט גענומען קיין ווײַן בײַ קיין שום אַנדערן סוחר אַחוץ אונז. לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער ענין.

ווען כ'האָב געבראַכט מיין ברודער פינף רוקאַטן רענדליך, האָט ער זיך זעהר געפרייט, ווייל שוין העכער זעקס וואָכן, זינט ער איז געקומען פון לוואָוו און האָט נאָך גאָרניט פאַרקויפט פון זיינע ווײַנען. דאַריבער האָט ער מיר געזאָגט, איך זאָל שיקן מיין פערד אַהיים קיין באָלעכאָוו און איך זאָל בלייבן מיט אים אין לוואָוו אים העלפן באַם פאַרקויפן די ווײַנען. כ'האָב אַזוי געטאָן און געבליבן אין לוואָוו און געשטאַנען, ווי אַ שומר בײַ דער טיר פון דער שטוב, וואו ס'זיינען געווען די ווײַנען. איינמאָל באַגעגנט מיך אַ פּריץ און זאָגט צו מיר: „וואָס שטייסטו דאָ?“ ענטפער איך אים: „איך זוך קונים אויף גוטן אונגאַרישן ווײַן, וואָס שטייט בײַ אונז אין די קעלערס פונם דאָזיגן הויז“. זאָגט ער צו מיר: „איך בין אויך אַ קונה אויף גוטע ווײַנען; ווייז מיר פּראָבעס פון זיי, וועל איך וויסן זייער פּרייז און וועל קויפן בײַ דיר ווײַן פאַר מיינעטוועגן“. כ'האָב אים געבראַכט די פּראָבעס, און ער איז מיט מיר מושוה געוואָרן און גענומען בײַ מיר ווײַן פאַר זיינעטוועגן די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען אין לוואָוו.

דער דאָזיגער קריסט איז געווען אַ געבוירענער אַ דייטש, אַ אָנגעשטעלטער באַם וואַרשעווער ווײַן־סוחר דיטריך. זאָגט ער צו מיר: „אויב וועסט מיך בעטן, וועל איך דיר טון אַ גרויסע טובה זאָלסט פאַרקויפן אַלע ווײַנען אין איין וואָך“. ווייל ער איז געווען בוכהאַלטער באַם דאָזינן דיטריך און בשעתן סיים אָדער אַנדערע צוזאַמענפאָרן פון די שררות פון גאַנץ פּוילן פלעגט זיי דאָס רוב ניט קלעקן דאָס מזומן פאַר דער וואַרשעווער הוצאה, האָבן זיי געמוזט בלייבן דאָרטן שולדיג און פלעגן צוזאָגן באַצאָלן זייערע חובות אין לוואָוו בשעת קאָנטראַקטן. אויף אַזאַ אופן איז דער בוכהאַלטער געקומען איינמאָנען די חובות, ווייל בשעת קאָנטראַקטן אין לוואָוו ברייענגען די שררות אַלע זייערע הכנסה־געלטער, קויפן דאָרט און פאַרקויפן אָפּטמאָל איינער דעם אַנדערן זייערע גיטער, מ'לייט און מ'צאָלט אָפּ יערערער זיין באָרג פונם גאַנצן יאָר.

ווען איינינע פּריצים האָבן דערזעהן דעם דאָזינן בוכהאַלטער, זאָגן זיי צו אים: „פּאַניע דיטריך[1], וואָס טוסט דו דאָ אין לוואָוו?“ ענטפערט ער: „כ'האָב געבראַכט אַהער גוטע אונגאַרישע ווײַנען צו פאַרקויפן אויף לאַחרים, און זיי שטייען אינם הויז פון די קאַרמעליטער גלחים“, ווייל ער האָט ניט געוואָלט מביש זיין די פּריצים, אַז ער איז געקומען איינמאָנען בײַ זיי די חובות. ווען די פּריצים האָבן דאָס דערהערט, האָט יעדערער

[1]) דער בוכהאַלטער ווערט דאָ אָנגערופן מיטן נאָמען פון זיין פּרינציפּאַל.

תּיכּף געשיקט זיין רינער מיט כּלים און געלט און געבּעטן אים, יעדערער אינם נאָמען פון זיין בּעל־הבּית, ער זאָל הייסן געבּן גוטן ווײַן פאַרן סכום געלט, וואָס דער רינער האָט געבּראַכט. ער האָט מיך גלייך גערופן אַלס זיין מעקלער און געהייסן געבּן ווײַן דעם און דעם פּריץ פון דער און דער פאַס פאַרן געלט, „וואָס וועסט מקבּל זיין און זאָלסט פאַרשרייבּן אין רייסטער מיט אַ גענויען סדר אַלץ פּינקטליך". אויף אַזאַ אופן איז פאַר־קויפט געוואָרן לאחרים צען פאַס ווײַן אין איין וואָך. דער איבּעריגער ווײַן איז אין משך פון דער דאָזיגער צייט פאַרקויפט געוואָרן פעסער־ווייז.

אַזויווי דער דאָזיגער גוי האָט צוגעזאָגט אַ סך פּריצים געבּן זיי ווײַן, האָט ער ניט געוואָלט מיך אָפּלאָזן פון דערהיים, איך זאָל אין ערגעץ ניט אַוועקגיין, ווייל יעדער רגע איז מען געקומען פון אַ סך פּריצים נאָך ווײַן; פאַר אונזערטוועגן איז אָבּער ניט געווען קיין שום חדר אינם דאָזיגן הויז, אַחוץ די קעלערס, האָט ער געמוזט זיך משתּדל זיין בּאַם פראַנצויזישן סוחר, וועלכער איז איינגעשטאַנען מיט אים צוזאַמען אין איין צימער, ער זאָל מיר דערלויבּן זיין די גאַנצע צייט מיט זיי אין זייער צימער. דער דאָזיגער סוחר האָט דאָרטן פונאַנדערגעלעגט אַלע זיינע סחורות אין אַ געוויסער אָרדענונג, ווי דער שטייגער איז פון אַזעלכע סוחרים; ער איז געווען אַ גרויסער עושר, האָט געהייסן פּיוואַל פון פאַריזש אין פראַנקרייך, און ער האָט געהאַט אין לובּלין אויף דער השגחה פון אַ בּוכהאַלטער אַ געוועלבּ פול מיט אַלערליי מינים טייערע סחורות. ער אַליין פלעגט יעדעס יאָר בּריינגען אַ סך אַזעלכע סחורות קיין לוואָוו אויף קאָנטראַקטן און מיט אים זיינען געווען צוויי אינגלאַך, איינער מיטן נאָמען קאַריע פון אַ יאָר צוואַנציג, אַ פאַריזשער, האָט ניט פאַרשטאַנען קיין שום אַנדער שפּראַך אַחוץ פראַנצויזיש (ער לעבּט נאָך ער היום אין לוואָוו, איז איינער פון די שטאָט־פירערס, האָט אַ מויער אין שטאָט און אַ געוועלבּ פול מיט סחורות אַקעגן דעם קאַטוילישן קלויסטער); דער צווייטער — יאַקאָבּ יאָהאַן לעבּערי האָט ער געהייסן — איז אַלט געווען אַ יאָר זיבּעצען, געווען אַ געבּוירענער אַ לייפּציגער און האָט געקענט דריי שפּראַכן: פראַנצויזיש, דייטש און אויך פּויליש. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך קען אַבּיסל פּויליש און לאַטיין און האָבּ אויך חשק צו לערנען שרייבּן און לייענען דייטש, זאָגט ער צו מיר: „קענסט דו העבּרעאיש?", האָבּ איך אים געענטפערט: „אַוראַי, כ'בּין דאָך פון געבּוירן אַ איד, האָבּ איך, פאַר־שטייט זיך, געלערנט, ווי ס'פּאַסט פאַר יעדן אידן, אונזער הייליגע שפּראַך העבּרעאיש". זאָגט ער צו מיר: „איך וועל מיט דיר לערנען אונזער שפּראַך דייטש בּתּנאי, אַז אויך דו מיט מיר זאָלסט לערנען שרייבּן און לייענען העבּרעאיש". ער האָט מיר תּיכּף אָנגעשריבּן אויף פּאַפּיר די אותיות

פונם דייטשן א״ב, כ׳האָב געגומען פון זיינע הענט די פען און אָנגעשריבן אַ צווייטן א״ב אונטער דעם ראָזינגן, אַקוראַט פּינקטליך ווי דער ערשטער. ער האָט זיך דאַרויף געחידושט, ווייל ווען איך האָב אים אָנגעשריבן דעם העברעאישן א״ב גמאשיכץ, האָט ער געמוזט נאָכשרייבן דריי מאָל ביז ער האָט אָנגעשריבן מיט קלאָרע אותיות דעם מוסטער פונם א״ב, וואָס כ׳האָב אים אויסגעשריבן. ער האָט געזעהן, אַז איך קען גוט פּויליש, איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט מיך געלערנט דייטש שיין שרייבן און מיט גראַמאַטיק; ער האָט מיר אויפגעשריבן אַ סך שיינע שפּריכ־ווערטער אויף אַ גוטן דייטש און מיט אַ שיינער שריפט און האָט זיך אויך בּאַ מיר אויסגעלערנט די אותיות פון לשון קודש מיט די נקודות. נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט דעם א״ב מיט די נקודות פונם געדרוקטן אין זשאלקעוו[1]) א״ב, האָב איך געמוזט קויפן פאַר זיינעט־וועגן אַ סידור, ער זאָל אין אים לייענען, ווייל כ׳האָב געזעהן, אַז דער ראָזינגער גוי גלוסט זעהר לערנען העבּרעאיש. פאַר אַזאַ קורצער צייט פון איין וואָך האָב איך געמאַכט אַ גוטע התחלה אין דער רייטשער שפּראַך, און דער גוי האָט געמאַכט אַ גרויסן פאָרשריט אין העברעאיש, ווי ס׳האָט אונז דערציילט זיין בעל־הבית דער סוחר פיוואַל, אַז אומקערנדיג זיך פון לזאָוו, איז אין אַ קרעטשמע געקומען דער בעל־הבית צו מאַכן דעם חשבון פאַרן נאַכט־לעגער, און האָט זיך אַליין אויפגעשריבן אויף אַ בלעטל אין העבּרעאיש פאַר אַ הון פופצן פּוילישע גראָשן, און מינדליך האָט ער געבּעטן פאַר איר אַ פּוילישן גילדן. דער סוחר פיוואַל האָט זיך געוואונ־דערט, וואָס אין אַזאַ קורצער צייט זאָל אַ גויאיש אינגל זיך קאָנען אויס־לערנען אַ שווערע שריפט און שפּראַך און ווי אַזוי איך האָב דאָס אַלץ געקאָנט אים אויסלערנען. דער סוחר האָט אונז אויך דערציילט, אַז ווען דאָס ראָזינגע אינגל האָט זיך אומגעקערט קיין לייפּציג צו זיין טאַטן לעבעדי, אַ גרויסן עושר, האָט ער ניט געוואָלט דינען און זיין אַ סוחר, און די עלטערן האָבן באַשלאָסן קויפן אים אַ שאַרזשע, ד. ה. אַ מיליטער־טיטל פון אַ הויפּטמאַן, דאָס אָבער האָט ער אויך ניט געוואָלט און האָט געשטרעבּט נאָר שטודירן און לערנען ווּיסנשאַפטן און שפּראַכן. ער האָט אויך זיך געסטאַרעט לערנען מער העבּרעאיש, בּיז ער איז געוואָרן אַ קענער פון העבּרעאיש, אַראַבּיש און בבליש. אין איינינע יאָר אַרום איז ער באַשטימט געוואָרן פאַר פּראָפעסאָר פון מזרח־שפּראַכן אין דער לייפּ־ציגער אַקאַדעמיע[2]). דאַן איז אין לייפּציג אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף

[1]) אין זשאָלקעוו ‹Zolkiew› איז געווען א העברעאישע דרוקעריי פונם יאָר 1690 אָן.
[2]) דער דאָזיגער לעבּעדי איז ניט געווען קיין פּראָפעסאָר, נאָר האָט שטודירט אין דעם לייפּציגער אוניווערסיטעט. דער מחבר האָט פשוט א טעות, ווי אויך דאַן, ווען ער זאָגט, אז ער איז גע־

רײטש אַ בוך, אַ איבערזעצונג פֿונם ענגלישן מחבר פּרײדאָ פֿון לאָנדאָן, װאו ס'װערט באַשריבן און דערקלערט די געשיכטע פֿון אַלע פֿעלקער, װאָס האָבן געװאױנט אין שכנות מיט די אידן, װי די מלכים פֿון אשור, בבל, פּרס און מדי, גריכנלאַנד, מאַקעדאָניע און אַנטיאָכיע און די רוימישע מלכים, װאָס זײנען נאָך זײ אױפֿגעשטאַנען, װי אַזױ זײ האָבן מיט די אידן מלחמה געהאַלטן. דער מחבר האָט באַשריבן און גוט מבאר געװען די נביאימס רײד, װי אַזױ זײ זײנען אױף די ראָזינגע פֿעלקער מקוים געװאָרן. ער האָט אַלץ אָנגעשריבן לױטן אמת, װי מ'זעהט אַרױס פֿון אונזערע הײלינגע ספֿרים. דער ראָזינגער גלח לעבֿעדי האָט מיר אַרײנגעשיקט בײדע בענד פֿונם ראָזינגן אָפּגעדרוקטן בוך און געבעטן מיך, איך זאָל אים שיקן שװאַרצע שאָפֿענע פֿעלן, הײנו, שװאַרצע זיבענבירגער שמושקעס. איך האָב אים געשיקט די שמושקעס דורכן רײטשן סוחר שולץ פֿון לװאָװ, װעלכער איז געװען דאַמאָלס אַ גרױסער עושר און באַװאוסטער סוחר אין לװאָװ, און ער האָט מיר געבראַכט די ביכער. אַז אָט דער סוחר שולץ האָט דערזעהן דעם ראָזינגן בוך, האָט ער מיר געגעבן אַ רײכסטאָלער פֿאַר איבערלײענען אים, האָט אױך דערצײלט אַנדערע רײטשע סוחרים דעם אינהאַלט פֿון אָט די ביכער און יעדערער האָט מנדב געװען אַ רײכסטאָלער פֿאַר איבערלײענען. פֿאָלגנדיגע פּערזאָנען האָבן מנדב געװען: דער סוחר בלעכנער, דער סוחר קאָצשאַראַ, דער סוחר קרײזל און דער סוחר מײסנער דער בוכהאַלטער פֿון זינקעװיצעס געװעלב. יעדערער פֿון זײ האָט איבערגעלײענט די ביכער און זײ זײנען געבליבן באַ מיר עד היום. לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער ענין.

װען מיר האָבן אין אַ קורצער צײט אַרום פֿאַרענדיגט דאָס פֿאַרקױפֿן אַלע װײנען, האָט מיר מײן ברודער ר' אריה ליב ע"ה געגעבן מײן שכר טרחה, האָט מיר אױך געשײנקט די לײדיגע פֿעסער מיט די הײזן פֿון די װײנען, װאָס זײנען פֿאַרקױפֿט געװאָרן לאחרים. זאָג איך צום ברודער: „דאָס אַלץ איז באַ מיר גאָרניט, נאָר זאָלסט מסכים זײן פֿאָרן מיט מיר נאָך אַמאָל קײן אונגאַרן קױפֿן װײן, און איך זאָל האָבן אַ חלק אינם מסחר".

װען מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהײם פֿון לװאָװ, האָט דער ברודער מיט מיר מסכים געװען און מיר זײנען גלײך אַרױסגעפֿאָרן בשלום קײן אונגאַרן, געקומען קײן טאָקאַי אױף פּורים תק"י, געקױפֿט העכער דרײסיג פֿאַס אַלטן װײן אױף פֿירן גלײך קײן פּױלן. אַחוץ די ראָזינגע, האָט דער ברודער אריה ליב געקױפֿט באַ אַ גרעק לאַזער יאַנוש, אַ רײכן און באַװאוסטן סוחר, זעכציג פֿאַס װײן פֿונם יאָר תק"ט, װעלכע זײנען געשטאַנען אינם גראַף פֿראַנץ ראַלאָיס קעלערס, אױך צװעלף פֿאַס סוכײאַגאַדער אָדער

בױרן געװאָרן אין לײפּציג: לױטן אוניװערסיטעט-מאַטריקל G. Erler, Jüngere Matrikel der Universität Leipzig, III, 225 איז לעבֿעדי געבױרן געװאָרן אין בױצען (זאַקסן).

טרוקן־בעער זיינען געבליבן דאָרט באַם סוחר לאַזאַר יאַנוש אין שטוב; אויף דעם דאָזיגן װיין האָט מיין ברודער ניט געגעבן קיין אַדרויף, נאָר באַקומען אַ כּתב, אַז אָט דער װיין איז אים פאַרקויפט. כ'האָב אַלע װיינע פאַרחתמעט מיטן ברודערס שטעמפּל, און מיר זיינען געפאָרן אַהיים מיט די דרייסיג פאַס װיין. נאָך פּסח זיינען מיר מיט די װיינען געקומען קיין לװאָװ און אָפּגעלעגט זיי אין די גלחימס קעלערס.

אין יענער צייט איז אין לװאָװ פאָרגעקומען דער לעצטער שילער־געלויף[1]), װייל פון לאַנג אָן איז אין לװאָװ געװען אָט די שטענדיגע מכּה, אַז צוליב עפּעס אַ קאָנפליקט אָדער קרינגעריי, װאָס פלעגט אַרויס איבער דער קלענסטער מחלוקת צװישן אַ אידן און אַ שילער, פלעגן די שילער, די קינדער פון פריצים און שררות, זיך צונויפנעמען, קומען אין די אידישע גאַסן, שלאָגן הרגענען און ראַבעװען דאָס אידישע האָב און גוטס, און די אידן האָבן געמוזט אַנטלויפן פון זייערע שטיבער און זיך ראַטעװען; די שילער האָבן געראַבעװעט און געגזלט, װאָס נאָר זיי האָבן געקאָנט צונעמען פונם פאַרמעגן. לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער ענין.

די װיינען, װאָס מיר האָבן דאַמאָלס געבראַכט קיין לװאָװ, זיינען פאַרקויפט געװאָרן צו אַ גוטן פּרייז און ביז י״ז תּמוז תּק״י איז ניט געבליבן באַ אונז קיין איין פאַס װיין; אין דעמזעלבן טאָג זיינען מיר אַרויסגעפאָרן פון לװאָװ און געפאָרן אַהיים דורך דער שטאָט סטרעליסק[2]), װייל אויך מיין ברודער אריה ליבס פרוי די באַװאוסטע גבירנטע רחל ע״ה איז געװען דאַמאָלס מיט אונז אין לװאָװ און האָט געװאָלט זיך זעהן דאָרט מיט איר משפּחה, מיט איר ברודער ר׳ יהושע דעם קצין און באַװאוסטן סוחר, װאָס פלעגט האַנדלען מיט דאַנציג, מיט זיינע קינדער און מיט דער איבעריגער משפּחה, זיינען מיר דאַריבער געפאָרן דאָרט אַרום. אין דער נאַכט אויף י״ט תּמוז זיינען מיר פאַרפאָרן אויף נאַכטלעגער אין דאָרף בארטניקי, װאָס געפינט זיך אויפן ברעג דנעסטר.

אין יענער נאַכט איז אין דאָרף ברעזיע נעבן באָלעכאָװ געהרגעט געװאָרן אַ אָנגעזעהענער איד פון דער קהלה, דער אלוף ר׳ רפאל ע״ה, װעלכער האָט אין דעמזעלבן יאָר פאַרן טויט אויסגעבויעט אַ שיין הויז אויף דער שטאָט־גאַס און האָט ניט זוכה געװען דאָס צו באַנייען, װייל ס'זיינען אויף אים אָנגעפאַלן נאַכט־גזלנים, אים געהרגעט, און ער איז געשטאָרבן אָהן קינדער. זיין דירה איז געבליבן באַ זיין װייב דער אַלמנה, װעלכע האָט חתונה געהאַט פאַר ר׳ איתמרן ע״ה, אַ איד אַ תּלמיד חכם אַ גוטער מוהל

---

[1]) די אידישע קהלות האָבן שטענדיג געליטן פון די שילער־געלויפס. װען די שילער פלעגן אַלע קריסטליכע שולן פלעגן אָנפאַלן אין די גאַסן אויף אידן, ראַבעװען און שלאָגן.

[2]) Strzeliska – א שטעטל אין גאַליציע.

און אַ גרויסער בּריה. נאָך זיין טויט איז די דירה פאַרקויפט געוואָרן אָדער איבּערגעגאַנגען בּירושה צו ר׳ מיכל ר׳ זיינוויִלס ע״ה דעם אויבּן־דערמאָנטן קרוש ר׳ רפאלס אלמנהס שוואנער. איצט איז אָט דאָס הויז בּירושה בּאַ ר׳ זיינוויל ר׳ מיכלס. לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער ענין, ווי מיר האָבּן זיך געגרייט פאָרן בּשלום קיין אונגאַרן בּריינגען דעם וויין, וואָס מיר האָבּן שוין לאַנג געקויפט אין טאָקאַי, ווי כ׳האָבּ אויבּן בּאַשריבּן.

מיר האָבּן גענומען אין די נאָהענטע דערפער, וואָס געהערן צו דער שטאָט מונקאטש, פורן איינגעשפּאַנט מיט אָקסן און געקומען מיט זיי קיין טאָקאַי, וואו ס׳זיינען געשטאַנען די שוין לאַנג געקויפטע צוויי אין זיבּעציג פאַס גוטער וויין. מיר האָבּן נאָך צוגעקויפט אַן ערך פערציג פאַס גוטן וויין. די פורן זיינען געקומען צופאָרן, פאַרנומען אַלע ווײנען און געקומען בּיזן פאַראָם איבּערן טייך טיס פון יענער זייט טאָקאַי, וואו ס׳געפינט זיך איצט אַ גרויסער בּריק, וואָס איז דורכן קיר״ה געבּויעט געוואָרן מיט גרויסע הוצאות. אין יענער צייט האָט מען געמוזט איבּערפאָרן דעם ראָזינגן טייך מיט פאַראָם אָדער שיפן.

אונזערע בּעלי־עגלות די גויים האָבּן, שטייענדיג אויפן בּרעג טייס נעבּן דער שטאָט טאָקאַי, שטאַרק זיך אָנגעשכּורט, ווייל זיי האָבּן געטרונקען אַ סך וויין. איך בּין געגאַנגען זיי טרייבּן, זיי זאָלן וואָס ניכער אַריבּערגיין דעם טייך כל זמן ס׳איז נאָך טאָג. נעבּן דער שטאָט איז ניט געווען קיין פּאַשע פאַר זייער פי. דערווייל איז געוואָרן נאַכט, און איין גוי פון די בּעלי־עגלות איז צוגעגאַנגען צו מיר מיך אַרומנעמען, ווי דער שטייגער פון שכּורים, זאָגנדיג: „זאָלט וויסן דעם טעם פונם וויין, וואָס מיר טרינקען היינט, וואָלסט דו אונז געוויס ניט געטריבּן״. דער ריח פון וויין איז אַרויס פון זיין מויל און כ׳האָבּ דערפילט, אַז דאָס דאַרף זיין אַלטער וויין. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מ׳פאַרקויפט דעם ראָזינגן וויין צו זיבּן צל אַ קוואָרט.

תיכּף האָבּ איך בּאַם פריץ פּאַטאַי אין שטוב איבּערגערעדט מיטן ראָזינגן אידן דעם שיינקער פון טאָקאַי, וועלכער האָט געהייסן ר׳ יוסף; ער האָט מיר דערציילט, אַז דער וויין איז דאָרט אין אַנטאַלן, ווייל נאָכן טויט פונם ראָזינגן פריץ זיינען איבּערגעבּליבּן הונדערט אַנטאַלן אַלטער וויין, וועלכער איז זויער געוואָרן, און דעם פריצעס אלמנה האָט זיי געמוזט פאַרקויפן בּזול. ס׳האָט זיי געקויפט דער בּאַוואוסטער קצין ר׳ אליעזר דער גרויסער פון דער שטאָט קאראָלי (אין קאראָלי איז דאַמאָלס אויך געווען איינער ר׳ אליעזר אשכּנזי ע״ה, האָט מען אים גערופן דער קליינער). דער ראָזינגער ר׳ אליעזר דער גרויסער האָט גענומען די הונדערט אַנטאַלן וויין פאַר הונדערט דוקאַטן אויף בּאָרג אויף אַ יאָר און גיט זיי די שיינקערס צו פאַרקויפן לאחרים אין די דערפער. ער האָט געהאַלטן בּאַם ראָזינגן פריץ

עטליכע קרעטשמעס. דערציילט ער מיר, אַז אויף דער וואָך האָט מען אים געבראַכט אַכט אַנטאַלן פון די ראָזינגע ווייַנען. ווען כ׳האָב דאָס דערהערט, בין איך תיכף געגאַנגען צו אים אַהיים, זיך אַראָפּגעלאָזט אין זיין קעלער, פאַרזוכט דעם ווייַן פון די אַנטאַלן און געפונען צווישן זיי זעקס פולע און זעהר גוטע, האָב איך זיי גוט דערגאָסן און פאַרשטאָפּט די אַנטאַלן, ווי ס׳דאַרף צו זיין, כּדי כ׳זאָל ניט דאַרפן זיך אַראָפּלאָזן נאָכאַמאָל אין קעלער אַריין. וועגן דעם אַלעם האָב איך גענעבן צו וויסן דעם ברודער ר׳ אריה ליב ע״ה, וועלכער האָט תיכף געשמועסט מיטן ראָזינגן שיינקער ר׳ יוסף און איז מיט אים מושוה געוואָרן מכּחן מקח — ער האָט אים געגעבן פערצען דוקאַטן פאַר די דערמאָנטע זעקס אַנטאַלן. ס׳זיינען געקומען די גויים די בעלי־עגלות, גענומען די ראָזינגע זעקס כּלים ווייַן אויף די פּלייצעס און אַרויפגעלעגט אויף זייער פור.

מיר זיינען בשלום געקומען קיין לוואָוו מיט אַן ערך הונדערט צוואַנציג פאַס זעהר גוטן ווייַן, וועלכער איז פאַרקויפט געוואָרן לויט זיין ווערט מיט היפשן ריוח. אין משך פון קאָנטראַקטן איז פאַרקויפט געוואָרן דער רוב ווייַנען אין די פעסער; די זעקס אַנטאַלן זיינען געבליבן און באַשטימט געווען פאַר די גלחים די קאַנאָניקער פון דער יעפּאַרכיע און פאַר אַנדערע פּריצים, וואָס זיינען זיך נוהג טרינקען אַלטן ווייַן. פון פיר כּלים איז דער ווייַן פאַר־קויפט געוואָרן אָדער צעטיילט געוואָרן יערע פלאַש פאַר אַ גאָלדענעם רוקאַט, און די ראָזינגע פיר אַנטאַלן זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיטן גוטן ווייַן, וועלכער איז פאַרקויפט געוואָרן אידן־סוחרים קיין דאַנציג און לייפּציג. די אַנדערע צוויי אַנטאַלן זיינען געבליבן פול און געשטאַנען ביז נאָך פּסח. איינמאָל איז דאָ אין די קאַרמעליטער גלחימס מויער איינגעשטאַנען אַ גרויסער פּריץ, דער קיעווער וואָיעוואָדע פּאָטאָצקי, ווייל די קריסטן האָבן דאַמאָלס געפייערט עפּעס אַ יובל[1], אַ יאָר אין וועלכן ס׳ווערט לויט זייער אמונה פאַרגעבן די זינד. דער דאָזינגער פּריץ איז געקומען קיין לוואָוו רינען גאָט, כּדי די זינד זאָלן פאַרגעבן ווערן, און האָט באַדאַרפט יערן טאָג גיין דאַווענען אין אַלע לוואָווער קלויסטערס. די קאַרמעליטערס הויז שטייט אין מיט שטאָט, האָט מען דאַריבער דאָס אויסגעקליבן אַלס אַכסניא פאַרן דאָזינגן פּריץ; מ׳האָט געבראַכט אַלע צרכים זיינע, אויך אַן אַנטאַל אַלטן ווייַן, וואָס מ׳האָט געקויפט באַ די יעזואיטער גלחים פאַר הונדערט זעקס און דרייסיג רוקאַטן. זאָגט מיר זיין רינער דער קעלער־פאַרוואַלטער, איך זאָל אים געבן עפּעס אַ גוט רערל אויף אָנפילן די קליינע פלעשער, אין וועלכע מ׳שטעלט ווייַן צום טיש, און דערציילט מיר, וואָסער אַ טייערער

[1] אין דער קאַטוילישער קירך איז יעדעס 25־טע יאָר א יובל־יאָר, אין וועלכן מ׳בעט אויף מוחל זיין די־זינד.

דער גלחשער ווײַן איז. כ׳האָב אים געגעבן אַ רעדל, בין געגאַנגען מיט אים אין קעלער אַרײַן, ער האָט מיר געגעבן פּאַרזוכן דעם ווײַן און זאָגט, אַז דער ווײַן איז פֿונם יאָר 1700 לויט זײַער חשבון. נאָכן פּאַרזוכן ענטפֿער איך אים, אַז בײַ אונז זײַנען פֿאַראַן צוויי אַנטאַלן מיט גוטן אַלטן ווײַן. דער רינער האָט געזאָגט, כ׳זאָל אים געבן פּראָבעס, וועלכע ער האָט געוויזן דעם פּריץ, און זיי זײַנען אים געפֿעלן געוואָרן. מ׳האָט גערופֿן דעם ברודער אריה ליב ע״ה, און ער איז געקומען צום פּריץ ריידן מכּחן מקח.

דער ברודער האָט געזאָגט: „אַזוי ווי ס׳איז יערערן באַוואוסט, אַז דער פּריץ זאָל לעבן איז אַ גומל חסד מיט אונזערע ברידער אידן, וועלכע זײַנען אין אַ גרויסער צאָל צעזייט אין זײַנע גיטער, און ווײַל גאָט האָט מיר באַשערט צו רינען אונזער פּריץ זאָל לעבן, וועל איך אָפּלאָזן די ראָזינע צוויי אַנטאַלן מיט מײַן ווײַן אָהן שום ריווח און וועל דעם פּריץ מותּר זײַן די צוויי הונדערט רוקאַטן פֿונם מקח, לויט וועלכן די גלחים האָבן פֿאַרקויפֿט איין אַנטאַל פֿאַר 136 רוקאַטן; הגם מײַנע אַנטאַלן זײַנען לויטן קאָליר און טעם אַביסל חשובער, וועל איך ראָך זיי פֿאַרקויפֿן דעם פּריץ פֿאַר 72 רוקאַטן״. די מעשה איז דעם שר שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, האָט שטאַרק געראַנקט אים פֿאַר דער ותּרנות און געהייסן תּיכּף באַצאָלן דעם ברודער ע״ה די 72 רוקאַטן. יענער האָט דאָס געלט מקבּל געווען מיט פֿולווערטיגע רוקאַטן און מ׳האָט די אַנטאַלן פֿאַרחתמעט מיטן שררהס שטעמפּל.

אין אָב תּקי״א זײַנען מיר נאָך אַמאָל געווען אין טאָקאַי און טערצאַל און געקויפֿט העכער הונדערט פֿאַס ווײַן, אַלע גוטע לויטן טעם און במקח השווה. ביז נאָך קאָנטראַקטן תּקי״ב האָבן מיר אַלץ פֿאַרקויפֿט מיט היפּשן ריווח. פֿון די דריי סעזאָנען, ד. ה. פֿון דריי יאָר איז אונז פֿאַרבליבן דרײַסיג אַנטאַלן אָדער פֿינף פֿאַס ווײַן סוכייאַגאַר, אויף דײַטש הייסט דאָס טרוקן־בעער אָדער אויסבראָך, וואָס ווערט געמאַכט פֿון טרוקענע זעהר זיסע טרויבן און מ׳קאָן אים דאַריבער ניט פֿאַרקויפֿן, ווײַל ער איז שטאַרק זיס. דער ווײַן איז געבליבן שטיין בײַם קרויז־יעגער בעלסקי אין הויז, וואָס האָט ראַמאָלס געהייסן דער מעטראָפּאָליטאַנסקי הויף. דעם ראָזינן הויף האָט ראַמאָלס געהאַלטן ר׳ משה שנאַפּיק, אַ לײַטישער און פֿײַנער מענש. מיר האָבן אים אויך איבערגעגעבן די שליסל פֿונם קעלער, כּדי ער זאָל שטענדיג אַכטונג געבן אויף די פֿעסער ווײַן, ס׳זאָל ניט געשען קיין שאָדן. די איבעריגע ווײַנען, וואָס מיר האָבן געבראַכט נאָך דעם, האָבן מיר אויך אָפּגעלעגט אין די קאַרמעליטער גלחים׳ס קעלערס, אין זײַער מויער אַקעגן האַליטשער טויער, צו פֿאַרקויפֿן זיי דאָרטן ווי פֿאַראַיאָרן. די גלחים האָבן אונז געגעבן אויך אַ דירה אין זײַער מויער אין דער צווייטער טיר רעכטס בײַם אַרײַנגאַנג אין הויז; אינם ראָזינן צימער, וואו איך בין געשלאָפֿן 25 יאָר,

איז איצט דאָרט איינגעריכטעט די קאַנצעלאַריע פון דער קירה״שער פּאָסט, דורך די פענסטער פונם דאָזיגן חדר דערהאַלטן שוין פון אַ סך יאָרן אַלע איינוואוינער זייערע בריף פון דער לוואָווער פּאָסט.

איינמאָל איז צום דאָזיגן ר׳ משה שנאַפּיק געקומען אַ מלוכה־באַאַמטער פון פּעטערבורג אין דער מאָסקוויטער מדינה, וועלכער איז געפאָרן קיין אונגאַרן קויפן גוטן טאָקאַיער ווײַן. דער דאָזיגער ר׳ משה שנאַפּיק האָט זיך פון דעם דערוואוסט און זאָגט צו אים: „פּריץ, בײַ מיר איז פאַראַן צו פאַרקויפן אַ סך גוטן טאָקאַיער ווײַן״. ענטפערט יענער: „גוט, אויב דער ווײַן איז גוט און איז ראוי צום קייזערליכן טיש, וועל איך קויפן״. דרײַ אַזײַגער באַנאַכט איז געקומען דער דאָזיגער ר׳ משה צו מיר אין שטוב אַרײַן, האָט מיך אויפגעוועקט און איך בין מיט אים געגאַנגען איבעררײדן מיטן דערמאָנטן באַאַמטן. כ׳האָב אַרויסגעזעהן, אַז ער איז ווירקליך געשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד, ווײַל מיט אים צוזאַמען זײַנען געקומען צען באַוואָפנטע פאַרשוינען פונם קייזערליכן חיל. ער איז מיט מיר געגאַנגען אין קעלער אַרײַן, האָט פאַרזוכט דעם ווײַן. און אַלע פופצען פאַס, אויך איינינגע אַנטאַלן, וואָס גײען צווײ אויף אַ פאַס, זײַנען אים געפעלן געוואָרן. גלײַך דאָ אין קעלער האָט ער מסכים געווען צו צאָלן עלף רוקאַטן פאַר יעדן אַנטאַל. איך האָב געבעטן צו צוואַנציג אָדער לכל הפחות צו אַכצען רוקאַטן פאַר אַן אַנטאַל. אַז ס׳איז טאָג געוואָרן, זײַנען מיר געגאַנגען דאַוונען שחרית. טרעפט זיך, אַז פונם שטאָט איז צום באַאַמטן געקומען דער ווײַן־סוחר אינגאַץ אַ גרעק, זײַנער אַ גוטער באַקאַנטער, און דער באַאַמטער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט פאַרזוכט אונזערע ווײַנען און ער גיט צו עלף רוקאַטן פאַר אַן אַנטאַל, דער איד וויל זיי אָבער ניט פאַרקויפן און וויל שטאַרק טייער. האָט דער דאָזיגער סוחר דער גרעק געענטפערט און געזאָגט: „זיי ווייסן, אַז דאָ אין לוואָוו זײַנען פאַראַן נאָך אַ סך אידן, וואָס ברײַנגען אַהערצו אַ סך ווײַן צו פאַרקויפן, און אַ סך פון אונז האָבן געקויפט גוטן ווײַן צו אַכט רוקאַטן פאַר אַן אַנטאַל, ניט מער. אינם גרויסן הויף פונם רוסישן וואָיעוואָדע פירשט טשאַרטאָריסקי זײַנען אַלע קעלערס פול מיט אַזוינע אונגאַרישע ווײַנען, וועלכע ס׳ברײַנגען סקאָלער אידן און פאַרקויפן זיי דאָ בזול״. דער מאָסקוויטער שליח האָט אים געפאָלגט און זיך געקליבן גײן אָנקוקן די ווײַנען, וואָס געפינען זיך בײַ די סקאָלער סוחרים. זאָגט ער צו מיר: „קום אויך מיט מיר און ווען וועסט זיך אויסגלײַכן מיטן מקח, וועל איך קויפן בײַ זיי און בײַ דיר אַלע ווײַנען״. איך בין מיט אים געגאַנגען. ווען מיר זײַנען געקומען צום קעלער, איז אונז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן דער אלוף ר׳ יהודא ליב ר׳ אלקנה׳ס ע״ה פון סקאָלע, וועלכער האָט דאַמאָלס געהאַט אַ היפּשן סכום ווײַן, און געזאָגט צום מאָסקוויטער: „אויב דער

ראָזינגער סוחר דער איר וועט מיט דיר גיין אין קעלער אַריין, וועל איך ניט עפענען מיין קעלער און ניט ווייזן מיינע וויינען". אַז כ'האָב דאָס דערהערט, האָב איך געזאָגט צום גוי: „זיי געזונט"! און זיך אומגעקערט אַהיים. מיט מיר איז אויך אַוועקגעגאַנגען ר' יעקב קלימצער פון סקאָלע. איידער כ'בין נאָך דערגאַנגען אַהיים, האָט דער מאָסקוויטער באַאַמטער שנעל זיך אומגעקערט פון ראָרטן דורך אַן אַנדער גאַס, תיכּף מיך געשיקט רופן און אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט מיר. כ'האָב אַרויסגעזעהן, אַז ער וויל קויפן, נאָר דער גרעק איגנאַץ האָט פאַר אים אָנגערעדט, אַז די אונגאַרישע וויינען ווערן אין לוואָוו פאַרקויפט בזול, ווי כ'האָב שוין אויבן דערציילט, אַכט רוקאַטן פאַר אַ גוטן אַנטאַל וויין. דאַריבער איז דעם שליח געווען שווער צו מוסיף זיין אויפן מקח און באַצאָלן פאַר די וויינען דאָס, וואָס זיי האָבן דעם ווערט. ער האָט געזעהן, אַז איך בין נאָך אַ יונגערמאַן, 23 יאָר אַלט[1]). דער עלטערער ברודער מיינער ר' אריה ליב ע"ה איז געווען אין דערהיים אין באָלעכאָוו און האָט מיך אַליין איבערגעלאָזט באַ די וויינען, וואָס האָבן זיך געפונען אין לוואָוו: אין די צוויי קעלערס פונם גלחישן מויער, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף צו פאַרקויפן לאחרים קוואָרטן־וויז, און אינם דריטן קעלער באַם פּריץ בעלסקין אין הויף זיינען געשטאַנען די גוטע וויינען, דרייסיג אַנטאַלן סוכייאַגאַדער אָדער אויסבראָך; די ראָזיגע וויינען זיינען געבליבן אונטער מיין השגחה, די שליסלען זיינען געווען באַ מיר און כ'האָב געהאַט רשות זיי פאַרקויפן, וייל מיר איז געווען באַוואוסט זייער קויף־פּריז אין אונגאַרן און די הוצאות, ביז זיי זיינען געבראַכט געוואָרן אויפן אָרט, לויט די חשבונות, וואָס זיינען געווען תמיד באַ מיר אין דער האַנט. כ'האָב געוואוסט, וואָס זיי קאָסטן צום פאַרקויפן און כ'האָב באַשלאָסן ניט פאַרקויפן פאַר ווייניגער פון דרייסיג רוקאַטן אַ פאַס און פופצען פאַר אַן אַנטאַל. דער ראָזינגער מאָסקווער גוי אָבער האָט אויך אַזעלכע וויינען געוואָלט קויפן בזול, ווי ס'האָט אים פאַרזיכערט דער גריכישער סוחר איגנאַץ; ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג, כּדי מיך אָפּנאַרן, איך האָב אָבער זיך געהאַלטן פעסט באַם מקח צו פאַרקויפן יערן אַנטאַל פאַר אַכצען רוקאַטן. דער ראָזינגער קונה האָט זיך געגרייט מיט זיינע מענטשן אין וועג אַריין, זיי זיינען שוין אַפילו אַרויסגעפאָרן מיט דער פור פון דער אכסניא און האָבן מיך געפרעגט, איך זאָל זיי זאָגן אַלערלעצט דעם מקח. כ'האָב געענטפערט, אַז כ'האַלט מיר באַ מיין וואָרט, אַכצען רוקאַטן אַן אַנטאַל, ביז דער מאָסקוויטער, וואָס איז געזעסן אין זיין פאַעטאָן, האָט מיך צוגערופן און האָט מסכּים געווען געבן 36 רוקאַטן פאַר יערער פאַס.

[1]) אַ טעות. ר' בער איז דאַמאָלס עלטער געווען.

כ׳האָב אים נעגעבן מיין האַנט, און מיר זיינען מושוה געוואָרן מיטן מקח. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין אכסניא אַריין, פאַרבליבן אויף נעכטינן, האָט מיר געגעבן פופציג רוקאַטן אויף אַן אדרויף און ס׳איז אָנגעשריבן געוואָרן דער קאָנטראַקט צווישן אונז. אויף די פעסער האָט ער געהייסן געבן נייע רייפן נאָך דעם, ווי ער האָט זיי פאַרחתמעט מיט זיין שטעמפל. דאָס איבעריגע געלט, וואָס קומט, האָט ער לויטן קאָנטראַקט זיך מתחיב געווען שיקן אונז פּולווערטיגע רוקאַטן דורך די פורן, וואָס וועלן קומען נעמען דעם וויין.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער פאָרט פון דאַנען קיין טאָקאַי קויפן דאָרט נאָך וויין. זאָג איך צו אים: „פריץ, אויב וועסט זיין אין טאָקאַי, זיי אַזוי גוט און באַצאָל דעם סוחר דעם גרעק לאַזאַר יאַנוש[1]) הונדערט זעכציג רוקאַטן לויטן וועקסל, וואָס ער האָט מיטן ברודער אריה ליבס חתימה. דער מאָסקווער שליח האָט איינגעשטימט און מיר צוגעזאָגט דאָס טון. ער האָט אָפּגעצאָלט דאָס געלט, און דער סוחר לאַזאַר יאַנוש האָט אָנגע־שריבן און זיך געחתמעט אויפן דאָזיגן צעריסענעם וועקסל, אַז ער האָט מקבל געווען דעם גאַנצן סכום 160 רוקאַטן, וואָס ס׳קומט אים לויטן וועקסל. במזומנים האָט ער געשיקט 240 רוקאַטן און דער אַדרויף 50 רוקאַטן, מאַכט צוזאַמען 450 רוקאַטן פאַר דרייסיג אַנטאַלן צו 15 רוקאַטן[2]). באַם מסחר מיטן דאָזיגן וויין האָבן מיר מרויח געווען אַ העלפט פונם פרייז, 225 רוקאַטן, ד. ה. איינס אויף איינס. די דאָזיגע מכירה האָב איך געמאַכט אַליין, ווייל דער ברודער ר׳ אריה ליב ע״ה איז געזעסן אין דערהיים אין באָלעכאָוו און מיך האָט ער איבערגעלאָזט אין לוואָוו מיט די ווייַנען אין די קעלערס. מיט מיר איז ניט געווען קיין שום משרת, נאָר מיין עלטערער זון יהושע ע״ה, וועלכער איז דאַמאָלס אַלט געווען ניין יאָר און געווען קראַנק אויף די פיס, האָט מען אים געבראַכט קיין לוואָוו זוכן אַ רפואה פאַר זיין קרייַנק. בשעת ער איז געווען מיט מיר, הגם ער האָט ניט געקאָנט גיין, נאָר מיט זיין חכמה האָט ער געוואוסט אַלץ, וואָס אין שטוב טוט זיך, און מיט פאַרשטאַנד אַכטונג געגעבן אויף אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט אין שטוב און אין די קעלערס. איך האָב געמוזט אַכטונג געבן און אָנגרייטן אַלע נויטיגע זאַכן פאַר זיין קרייַנק, פאַרנעמען זיך מיטן לאחרים־מסחר אינם גלחישן הויז,

---

[1]) דער מחבר רופט אים אָן לאזאר יאנוש אזוי, ווי מ׳רעדט אין אונגארן – פריהער דעם פאמיליענאמען, דערנאָך דעם אייגננאמען. דער דאָזיגער יאָהאן לאזאר, וואָס ווערט דאָ דער־מאָנט, איז געווען איינער פון די אָנגעזעהענסטע וויין־הענדלער אין טאָקאי.

[2]) נאָר וואָס האָבן מיר געהערט, אז דער מאָסקווער קאָמיסאר האָט באוויליגט צו צאלי־18 דוקאטן אן אנטאל.

פֿאַרקױפֿן װײַן אײַנצינװײַז יעדערן, װאָס קומט טרינקען; אַלץ איז געטאָן געװאָרן דורך מיר אַלײן. און אױך דעם מסחר מיטן פֿאַרקױפֿן װײַן דעם מאָסקװיטער האָב איך אַלײן פֿאַרענדיגט.

ראַמאָלס איז בײַ ר׳ משה שנאַפּיק אין שטוב אײַנגעשטאַנען אַ װײַן־סוחר פֿון סקאָליע, דער קצין ר׳ יעקב קלימצער, מײַנער אַ קרוב, מײַן מומעס אַ אײניקל, ר. ה. מיט מיר אַ שלישי בשלישי. ער האָט געזעהן די מעשה מיטן פֿאַרקױפֿן דעם ראָזינגן װײַן דעם מאָסקװיטער און פֿרעגט מיך: „װיפֿיל האָסט דו חלק אינם ראָזינגן מסחר מיט דײַן ברודער“? האָב איך אים געענטפֿערט, אַז איך נעם אַ דריטל פֿונם ריוח. אין דער אמתן איז ן ברודער אָפּגערעדט געװאָרן, און ער האָט מבטיח געװען מיר נאָר אַ ערט־חלק פֿונם ריוח. פֿון ר׳ יעקבס רײד האָב איך פֿאַרשטאַנען זײַן .ה, אַז ער װיל זעהר מאַכן מיט מיר שותּפֿות אין װײַן־האַנדל. מ׳האָט מיר אַפֿילו קײן פֿערט־חלק אױך ניט געגעבן, און דער ברודער מיט זײַן װײַב דער באַװאוסטער גבירנטע רחל ע״ה האָבן מיט מיר משנה געװען. זי האָט אַרױסגעקוקט אױף זײַן טױט (הגם זי האָט געהאַט אַ גרױסע תּוספֿת־כּתובֿא) און האָט מורא געהאַט, איך זאָל װיסן עפּעס פֿון זײַן ירושה. זי האָט אױך מקנא געװען מײַן װײַב לאה ע״ה, װעלכע האָט באַקומען אַ נאָמען צװישן אידן און גױים להבדיל פֿון אַ גאַנצער גבירה. צוליב דער קנאה, װאָס האָט קײן תּקנה ניט, איז בײַ איר געװאַקסן שנאה אין האַרצן. װען כ׳האָב דאָס דערזעהן, האָב איך געמוזט מסכּים זײַן צעטײלן זיך מיטן שותּפֿות, װאָס כ׳האָב געפֿירט צוזאַמען מיטן ברודער ע״ה אין משך פֿון דריט־האַלבן יאָר.

לױט די חשבּונות פֿון די רײסטערס, װאָס זײַנען בײַ מיר געפֿירט געװאָרן, זינט מיר האָבן אָנגעהױבן דעם מסחר מיטן ברודער, זײַנען מיר געװען דרײַ מאָל אין טאָקאַי קױפֿן װײַן פֿאַר היפּשע סכומים; כ׳האָב קלאָר געמאַכט אַלע הוצאות פֿון די װײַנען־קניות און די הוצאות פֿון די פֿורן אױף ברײנגען זײ, אַלע הוצאות פֿון אונזערע נסיעות קײן אונגאַרן און אונזערע הוצאות אין לװאָװ בײַם פֿאַרקױפֿן דעם װײַן. אױך דעם ברודערס הוצאות פֿון זײַן נסיעה נאָך דער מכירה פֿונם װײַן קײן בראָד, װאו ער האָט אױסגעגעבן אַ היפּשן סכום, העכער צװײ טױזנט פּױלישע גילדן, װײל ער האָט דאָרטן געקױפֿט קלײדער און תּכשיטים פֿאַר זײַן װײַב און האָט באַצאָלט פֿאַר אַ גאַרניטור פֿון דער פּרײסישער קיניגנס קלײדער אַכטציג דוקאַטן. די קלײדער זײַנען געװען פֿון גוטער װײדענער מאַטעריע פֿאַרטשאַ און געשטיקט מיט גוט גאָלד, אַז ס׳איז נאָך אַזױנס אין אונזער לאַנד ניט געזעהן געװאָרן. דער ברודער האָט געװאָלט אױך מײַן װײַב דער צנועה לאה ע״ה געבן אַ יופּקע אָדער אַ קאַפּטן; װען ער איז אָבער געקומען אַהײם, האָט זײַן

ווייב רחל ע"ה אויסגעכאַפּט אַלצרינג צו זיך אין די הענט און האָט אונז ניט געגעבן פון דעם אַפּילו, וואָס האָט דעם ווערט אַ פּרוטה. כ'האָב דעם ברודער מותר געווען אויך די הוצאה און ס'איז איבערגעבליבן ריינער ריוח נאָכן מנכה זיין דעם קרן, וואָס ס'איז אַריינגעלעגט געוואָרן אין מסחר בײַ דער התחלה פון די וויין־קניות, פּערצען טויזנט פּוילישע גילדן.

פונדעסטוועגן בין איך אַרויס מיט אַכציג רוקאַטן אויף מיין חלק. כ'האָב געהערט, אַז סקאָלער פאַרשוינען האָבן געבראַכט פון אונגאַרן גוטן וויין. האָב איך געטראַכט, אַז מ'דאַרף קויפן עטליכע פאַס, פירן קיין לוואָוו און פאַרקויפן זיי אונזערע באַקאַנטע פּריצים נאָך איידער ס'וועט קומען דער ברודער מיט זיין וויין. כ'בין געקומען קיין סקאָלע און פאַרפאָרן צו ר' יעקב קלימצער ע"ה, האָב פאַרזוכט וויינען בײַ אַ סך סוחרים און ניט געקאָנט אויסגלייכן זיך מיט זיי, בין איך געבליבן נעכטיגן און אויף אין דערפריה האָב איך ווי ס'דאַרף צו זיין אָנגעזאָטלט מיין פערד און געגאַנגען זיך געזעגענען מיט ר' יעקבן דעם בעל־הבית פון מיין אכסניא. ער איז נאָך געליגן אין בעט און געשלאָפן, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, גלייך אויפגעשטאַנען פונם בעט, אָנגעכאַפּט די צוים פון מיין פערד און געבעטן מיך, איך זאָל ניט אַוועקפאָרן, ביז מ'וועט אָפּדאַווענען שחרית אין שול. ער איז תיכּף אַוועקגעגאַנגען און איבערגערעדט מיט די וויין־הענדלער און בײַ ר' מאַנוס האָבן מיר געפונען עלף פאַס גוטן וויין, מיר האָבן זיך אויסגעגלייכט מיטן מקח און באַצאָלט דעם פּרייז פון דער קעשענע. דאַמאָלס האָט דער דאָזיגער ר' יעקב אַרויסגעזאָגט זיין כונה מיטן מויל און זאָגט צו מיר: „גוטער ברודער, ר' בער, לאָמיר מאַכן צוזאַמען שותּפות; די וויינען, וואָס דו האָסט געקויפט בײַ ר' מאַנוסן, גיב איין אין שותּפות אַריין, און איך וועל געבן אַקעגן דרייצען פאַס פון מיין וויין, וועלכער איז אַביסל בעסער פון ר' מאַנוסעס וויין, ווי דיר איז באַוואוסט, ווייל דו האָסט אים פאַרזוכט. מיר וועלן ביידע פאָרן קיין לוואָוו, אפשר וועט גאָט געבן און מיר וועלן פאַרקויפן דעם וויין, איידער ס'וועלן אָנקומען אַנדערע סוחרים". כ'האָב אים געפאָלגט און מיר האָבן געמאַכט צווישן זיך אַ שותּפות־כתב.

מיר זיינען געקומען מיטן וויין קיין לוואָוו אין אלול תּי"ב און אים אָפּגעלעגט אין די קעלערס פון די קאַרמעליטער גלחים'ס מויער, וואו כ'פּלעג פאַרקויפן דעם וויין, וואָס האָב געהאַט מיטן ברודער בשותּפות. נאָך האָב איך געקויפט אין לוואָוו בײַם אלוף ר' יהודא ליב לישוויצער ע"ה, וועלכער איז געזעסן אין לוואָוו מיטן זיין שוואָגער דעם קצין ר' נחמנס וויינען, האָב איך בײַ אים געקויפט אַכצען פאַס גוטן וויין; ער האָט ניט געטויגט צו ריידן מיט די פּריצים און ניט געקאָנט זיי פאַרקויפן, האָט ער דאַריבער געמוזט זיי פאַרקויפן אונז פאַרן קרן. אויך פון די דאָזיגע וויינען האָבן מיר פאַר־

קויפט אַ סך פעסער. רעם איבעריגן וויין האָבן מיר איבערגעלאָזט אין לוואָוו אויף דער השגחה פון מיין ברודער ר׳ אקסילראר בענרעט ע״ה. אויך מיין שותף ר׳ יעקב האָט איבערגעלאָזט אין לוואָוו באַם ווין זיין ברודער ר׳ יצחק ע״ה. מיר האָבן צונויפגעזאַמלט דאָס גאַנצע געלט פונם פריון, און איך מיטן שותף האָבן זיך צונעגרייט און געפאָרן קיין אונגאַרן.

אָנהויב חשון תק״יב זיינען מיר געקומען קיין מישקאָלץ און געקויפט דאָרט אַ היפשן סכום מיטלע ווינען, ווייל די אַלטע מאַשלאַש־וויינען זיינען מער ניט בנמצא געווען צו קויפן. באַם סוחר דעם גרעק זאַמבעק האָבן מיר געזעהן איינינע אַלטע מאַשלאַש־וויינען, ער האָט אָבער ניט געוואָלט פאַרקויפן פון זיי קיין איין פאַס אַפילו...

# ערשטע הוספה

...און ער[1]) האָט מפרש געווען די ראָזינגע נביאות אויף זייער פאַלשן משיח, וואָס זינט ער איז געקומען איז צוגענומען געוואָרן די ממשלה בײַ אידן. אייניגע פון די אידן האָבן זיך אַפילו בײַמיהט צו ענטפערן און אַרויסשטעלן אַלערליי קשיות קעגן אָט דעם פירוש זייערן. ס׳קאָן ניט זיין, אַז יעקב אבינוס רייד אינם פסוק לא יסור שבט מיהודא זאל נביאות זאָגן אויף ישון. דער גלח יעקב ראַדלינסקי, אַ לובלינער קאַנאָניקער, האָט וועגן דעם אַ סך שקרים געשריבן אין זיין בוך, וואָס ער האָט מחבר געווען און אים אַ נאָמען געגעבן נאָכן רב ר׳ שמואל (אויף פויליש — סאַמאָעל ראַבין); דער בוך איז פול מיט שטותים און מיאוסע ליגנס, וואָס ס׳איז ניט כדאי אַרויסברייינגען אויף פּאַפּיר און אַרויסזאָגן פאַר קלוגע מענשן. אָט דער בוך ווינער איז צום דריטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן אין לובלין אין יאָר 1753 לויט זייער חשבון, און אין דעמזעלבן יאָר איז ער געקומען מיר צו די הענט און כ׳האָב אים געלייענט. אַחוץ אָט דעם בוך „סאַמאָעל ראַבין“, האָב איך געלייענט נאָך אַנדערע זייערע רעליגיאָנס־ביכער, וואָס ריידן וועגן אידן, שילטן און מאַכן צו שאַנד דאָס אידישע פאָלק און אונזער הייליגע תורה שבעל פה. כ׳האָב זיי אַלע געלייענט מיט גרויס עגמת־נפש, האָב אָבער אַ סך זיך אָפּגעלערנט און שטודירט זייער געלערנטע שפּראַך. כ׳האָב פון זייערע רייד אַרויסגעזעהן, ווי גרויס זייער שטות און עקשנות איז. ס׳איז שקר וכזב אַלע זייערע באַווייזן, ווייל זיי גלויבן אין אַזוינס, וואָס לא היה ולא נברא. און מיין שכר־טרחה פאַר אָט דעם מיאוסן לימוד איז געווען דאָס, וואָס ס׳איז דערפון אַרויסגעקומען אַ נוץ פאַר מיר און ממש פאַרן גאַנצן כלל ישראל. בשעתן גרויסן און באַוואוסטן ויכוח, וואָס מיר און כלל ישראל האָבן געהאַט אין לוואָוו מיט דער פאַלשער סעקטע, וואָס

[1]) ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין דעם אריינפיר, זיינען די ערשטע 42 זייטלאך פונם מאנוסקריפּט בלויז אבערזעצונגען פון צוויי היסטאָרישע ביכער, וועלכע האָבן פאר אונז קיין אינטערעס ניט. די שטעלן, וואָס האָבן א שייכות צום מחברס ביאָגראפיע, ברייגגען מיר דאָ צום סוף פון די „זכרונות“. ארומריידנדיג דעם קאָמענטאר פונם ענגלישן מחבר פריידאָ אויפן פסוק לא יסור שבט מיהודה (בראשית, קאפיטל 49, פ. 10), באמערקט ר׳ בער, אז פריידאָ איז זיך טועה.

גלויבן אין שבתי צבי ימח שמו, ווען איך בין געווען איבערזעצער פון פויליש אויף לשון קודש און פון לשון קודש אויף פויליש, האָב איך פאַר־שריבן און פאַרצייכנט אַלע קשיות און תירוצים און די תשובה, וואָס ס׳האָט געענטפערט אונזער גרויסער רב ר׳ חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט זצ״ל, דער אב בית דין פון לוואָוו און דעם קרייז, אין יאָר תקי״ט אינם גרויסן לוואָווער קאַטוילישן קלויסטער, ווי כ׳וויל אי״ה געגנוי באַשרייבן אַלץ אויף זיין אָרט.

נאָך די אַלע רייד, נאָכדעם, וואָס כ׳בין אַראַנק גאָט געבליבן זיכער מיט מיינע מיינונגען, ווי כ׳האָב באַשריבן אין אָנהויב פון מיין הקדמה, האָבן אַלע גויים, פּריצים און אַלע איבעריגע קריסטן אַרויסגעזעהן און דערוואוסט זיך, אַז כ׳קאָן לייענען אין זייערע ביכער און בין בקי אינם גאַנצן אינהאַלט פון זייער תורה מיט זייערע פילע ידיעות אין די וועלטליכע זאַכן. איין פּריץ האָט מיר געבראַכט אַ בוך פון אַ אויסלענדישן מחבר יאַן באָטעראָ בענעסיאוס איבערזעצט דורכן גלח לענציציוס פון איטאַליעניש אויף פויליש. דער בוך הייסט „טיאַטראַם סוויאַטאַ“ און איז צום צווייטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן אין קראָקע אין יאָר 1659[1]) נאָך קריסטוס געבורט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער ראָזינער מחבר שרייבט אַ סך וועגן[2])..., וואָס ס׳איז כדאי איך זאָל איבערלייענען און וויסן אַלע פּאַסירונגען, וואָס ס׳האָט געטראָפן מיט אונזער פאָלק ישראל, וועלכעס איז צעזייט געוואָרן איבער אַלע לענדער...

---

[1]) דער מחבר שרייבט תר״נט לישו און האָט אַרויסגעלאָזט דאָס וואָרט טויזנט. דער ספר, וואָס דער מחבר דערמאָנט דאָ, הייסט אויף איטאַליעניש: Relazioni Universali, ז. אַריינפיר.

[2]) פעלן עטליכע ווערטער.

# צווייטע הוספה

און מיין תשובה[3] ראַרויף, וואָס כ'האָט נעפונען אין זייערע ביכער, וועל איך אי"ה באַשרייבן אין אַ באַזונדערן חיבור. אין מיין כתב־יד האָב איך שוין אויסגערעכנט, וואָס כ'האָב איבערגעזעצט פון זייער שפּראַך אויף אונזער היילינגער שפּראַך פונם בוך „סאַמאָעל ראַבין", ד. ה. דער רב ר' שמואל, וועלכן ס'האָט מחבר געווען אַ קריסטליכער גלח יעקב ראַדלינסקי און איבערזעצט אין יאָר 1733 לויט קריסטוס פון לאַטיין אויף פּויליש און אין 1753 איז ער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין לובלין. פון אָנהויב ביזן סוף איז ער פול מיט שקרים און שטותים און ס'איז ניט כדאי צו דערמאָנען צווישן חכמים. זיינע רייד האָבן באַ די קריסטן אַרויסגערופן גרויס שנאה אַקעגן אידישן פאָלק. און ווער ס'וויל, קאָן אין אים אַריינקוקן, ווייל ער געפינט זיך נאָך ער היום באַ די גויים, און וועט זעהן, אַז וואָס ער האָט געשריבן אויף זייט 114 און ווייטער איז אַלץ ליגן...

---

[3]) ארומריידנדיג פרייד‏אָס קשיה, פארוואָס די אידן זיינען פארעקשנט און גלויבן ניט, אז משיח איז שוין געקומען, ווייזט ר' בער אָן, אז די תשובה דארויף האָט ער בדעה צו באשרייבן אין א באזונדערן ספר. די דאָזיגע שטעל איז וויכטיג, ווייל פון איר זעהען מיר ארויס, אז דער מחבר האָט געהאט בדעה צו שרייבן דעם ספר „דברי־בינה", וועגן וועלכן מיר ריידן אין דעם אריינפיר.